# תריז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר צַו ו' נִיסָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) **אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְתַקֵּן;** אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט עֶר דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלְסְדִינְג, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג) **עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ.**

**מֶען** דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, פוּן דִי אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע דָאקְטוֹרִים וָואס זֵיי רֶעדְן אַיין מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט נַאטִירְלִיכֶע גֶעווִיקְסְן וְכוּ', וָואס דָאס אִיז מַמָּשׁ סַם הַמָּוֶות וְכוּ', מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין מֶעדֶעצִין אָן אַ גְרוֹיסְן דָאקְטֶער, עֶס אִיז הַיינְט גֶעוָוארְן אַ נַייעֶ זַאךְ אַז מֶען נֶעמְט נַאטִירְלִיכֶע גֶעווִיקְסְן וְכוּ', אוּן מֶען רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער גֶעווִיקְס אִיז גוּט פַאר דִי מַחֲלָה, אוּן דִי גֶעווִיקְס אִיז גוּט פַאר דִי מַחֲלָה וְכוּ', וֶוען דִי אַלֶע גֶעווִיקְסְן זֶענֶען פָּשׁוּט סַם הַמָּוֶות, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַיינְרֶעדְן פוּן דִי אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע דָאקְטוֹרִים וָואס פַאר אַפָּאר דָאלְלֶער וָואס זֵיי פַארְדִינֶען וֶועלְן זֵיי אוּמְגְלִיקְלִיךְ

מאכן מֶענטשן, עֶס איז מְקוּבָּל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַז אוֹיב מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער זָאל מֶען גֵיין צוּ גָאר אַ גְרוֹיסְן דָאקְטֶער, אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן אַז דֶער מַלְאָךְ רְפָאֵל זָאל שְׁטֵיין אוֹיף זַיין רֶעכְטֶע זַייט, אוּן עֶר זָאל צוּטְרֶעפְן דִי רִיכְטִיגֶע מֶעדֶעצִין, דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס.) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ״א י״ט) ״וְרַפֹּא יְרַפֵּא״ מִכַּאן שֶׁנִּתְּנָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת, אוּן דִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פַארְן דָאקְטֶער צוּ הֵיילְן, אָבֶער נִישְׁט מְיַיאֵשׁ צוּ זַיין. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי פַאלְשֶׁע אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע דָאקְטוֹרִים וָואס זַיין פַארְפִירְן מֶענְטְשְׁן.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחָנִיוּת, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע נֶערְוְון אוּן דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ה׳) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ גוּט אַרוּמְזוּכְן וואוּ עֶר הַאלְט אִין אֱמוּנָה. וָוארוּם ס׳אִיז דָא אַסַאךְ לַיידֶנְ׳דִיגֶע וָואס זֵיי לַיידְן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיוּת דֶעמָאלְט הָאט עֶר שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון, אוּן עֶס פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג.**

# תריח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר צַו ו' נִיסָן ה'תשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

דוּ זָאלְסְט וויסְן אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ אִיז צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, נִישְׁט צוּ זוּכְן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פִירְן זִיךְ עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דוּ וֵוייסְט דָאס בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת נָאר דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ, לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, הַאֲרֶ'ן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, פִירְן זִיךְ אַזוֹי וִוי דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

מֶען פְלֶעגְט פְרֶעגְן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאלְן זָאגְן הַנְהָגוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי גֶעוֶוענְדְלִיךְ אַז יֶעדֶער רֶבִּי הָאט הַנְהָגוֹת וְכוּ' וְכוּ', פְלֶעגְן זֵיי עֶנְטְפֶערְן עֶפְּן אוֹיף דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ וֶועסְטוּ זֶעהְן ווִיאַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט, וָוארוּם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ אִיז גֶעוֶוען נָאר עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּהוּא זֶה.

דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר זָאל הָאבְן אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת, אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אוּן שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג, אוּן וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט, אוּן וִוי עֶר טְרַאכְט, אוּן וָואס עֶר זֶעהְט, אוּן וָואס עֶר הֶערְט, זָאל עֶר שְׁפִּירְן אֱלֹקוּת, אוּן עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ

אוּיס דָאס הַארְץ צוּ אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, דָאס אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת.

**אַ** אִיד דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד אוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, וָואס דָאס אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער מִצְוָה אִין דֶער וֶועלְט, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרֵייעֶן נָאר מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִּים ק"ד ל"ד) "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּהֲוָיָ"ה, יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ", אַז אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט מִמֵּילָא נִתְבַּטֵּל דִי אַלֶע עֲווֹנוֹת, דִי עֲווֹנוֹת קוּמְט נָאר רַחֲמָנָא לִיצְלַן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט וֶוערְט פוּן אִים פַארְהוֹילְן אַלְסְדִינְג.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זַייעֶר דוּ זָאלְסְט טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אָנְנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג נָאר בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן הַשְׂכָּלוֹת, אַזוֹי וִוי הַיינְט גֶעפִינְט זִיךְ בַּעֲלֵי דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ בַּעֲלֵי מְקוּבָּלִים וְכוּ', בַּעֲלֵי מַדְרֵיגוֹת וְכוּ', אוּן זֵיי פַארְקְרִיכְן אַוֶועק פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג, אוּן נִישְׁט נָאר זֵיי פַארְקְרִיכְן, נָאר זֵיי זָאגְן דִי אַלֶע וָואס זֵיי גֵייעֶן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג, דֶער וֶועג אִיז צוּ זַיין אַ עוֹבֵד, עוֹבְדִים, פֶּעלְד וְכוּ' וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַלֶעס אַיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אוּנְז בַּיי אוּנְז אוּן לֶעבְּן אוּנְז.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל גֶעדֶענְקְט אִיךְ נָאךְ דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן רָאטְה זִי"ע וָוארוּם מִיר הָאבְּן

גֶעוואוינְט בִּשְׁכֵינוּת, אִיךְ גֶעדֶענְק זַיין דַאוֶּועֶנֶען וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת, און מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ לֶעבְּטִיגֶע צוּרָה, אַ מְאוּיָים'דִיגֶער צוּרָה, וֶוער ס'הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין צוּרָה אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַ יִרְאָה, אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, און אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען עֶר הָאט גֶעהֵייסְן בּוֹיעֶן דִי מִקְוֶה אִין זַיין בֵּית הַמִדְרָשׁ, וָוארוּם עֶר הָאט זֵייעֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל גֵיין אִין מִקְוֶה וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם צְנִיעוּת אָן מְחִיצוֹת וְכוּ' וְכוּ', און עֶר הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר גֶעהַאקְט, ווִיפִיל מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט זַיין גֶעשְׁרֵייעֶן, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אִין מִקְוֶה, און מֶען שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט, און מֶען רֶעדְט דָארְטְן דְבָרִים בְּטֵלִים, און אַלֶעס נָאךְ פַארְ'ן דַאוֶּועֶנֶען וְכוּ' וְכוּ', דָאס אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, תְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, נִישְׁט זוּכְן קַיין חָכְמוֹת און קַיין עֲבוֹדוֹת.

**הַיינְט** אִיז זַיין יוֹם הִילוּלָא, אִיךְ גֶעדֶענְקְט נָאךְ ווִי הַיינְט זַיין לְוָיָה וָואסֶערֶע הִתְעוֹרְרוּת אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט, וָואסֶערֶע בְּכִיוֹת אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וְכוּ' וְכוּ', דָאס אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר כְּדֵי מֶען זָאל דִיר נִישְׁט פַארְנַארְן דֶעם קָאפּ, אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ וְכוּ' בַּעֲלֵי דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', דוּ זָאלְסְט פוּן זֵיי אַוֶועק לוֹיפְן ווִי מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן פַייעֶר, מִיר דַארְפְן נִישְׁט מֶער ווִי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און וֶוען אַ אִיד גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ, צוּ

רֶעדְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶּער פוּן דֶער וֶועלְט, לוּיטֶערְט עֶר
אִים זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין דַעַת, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען
צוּ אַ אֱמֶת'ער דְבֵיקוּת אִין אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ
הַאלְטְן שְׁטַארְק.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

## תריט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר צַו ח' נִיסָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר,
בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר שָׁלוֹם בַּיִת,
אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד), אַז
אַ מֶענְטְשׁ מוּז מְכַבֵּד זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן זַיין וַוייבּ.
ווִידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "בַּאטְרַאכְט זִיךְ וויפִיל צַעַר
אוּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים לַיידְן דִי פְרוֹיעֶן: צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵּידָה,
וְהַגִידוּל, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶס קוּמְט זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אָן,
אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן זֵיי
אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען".

**אוּן** וויסְן דַארְפְסְטוּ וויסְן, בַּיי אוּנְז אִיז אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן
רֶבִּי'ן קוֹדֶשׁ קֳדָשִׁים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר הִיטְן

און מְקַיֵים זַיין דֶעם דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט הַאלְטְן חָשׁוּב דַיין וַוייבּ, און זָאלְסְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט אַרוּם טַעְנֶה'ן. וָוארוּם וָואס ווִיל זִי פוּן דִיר? זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער. אִיז וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער? בַּאטְרַאכְט זִיךְ, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער - לֵייג צוּ אַ הַאנְט און הֶעלְף אִיר. און דִי חֲזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (חולין פד:), לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, שֶׁהֵן תְּלוּיִין בּוֹ וְהוּא תָּלוּי בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם.

**אוֹיבּ** דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דוּ וֶועסְט זַיין אַ וַותְּרָן און נִישְׁט קַיין קַמְצָן, וֶועסְטוּ הָאבְּן דֶעם אֱמֶת'ן שָׁלוֹם בַּיִת, און דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן גֵיין צוּ קַיין שׁוּם שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער'ס, וָוארוּם דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייט'לֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ', מִכָּל שֶׁכֵּן דִי וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּטֶע פַארֶעכֶעם וְכוּ, פָּשׁוּטֶע לֵיידִיגְגֵייעֶר'ס וְכוּ, פָּשׁוּטֶע לֵצִים וְכוּ', זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ דָא מִיט נְפָשׁוֹת וְכוּ', זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט גֶעפִילְן פוּן טַאטֶע מַאמֶע פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, ס'הָאט זֵיי אָפְּגֶעקָאסְט דִי עֶלְטֶערְן אַ וֶועלְט מִיט גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּא'חוֹבוּתְ'ט כְּדֵי חֲתוּנָה מַאכְן דִי יוּנְג פָּארְפָאלְק, עֶס פַּאסִירְט אַז דִי פָּארְפָאלְק הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ אַ מִים-פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ וְכוּ', און עֶס אִיז נָארְמַאל, וָוארוּם זֵיי קוּמֶען פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעס פוּן גֶעלְט

אָדֶער כָּבוֹד וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן פְּרָאבִּירְט צוּ מַאכְן בַּיי זֵיי שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זֵיי אוֹיפְקְלֶערְן זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּיסְט בִּיז יֶעצְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה, סְ'אִיז נִישְׁט קַיין בִּזָּיוֹן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט וַאֲנִי יָדַי מְלֻכְלָכוֹת בְּדַם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי לְטַהֵר אִשָּׁה לְבַעֲלָהּ; דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אַזֶעלְכֶע פָּארְפָּאלְקְ'ן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי מִיט דִי הַאקֶלְ'סְטֶע עִנְיָנִים וְכוּ׳, אַלֶעס כְּדֵי מְטַהֵר זַיין אִשָּׁה לְבַעֲלָהּ כְּדֵי סְ'זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֵייט צוּ אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ'ס וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען פְּשׁוּטֶע לֵצִים, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטְרֶעסִירְט אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, זֵיי זֶענֶען אִינְטְרֶעסִירְט אַז דִי פָּארְפָּאלְק זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי וָואס מֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען פַּיינִיגְן דָאס פָּארְפָּאלְק, אוּן זֵיי גֶענִיסְן פוּן דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן דִי פָּארְפָּאלְק וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין בִּכְתַב, אָבֶּער דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן מַאךְ שָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן הֵייבְּט אָן אַ נַייֶע גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן קֵירוּב לְבָבוֹת, וֶועט עֶנְק גוּט זַיין בֵּיידְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**טַאטֶע** מַאמֶע פוּן בֵּיידֶע זַייטְן מוּטְשֶׁען זִיךְ שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער בִּיז זֵיי מַאכְן חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער, וְוִיפִיל גֶעלְט וְכוּ׳, צַעַר אוּן מִיה וְכוּ׳ קָאסְט זֵיי אָפּ חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, אוּן צוּם סוֹף וֶועגְן נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת וָואס עֶס הָאט נִישְׁט קַיין

יְסוֹד אִין דִי הֲלָכָה וְכוּ' וְכוּ', וָואס כַּלָה טִיטְשֶׁער'ס לֶערְנֶען אוֹיס דָאס מֵיידְל אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע פְרוּמֶע פַאלְשֶׁע וֶועגְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין רַייבוּנְגֶען צְוִוישְׁן דָאס פָּארְפָאלְק, דִי כַּלָה הָאט בַּאקוּמֶען פַאלְשֶׁע חוּמְרוֹת וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז פַארְקֶערְט אוֹיכֶעט דֶער חָתָן הָאט בַּאקוּמֶען פַאלְשֶׁע הַדְרָכוֹת וְכוּ', אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז קוֹים מֶען רֶעדְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן וְכוּ' וְכוּ', בִּיז עֶס וֶוערְט צְוִוישְׁן זֵיי אַ אָנְגֶעצוֹיגְן לֶעבְּן וְכוּ', אוּן בַּיים סוֹף לֵיידֶער צוּשֵׁייד מֶען זִיךְ אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן, בִּיז עֶס קוּמְט אַ גֵט רַחְמָנָא לִישֵׁיזְבָן, אוּן אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת וְכוּ', אוּן מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז פְרוּמְקֵייט וְכוּ', וֶוען דָאס אִיז פָּשׁוּט שִׁגְיוֹנוֹת מְשׁוּגַעתְ'ן וְכוּ', מִיר אִידְן הָאבְּן אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ וָואס לֶערְנְט אוּנְז וויאַזוֹי דֶער צוּזַאמְלֶעבְּן דַארְף זַיין וְכוּ', מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט.) אוֹקִירוּ לִנְשֵׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ וֶועט עֶטְץ זַיין עֲשִׁירִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס"ט) אַז דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט מַאכְן שָׁלוֹם מִיט אִיר, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען טֵיילְן אַסַאךְ צְדָקָה.

**ווִידֶערְאוּם** זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ, שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵייעֶר נִישְׁט

צוּ סֶעקִירְן אוּן פֵּיינוּגֶען דָאס וַוייבּ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט סֶעקִירְט זַיין וַוייבּ וְכוּ׳, אָדֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט אִיר, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין פָּנִים אָנְקוּקְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאל דִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט אַיינְרֶעדְן מִיט פַאלְשֶׁע נַארִישֶׁע וֶועגְן, אוּן עֶס וָואלְט גֶעוֶוען רַאטְזַאם אַז דוּ מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְן גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד אוּן דוּרְכְשְׁמוּעֶסְ׳ן עֶנְקֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט עֶנְק גֶעבְּן אַ אֱמֶתְ׳ע הַדְרָכָה וויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנַקֵייט, אוּן עֶר וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דִי אַלֶע פַאלְשֶׁע הַדְרָכוֹת וָואס מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דִי אַזוֹי גְרוּפֶענֶע כַּלָּה קְלֶעס טִיטְשֶׁערְ׳ס, אָדֶער דִי חֲתָנִים לֶערְנֶערְ׳ס, וָואס זֶענֶען פְּשׁוּטֶע פַארְפִירֶערְס, אוּן זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם דָאס יוּנְגֶע פָּארְפָאלְקְ׳ן זָאלְן זִיךְ גֶטְ׳ן, פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, נָאר צוּלִיבּ פַארְקְרִימְטֶע הַנְהָגוֹת אוּן וֶועגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם יוּנְגְן פָּארְפָאלְק וָואס וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ צְווִישְׁן זֵיי גְלַייךְ בַּיים אָנְפַאנְג פוּן דִי הֵייַראט אַ מִיסְפַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ זָאלְן זֵיי גְלַייךְ גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס עֶר הָאט נִישְׁט אִינְזִינֶען קַיין גֶעלְט וְכוּ׳, אוּן עֶר וֶועט זֵיי צוּרִיקְבְּרֶענְגְן צוּזַאמֶען אוּן זֵיי זָאלְן לֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיכְן לֶעבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ כָּשֵׁרְ׳ן פֶּסַח.**

# תרכ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר צַו ט' נִיסָן התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּריוו.

**דֶער** גְרֶעסְטֶער חָכְמָה אִין לֶעבְּן אִיז וויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, וָוארוּם אִיבֶּערְגֵיין גֵייט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אִיבֶּער צָרוֹת מִיט יִסוּרִים וְכוּ' פַארְשִׁידֶענֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ וְכוּ' חוֹבוֹת אוּן דַאֲגוֹת אוּן טִרְדוֹת אוּן וָואס נִישְׁט וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דָאס מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן "הָעִיקָר שֶׁקּוֹרִין דֶערְהַאלְטִין זִיךְ" וָוארוּם אִין דֶעם לִיגְט דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה, נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם צָרָה.

**מֶען** דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַנְטְלוֹיפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס הֵייסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט עֶר אַ זִיכֶערֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז דָאס מְקַיֵים, לֶעבְּט עֶר אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס גֵייט אִים רֶעכְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח.**

# תרכא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר צַו ט' נִיסָן התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין שְׁוָואגֶער אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען, אוּן אִיךְ הָאבּ מִיט אִים אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מִיסְפַּארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ אוּן עֶר זָאל צוּרֶעדְן דַיין וַוייבּ וָואס דָאס אִיז זַיין שְׁוֶועסְטֶער אַז זִי זָאל צוּרִיקְגֵיין צוּ דִיר.

אָבֶער דִיר בֶּעדְט אִיךְ זָאלְסְט זֶעהְן טוּישְׁן דַיין הַנְהָגָה, זָאלְסְט וִויסְן, אַ וַוייבּ דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ וֶועט עֶטְץ זַיין עֲשִׁירִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט) אַז דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט מַאכְן שָׁלוֹם מִיט אִיר, אוּן זָאלְסְט זַיין פְּרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען טֵיילְן אַסַאךְ צְדָקָה.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, וָוארוּם דָאס אִיז דִי שְׁלֶעכְטְסְטֶע מִדָּה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּצַוֶּה קפ"ב.) זָאגְט, בְּמַאי אִתְיָדַע לְקָרְבָא בַּר נָשׁ בַּהֲדֵיהּ אוֹ לְאִתְמְנָעָא מִנֵּיהּ, [ווִיאַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן

אוֹיבּ מֶען מֶעג זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אָדֶער מֶען דַארְף אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן אִים?] בְּרוֹגְזֵיהּ מַמָּשׁ יָדַע לֵיהּ בַּר נַשׁ, וְיִשְׁתְּמוֹדַע מַאן אִיהוּ, [מִיט דֶעם כַּעַס פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט מֶען גֶעוָואר דֶעם גַאנְצְן מַהוּת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוער עֶר אִיז], אִי הַהִיא נִשְׁמְתָא קַדִּישָׁא, נָטַר בְּשַׁעְתָּא דְרוּגְזוֹי אָתֵי עֲלֵיהּ, דְּלָא יֶעֱקַר לָהּ מֵאַתְרָהָא, בְּגִין לְמִשְׁרֵי תְּחוֹתָהּ הַהוּא אֵל זָר, [אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ נִישְׁט צוּ זַיין אִין כַּעַס כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעריסְן וֶוערְן פוּן אִים דִי נְשָׁמָה], דָא אִיהוּ בַּר נַשׁ כְּדְקָא יָאוּת, דָּא אִיהוּ עַבְדָּא דְּמָארֵיהּ, דָּא אִיהוּ גְּבַר שְׁלִים. [דֶער מֶענְטְשׁ אִיז ווִי סְ'דַארְף צוּ זַיין, אוּן עֶר אִיז אַ קְנֶעכְט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר אִיז אַ אָדָם הַשָּׁלֵם], וְאִי הַהוּא בַּר נַשׁ לָא נָטִיר לָהּ, וְאִיהוּ עָקַר קְדוּשָׁה דָא עִלָּאָה מֵאַתְרֵיהּ, לְמִשְׁרֵי בְּאַתְרֵיהּ סִטְרָא אַחֲרָא, וַדַּאי דָּא אִיהוּ בַּר נָשׁ דְּמָרִיד בְּמָארֵיהּ, וְאָסִיר לְקָרְבָא בַּהֲדֵיהּ וּלְאִתְחַבְּרָא עִמֵּיהּ, [אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הִיט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ נִישְׁט צוּ זַיין אִין כַּעַס, אוּן עֶר רַייסְט אַרוֹיס פוּן זִיךְ דִי קְדוּשָׁה, גֵייט אִין אִים אַרַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מוֹרֵד אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִים], וְדָא אִיהוּ (איוב י"ח ד') "טֹרֵף נַפְשׁוֹ בְּאַפּוֹ", אִיהוּ טָרִיף וְעָקַר נַפְשֵׁיהּ בְּגִין רוּגְזֵיהּ, וְאַשְׁרֵי בְּגַוֵּיהּ אֵל זָר [דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז אִין כַּעַס רַייסְט אוֹיס פוּן אִים זַיין הֵיילִיגְן נֶפֶשׁ אוּן עֶר מַאכְט רוּעֶן בַּיי זִיךְ דִי סִטְרָא אַחֲרָא], וְעַל דָּא כְּתִיב (שָׁם) "חִדְלוּ לָכֶם מִן הָאָדָם אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ", דְּהַהִיא נִשְׁמְתָא קַדִּישָׁא טָרִיף לָהּ,

וְסָאִיב לָהּ בְּגִין אַפּוֹ [וֶוער עֶס אִיז אִין כַּעַס אַנְטְלוֹיפְּט פוּן אִים דִי נְשָׁמָה און עֶר אִיז זִיךְ מְטַמֵא]; און דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז אַלֶע עֲבֵירוֹת קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן, אָבֶער וֶוער עֶס אִיז אִין כַּעַס רַייסְט אוֹיס פוּן זִיךְ דִי נְשָׁמָה אִינְגַאנְצְן וְכוּ', און ס'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען דִי נְשָׁמָה וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם לַיידְט עֶר וָואס עֶר לַיידְט.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ זַיין אִין כַּעַס, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין קַיין אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח.**

## תרכב

בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר צַו ט' נִיסָן התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן דָאס פַּרְנָסָה אִיז תָּלוּי נָאר אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס הֶענְט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין פ"ב.) רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר לְעוֹלָם יְלַמֵד אָדָם אֶת בְּנוֹ אוּמְנוּת נְקִיָה וְקַלָּה וְיִתְפַּלֵל לְמִי שֶׁהָעוֹשֶׁר וְהַנְּכָסִים שֶׁלּוֹ שֶׁאֵין אוּמְנוּת שֶׁאֵין בָּהּ עֲנִיוּת וַעֲשִׁירוּת שֶׁלֹּא עֲנִיוּת מִן הָאוּמְנוּת וְלֹא עֲשִׁירוּת מִן הָאוּמְנוּת אֶלָּא הַכֹּל לְפִי זְכוּתוֹ; פַּרְנָסָה אִיז נָאר תָּלוּי אִין

בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס הֶענְט, אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי פַּרְנָסָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת הָאט מֶען פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְזַכֵּךְ זַיין נְשָׁמָה, אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת קֶען עֶר אוֹיפְהֵייבְּן זַיין נְשָׁמָה פוּן בְּלָאטֶע, ווִי ס'שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָ"ה, דָאס הֵייסְט דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת קֶען מֶען אוֹיפְהֵייבְּן דִי נְשָׁמָה אֲפִילוּ זִי אִיז שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיוֹת.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם עֶר זָאגְט זַיי 'דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זַ"ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט) "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ" שְׁמֵנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מִשְׁנָ"ה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה וָואס דוּ בִּיסְט אַריינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן דַיְיקָא, אוּן זָאלְסְט

עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען אַסַאךְ אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה; דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה; ווִידֶערְאוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לַמִּשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְמָרָא; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנַיוֹת מֶער ווִי צוּ דִי גְמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶפְּנְט זִיךְ אִים דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם דִי גְמָרָא, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלִיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ דֶעם זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיךְ גֶעבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן עֶס זָאל דִיר לַייכְטְן אוּן שַׁיינֶען דַיין לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח.**

## תרכג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר שְׁמִינִי כ"ג נִיסָן (אִסְרוּ חַג) התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, אַ בָּחוּר בְּרֶענְגְט אָן דִי צַייט מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים פַארְ'ן דַאוֶוענֶען, בִּיז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף וְכוּ', בִּיז עֶר טוּט זִיךְ אָן וְכוּ', בִּיז עֶר גְרֵייט זִיךְ צוּ וְכוּ', בִּיז עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ וְכוּ', בִּיז עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה וְכוּ', בִּיז עֶר גֵייט שׁוֹין אִין שׁוּהְל קֶען נֶעמֶען לְכָל הַפָּחוֹת צְוֵויי צוּ דְרֵיי שָׁעָה, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי צַייט אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר טַייעֶר, אוּן דֶער סָמֶ"ךְ מֶ"ם כַאפְּט אִים אַרַיין אִין זַיין נֶעץ.

**אַ** אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דִי מִדַּת הַזְּרִיזוּת, זַיין גֶעשִׁיקְט, אוֹיפְשְׁטֵיין גֶעשְׁווִינְד, אָנְטוּהְן זִיךְ שְׁנֶעל, זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אוּן לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק אָבוֹת, וָוארוּם מַסֶּכֶת אָבוֹת אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין זֶעקְס פְּרָקִים, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אֵיין פֶּרֶק, וָוארוּם מֶען דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מוּסָר, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַ פֶּרֶק אִין אָבוֹת, הָאט מֶען יוֹצֵא גֶעוֶוען דֶעם לִימוּד מוּסָר, וּבִפְרַט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אִין אֵיינֶע פוּן דִי פֵּירוּשִׁים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר גֶעשָׁאנְקֶען, אוּן מֶען לוֹיפְט גְלַייךְ אִין מִקְוֶה, אוּן מֶען טוֹבְלְ'ט זִיךְ, שְׁנֶעל, גֶעשְׁווִינְד, אָנְגֶעטוּהְן, אוּן מֶען גֵייט אִין שׁוּהְל דַאוֶוענֶען.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים, אַז מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן פַארְן דַאוְוענֶען, וָוארוּם אַז מֶען רֶעדְט פַארְן דַאוְוענֶען אִיז דָאס גוֹרֵם פַארְ'ן מֶענְטְשׁ מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ', אוֹיסֶערְדֶעם אִיז דָאס גוֹרֵם מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת אוּן אוֹיפְרֶעגוּנְג וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מְכַוֵּון זַיין וָואס מֶען זָאגְט בַּיים דַאוְוענֶען, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַייעֶר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז פַארְן דַאוְוענֶען רֶעדְט מֶען נִישְׁט, אַזוֹי וֶוערְט דִי תְּפִלָּה גְרִינְג נִתְקַבֵּל.

**נָאכְן** דַאוְוענֶען וֶוען דוּ גֵייסְט נָאךְ מִיט תְּפִילִין דְרַבֵּינוּ תַּם, זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן פַאר אַלֶע חֲטָאִים, אוּן דָאס זָאל זַיין בַּיי דִיר אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוְוענֶען זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.

**אַז** וואויל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר גֶעט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין צַייט, וָוארוּם עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם "אֵין אֲבֵידָה כַּאֲבֵידַת הַזְּמַן" עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא אֲבֵידָה ווִי אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט צַייט, צַייט קוּמְט נִישְׁט צוּרִיק, יֶעדֶע מִינוּט שְׁטַארְבְּט אָפּ דֶער מֶענְטְשׁ, יֶעדֶע מִינוּט קוּמְט אַ מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּ זַיין לֶעצְטְן טָאג, אוּן עֶר כַאפְּט עֶס נִישְׁט, וֶוען מֶען אִיז אַן אַלְטֶער אִיד דֶעמָאלְטְס בֶּענְקְט מֶען אוֹיף דִי יוּנְגֶע יָארְן, אָבֶּער סְ'אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן אוּן דִיר גֶעשָׁאנְקֶען אַזַא מִין זְכוּת דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נִיץ אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע צַייט.

**בִּפְרַט** וֶוען אֵיינֶער גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דֶעם אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי צַייט, וָוארוּם וואוּ עֶר גֵייט, וואוּ עֶר שְׁטֵייט, וואוּ עֶר קוּמְט וְכוּ' וְכוּ' רֶעדְט עֶר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם עֶר אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, עֶר אִיז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶעס אִיז אֱלֹקוּת אוּן אֱלֹקוּת אִיז אַלֶעס, וֶוען מֶען קְרִיצְט זִיךְ דָאס גוּט אַרַיין אִין שֵׂכֶל, אוּן אִינֶעם דַעַת וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְטְס אִיז נִישְׁטָא קַיין צְווישְׁנְשֵׁייד צְווִישְׁן אִים אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נִיץ אוֹיס דַיין טַייעֶרֶע צַייט, אוּן וֶוען דוּ קֶענְסְט נָאר רֶעדְן אַפָּאר דִיבּוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם, וָוארוּם דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֲפִילוּ אֵיין דִיבּוּר, מִכָּל שֶׁכֵּן נָאךְ אַ דִיבּוּר, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער, אוּן צוּ וָואסֶערֶע שְׁלֶעכְטְס דוּ קוּמְסְט, אוּן פַארְוָואס דוּ קוּמְסְט, דוּ וֶועסְט זִיךְ אַיינְ'טַעְנֶה'ן מִיטְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אִיךְ דַארְף הָאבְּן מַיין בַּת זוּג אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט מַיין בַּת זוּג וְכוּ' וְכוּ', אוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן וְכוּ' וְכוּ', וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דִיךְ לוֹיטֶער וֶוערְן דַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחְשָׁבָה, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן דִי צַייט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד.**

# תרכד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר שְׁמִינִי כ"ג נִיסָן (אִסְרוּ חַג) התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר בְּלָאזְט אִין אוּנְז אַרַיין אַ הָאפְפֶענוּנְג אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר לַייכְט אִין אוּנְז אַרַיין אַזַא גִילוּי אֱלֹקוּת וָואס עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען וְכוּ', דָאס יֶעדֶער אִיד זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? נָאר ווַייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט גַאנְץ, וָוארוּם אַז עֶר זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים בַּיי אִים לֶעבְּן אִים, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנָה, אוּן ווִיפֶּער אַ אִיד הָאט אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, קֶען עֶר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דוּ ווֶעסְט קֶענֶען

רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֶענְדִיג, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

גֶעוְואוֹין זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר רֶעדְט יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

## תרכה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר שְׁמִינִי כ"ג נִיסָן (אִסְרוּ חַג) התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהַאלְטְן וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר צוּגֶעזָאגְט, אוּן אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין אִינְגַאנְצְן פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ, וָוארוּם מֶען קֶען דִיר נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרִיקְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

**עֶס** אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט צַוָואָה גֶעלָאזְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אֵייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה" מֶען זָאל דְרִיקְן אוּן צוּשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים; דִי מְצִיאוּת וַוייזְט דָאס

אַלֶע פון אונְזֶערֶע לַייט וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ אַ סֵפֶר'ל, בִּפְרַט אִין דִי לֶעצְטֶע צְוָואנְצִיג פוּנְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אִיז גֶעוָוארְן אַ מַהְפֵּיכָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט'ן פִּירְסוּם פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס דָאס אִיז דִי תַּמְצִית פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ס סְפָרִים, וָוארוּם דָאס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט אַזַא מִין קוּנְצְלֶעריִשְׁן אוֹיפְן, כְּדֵי יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל פַארְשְׁטֵיין, אוּן עֶס זָאל זִיךְ לֵיינֶען גְרִינְג, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְּסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין דֶעם דְרִיקְן, וָוארוּם דִי אַלֶע תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן קִיוּם מִצְווֹת מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִידְן וֶועלְן טוּהְן דוּרְךְ דִי סְפָרִים אִיז דָאס דַיין זְכוּת, אוּן מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעדְרִיקְט דֶעם "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ן, דוּ דַארְפְּסְט נָאךְ זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג? דוּ דַארְפְּסְט זַיין מְשׁוּנֶּה פְרֵיילִיךְ! אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, זֶעהְסְט, מֶען הָאט גֶעדְרִיקְט טוֹיזֶענְט סְפָרֵי "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" אוּן דָאס וֶועט גֵיין צוּ אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן, אוּן דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין דֶעם, דַארְפְּסְטוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג? דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאג אִיךְ דִיר אוֹיכֶעט, הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דְרִיקְן אַזוֹיפִיל סְפָרִים, דַארְפְּסְטוּ נָאךְ זַיין טְרוֹיעֶרִיג?

**אֱמֶת,** צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת הַנֶּפֶשׁ, אוּן גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַרַיינְטָאנְצֶען אִין אַזַא פְּרוֹיֶיקְט

וָואס מֶען פַּאלְט אַריין אִין חוֹבוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער גְלֵייבּ מִיר, צוּם סוֹף לוֹינְט זִיךְ עֶס, פַּארְוָואס, וָוארוּם מֶען זֶעהְט דִי פְּעוּלוֹת טוֹבוֹת וָואס דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

## תרכו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר שְׁמִינִי כ״ג נִיסָן (אִסְרוּ חַג) התשע״ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִיר אַזוֹי מְבַזֶה גֶעוֶוען וְכוּ׳ בָּרַבִּים, אַזוֹי ווִי דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען דֶער אַרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ׳.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ו׳) דָאס דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדוֹם וְיִשְׁתּוֹק" אַז אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט זַיין בִּזָיוֹן אוּן עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תְּשׁוּבָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר תְּשׁוּבָה טוּהְן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלִיטְן וְכוּ׳, וָוארוּם דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, אַז מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ.

**דֶער** גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן הַגָדוֹל מִקַארְלִין זי"ע אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צוּ זַיין הֵיילִיגְן טַאטְן רֶבִּי יַעֲקֹב, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שַׁמָשׁ, פַארְצַייטְנְס פְלֶעגְן דִי שַׁמָשִׁים דַאוֶוענֶען פַארְן עָמוּד, עֶס אִיז גֶעוֶוען יוֹם הַקָדוֹשׁ בַּיינַאכְט, אוּן מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן ווִי גֶעוֶוענְדְלִיךְ הָאט עֶר זֵייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען, וֶוען אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִינְמִיטְן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן מֶען הָאט גֶעמוּזְט וַוארְטְן אוֹיף אִים, ווִי עֶר אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ גְבִיר, אוּן עָשִׁיר יַעֲנֶה עַזּוֹת, הָאט עֶר אִים דֶערְלַאנְגְט צְוֵויי פֶּעטְשׁ, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט 'יַענְקְל שַׁמָשׁ וֶועגְן דִיר מוּז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וַוארְטְן'? אוּן דֶער רֶבִּי יַעֲקֹב הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט גְלַייךְ זָאגְן דִי תְּפִלָּה 'יַעֲלֶה' וְכוּ', אַזוֹי ווִי סְ'וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען. אִין שׁוּהל אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ, ווִי קוּמְט דָאס אַז מֶען גֶעבְּט צְוֵויי פֶּעטְשׁ יוֹם הַקָדוֹשׁ בַּיינַאכְט פַאר אַ אִיד, עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶער ווִיכּוּחַ אוּן אַ טוּמְל, דִי הָאבְּן גֶעזָאגְט סְ'הָאט אִים גֶעקוּמֶען, דִי הָאבְּן גֶעזָאגְט סְ'הָאט אִים נִישְׁט גֶעקוּמֶען, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אִים. מוֹצָאֵי יוֹם הַקָדוֹשׁ אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר צָאלְט אִים כָּל הוֹן דְעַלְמָא ווִיפִיל גֶעלְט עֶר וִויל נָאר, עֶר זָאל אִים פַארְקוֹיפְן דִי מִצְוָה וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעקוֹיפְט מִיט אַ

בִּזָיוֹן אוּן נִישְׁט גֶעֶנְטְפֶערְט, הָאט אִים רֶבִּי יַעֲקֹב גֶעזָאגְט, סְ'אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, אִיךְ הָאבּ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל גֶעוֶוען, אוּן עֶר אִיז אֲפִילוּ גֶערֶעכְט, וִוי קוּמְט דָאס טַאקֶע אַז אַ שַׁמָשׁ זָאל מַאֲרִיךְ זַיין אִין דַאוֶוענֶען. אוּן וַוייל עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁוִויגְן אוֹיף זַיין בִּזָיוֹן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט יֶענֶעם גְלַייךְ מוֹחֵל גֶעוֶוען, עֶר הָאט נָאךְ גֶעגֶעבְּן יֶענֶעם גֶערֶעכְט, אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ אִין הִימְל, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ נְשָׁמָה וָואס הָאט פַארְלָאכְטְן דִי וֶועלְט.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף זַיין בִּזָיוֹן, צוּ וָואסֶערֶע מַדְרֵיגוֹת עֶר קֶען זוֹכֶה זַיין, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ שְׁוַוייגְן, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

## תרכז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר שְׁמִינִי כ"ה נִיסָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן, וַוייל דוּ דַארְפְסְט וִויסְן אַז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וֶוערְט גֶעמָאסְטְן וִויאַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה אַרָאפְּצוּפַאלְן

און אַרײַנצוּפאַלְן אִין אַ יִאוּשׁ און אַ דִיפְּרֶעסְיֶע ווִי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בִּיאוּר הַלִיקוּטִים") הָאט גֶעזָאגְט, דָאס דִי כַּוָונָה פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז נִישְׁט אַזוֹי מַכְשִׁיל צוּ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַ עֲבֵירָה ווִי דָאס אִים אַרָאפְּצִיוַואַרְפְן דֶערְנָאךְ אִין אַ יִאוּשׁ וְכוּ' וָואס דָאס אִיז אַרְגֶער פוּן אַלְסְדִינְג, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַדַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**עֶם** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ טִיפְן קוֹל "גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ" - "קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין" (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח), און אוּנְזֶערֶע לַייט פוּן דִי פְרִיעֶדִיגֶע דוֹרוֹת הָאבְן גֶעזָאגְט, עֶס אִיז שׁוֹין הוּנְדֶערְט יָאר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און עֲדַיִין הֶערְט מֶען דֶעם טִיפְן קוֹל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, און מִיר קֶענֶען זָאגְן, עֶס אִיז שׁוֹין צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען הֶערְט דֶעם טִיפְן קוֹל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און וֶוער סְ'וִויל נָאר צוּלֵייגְן אַן אוֹיעֶר צוּ זַיין טִיפְן גֶעשְׁרֵיי וְכוּ' אִיז זוֹכֶה זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין.

**זָארְג** נִישְׁט בְּקָרוֹב וֶועסְטוּ אַ חָתָן וֶוערְן, זָאג יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלוֹת און דִי סְגוּלוֹת וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶעם קוּנְטְרֵס מְצִיאַת הַזִווּג וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן ווִי אוּמְשְׁנֶעלְסְטְן.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

# תרכח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר שְׁמִינִי כ״ה נִיסָן התשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיװ װָאס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ װָאס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ.

דוּ דַארְפְסְט װיסְן, אוֹיף דֶעם עוֹלָם פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַן אַנְדֶערְן אוֹפָן, און דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט "הָעִקָּר שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ" מֶען מוּז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, און גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס װָאס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַאר זַיין טוֹבָה װֶועגְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ד׳) כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא; דָאס הֵייסְט װֶוען אַ אִיד װֵייסְט אַז אַלֶעס װָאס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז נָאר װֶועגְן זַיין טוֹבָה װֶועגְן, דָאס אִיז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא. װָארוּם צוּ װיסְן מִיט אַ רֶעכְטֶע יְדִיעָה דָאס עֶס אִיז אַלֶעס גוּט, דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא אַלֵיין.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַזוֹי צוּקְלֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּיז עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, און װָאס עֶר זֶעהְט און װָאס עֶר הֶערְט אִיז אַלֶעס גֶעטְלִיכְקֵייט.

**צוּקוּמֶען** צוּ דֶעם אִיז נָאר אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן דָאס מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדְן טָאג אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אוּנְז דוּרְךְ, אַוַודַאי בַּיים אָנְפַאנְג אִיז דָאס זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, פַארְוָואס? וַוייל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נָאכְנִישְׁט שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִים כְּפִירָה בָּאָדָם; מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט אַ מְחִיצָה צְווִישְׁן אִים אוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּיז עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָל וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער וֶוען עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶע זַיינֶע יְרִידוֹת אוּן אַלֶע זַיינֶע נְפִילוֹת, אוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט צוּבִּיסְלִיךְ גֵייט אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע מְחִיצוֹת, בִּיז עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז בַּיי אִים לֶעבְּן אִים אִין אִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, אֲפִילוּ אִיךְ וֵויים אַז דָאס קוּמְט דִיךְ אָן זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ שְׁטַארְקְן זַיין פְרֵיילִיךְ.

**יֶעצְט** הַאלְטְן מִיר אִין דִי סְפִירָה טֶעג, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת פִּקָּדוֹן הֲלָכָה ד׳) דֶערְפַאר צֵיילְט מֶען דִי טֶעג פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה, כְּדֵי צוּ וִויסְן אַז יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג, אוּן אוֹיבּ מֶען וִויל מְקַבֵּל זַיי דִי תּוֹרָה דַארְף מֶען וִויסְן אַז הַיינְטִיגְן טָאג אִיז אוֹיכֶעט אַ טָאג, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צ״ה) ״הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִּשְׁמָעוּ״ אוֹיבּ אִיר ווִילְט הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאלְט אִיר וִויסְן אַז עֶטְץ הָאטְס נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רע״ב) וָוארוּם עַל פִּי רוֹב שְׁטִיפְּט אָפּ אַ מֶענְטְשׁ מָארְגְן, אוּן מָארְגְן שְׁטִיפְּט עֶר אָפּ אוֹיף אִיבֶּערְמָארְגְן, אוּן יֶעדְן טָאג שְׁטִיפְּט עֶר אָפּ אוֹיף אַן אַנְדֶערְן טָאג, אוּן עֶר פַארְגֶעסְט אַז דֶער טָאג אִיז אוֹיכֶעט אַ טָאג.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ, דִי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי) אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לְאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר; דִי שִׂמְחָה וַוארְט נִישְׁט פַארְן מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ הַיינְט, וֶוער וֵוייסְט צוּ עֶר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ מָארְגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן.

**זָאלְסְט** זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַיינְרֶעדְן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָּנָה וְכוּ׳, דָאס אִיז אַלֶעס דִמְיוֹנוֹת פוּן סַמֶ״ךְ

מֶ"ם וָואס עֶר וויל צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, וַוייְזְן אַז סְ'אִיז עֶק וֶועלְט וְכוּ'.

מִיר דַארְפְן לוֹיבְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר לָאזְט אוּנְז נִישְׁט אָפּ, טָאג בַּיי טָאג, נַאכְט בַּיי נַאכְט, אִיז עֶר אוּנְז מְחַזֵק, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אוּנְז נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

## תרכט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר שְׁמִינִי כ"ה נִיסָן התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז אַלֶעם וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען זָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶוערְט נִזְדַכֵּךְ דִי נְשָׁמָ"ה.

מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מְשַׁנֶ"ה, דָאס הֵייסְט אַז אַ בָּחוּר זָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט עֶר נִשְׁתַּנֶּה, פַארְעֶנְדֶערְט לְטוֹבָה. אִיבֶּערְדֶעם קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס מֶער אִיז בֶּעסֶער.

**זָאלְסְט** אַכְטוּנְג גֶעבְּן יֶעדְן טָאג דַאוְוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶעם וָואס עֶר דַאוְוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט אַ מִנְיָן, אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג דַאוְוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט אַ מִנְיָן.

**גֵיי** אַוֶועק פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, דוּ זָאלְסְט מִיט זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט רֶעדְן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הֵייבְּט אָן זַיין סֵפֶר תְּהִלִּים "אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים וּבְדֶרֶךְ חַטָּאִים לֹא עָמָד וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב" וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֵייט נִישְׁט נָאךְ דִי עֵצָה פוּן רְשָׁעִים, אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט אִין דִי וֶועגְן פוּן זִינְדִיגֶע, אוּן עֶר זִיצְט נִישְׁט צְווִישְׁן לֵצִים, לֵיידֶער לֵיידֶער הָאבְּן מִיר אֵייגֶענֶע רְשָׁעִים, אוּן אֵייגֶענֶע זִינְדִיגֶע, אוּן אֵייגֶענֶע לֵצִים, וָואס זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן יֶעדְן דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען פוּן זֵיי זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן.

**וָואס** דַארְף מֶען טוּהְן? "כִּי אִם בְּתוֹרַת הֲוָיָ"ה חֶפְצוֹ וּבְתוֹרָתוֹ יֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה", נָאר זִיצְן אוּן לֶערְנֶען בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט. אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיּוֹת אוּן הַאלְטְן אוּן אֵיין זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת, יֶעצְט זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן אַלֶעס נָאר זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ גֶעלֶעכְטֶער, אָבֶּער וָואס דַארְפְסְטוּ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם וְכוּ', דוּ דַארְפְסְט קוּקְן אוֹיף דִיר וְכוּ', בִּיז יֶעצְט הָאסְטוּ גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אִיבֶּערְדֶעם הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אַזוֹי מְטַהֵר זַיין דַיין נֶפֶשׁ, אוּן וֶועט דִיךְ קְלָאר מַאכְן דַיין מֹחַ,

בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מִיט אַ רֵיינֶעם קָאפּ, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן דוּ וֶועסְט פַּארְשְׁטֵיין סוֹף כָּל סוֹף וָואס דוּ לֶערְנְסְט.

**אַוַודַאי** דַארְפְסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ שְׁטַארְקֵייט, זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דֶעם, אָבֶּער דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וָואס דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וְכוּ', אוּן אֲפִילוּ נָאכְמֶער וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט הָאט זֵיי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעהָאלְפְן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר שְׁמוּץ ווִי זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ', אוּן בִּיז זֵיי זֶענֶען הַיינְט עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶּער.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת,
אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן,
אַז דוּ וֶועסְט אַלֶעם דוּרְכְקוּמֶען.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

## תרל

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר תַּזְרִיעַ מְצוֹרָע כ"ז נִיסָן התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן פָאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם דוּ דַארְפְסְט וִויסְן דָאס דֶער לִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז

אַרוֹיסְצוּוֶעמֶען יֶעדֶע נְשָׁמָה פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּלָאזְט אִין אוּנְז אַרַיין אַ מוֹרָא'דִיגְן הִתְחַזְּקוּת אוּן אַ הָאפְּפֶענוּנְג ווִיאַזוֹי אַרוֹיסְגֵיין פוּן בְּלָאטֶע וָואס מִיר זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') **אַז אַ צַדִּיק** הָאֱמֶת דַארְף זַיין אַ רַחֲמָן, אוּן דֶער עִיקָר, רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט שְׁווֶערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד, אוּן עֶר נֶעמְט זֵיי אַרוֹיס פוּן דָארְטְן, אַז ווארִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט עֶר אוֹיבֶּעט הָאבְּן אַ הָאפְּפֶענוּנְג צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלְסְדִינְג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרלא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר תַזְרִיעַ מְצוֹרָע כ"ז נִיסָן התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר דָאס יֶעצְט וֶועלְן מִיר קֶענֶען דְרִיקְן זֵייעֶר אַסַאךְ נַייעֶ סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זְכוּת הָרַבִּים, וָוארוּם עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן שְׁווֶערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען זֵיי רַאטֶעוֶועט, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זֶעה מֶען זָאל קֶענֶען דְרִיקְן וָואס מֶער סְפָרִים.

**לֶעצְטְנְס** אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דִי רוּסִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים, אוּן מֶען וָואלְט דָאס גֶעדַארְפְט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְדְרִיקְן, וָוארוּם ס'אִיז אַ גְרוֹיסֶער שָׁאד ס'זָאל פַּארְפַאלְן גֵיין, בִּיז מִיר הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אֵיינֶער וָואס הָאט אוּנְז מְתַרְגֵּם גֶעוֶוען דִי קוּנְטְרֵסִים פַאר צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק, אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז ס'אִיז נִישְׁטָא הַיינְט, אוּן אַזוֹיפִיל רוּסִישֶׁע אִידְן בֶּעטְן יֶעדְן טָאג מֶען זָאל זֵיי גֶעבְּן דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר חַיּוּת.

**אוֹיךְ** אִיז כְּדַאי צוּ דְרִיקְן "אוֹצָר לַ"ג בָּעוֹמֶר" כְּדֵי דָאס צוּ פַארְפְלֵייצְן סָמוּךְ צוּ לַ"ג בָּעוֹמֶר.

**דֶער** עִיקָר שְׁטַארְק זִיךְ, וָוארוּם זְכוּת הָרַבִּים אִיז הֶעכֶער פוּן אַלְסְדִינְג, וְכָל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ, אַז ווארוּל אִיז דִיר וָואס דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין אַזֶעלְכֶע מִצְוֹות מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרלב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר טַהֲרָה כ"ט נִיסָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וִויסְן דָאס כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַאֵשׁ זַיין פוּן אִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת

י.) אֲפִילוּ חֶרֶב חַדָּה מוּנַחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים; וָוארוּם מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזֶעהְן אוּן גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן, דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן הָאפְּפֶענוּנְג, אָבֶּער תְּפִלָּה הָאט מְהַפֵּךְ גֶעוֶוען דֶעם גְּזַר דִּין לְטוֹבָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) הַטֶּבַע מְחַיֶּיבֶת כַּךְ וְהַתְּפִלָּה מְשַׁנִּית אֶת הַטֶּבַע; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַהנוּנְג וָואס תְּפִלָּה אִיז וְכוּ', תְּפִלָּה אִיז אַ פַּארְהוֹילֶענֶע זַאךְ, דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעהְט זִיךְ רַחֲמִים מְרוּבִּים וְכוּ', אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז זַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אַרוֹיף וְכוּ', אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס וְכוּ', אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, יֶעדְן דִיבּוּר וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט עֶר אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אַז מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ מְחַדֵּשׁ, עֶר אִיז מְחַדֵּשׁ דִי בְּרִיאָה יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶונֶען "וּבְטוּבוֹ מְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית".

מֶען הָאט שׁוֹין גֶעזֶעהְן אוּן גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע זַאכְן דָאס אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעבְּן הָאפְּפֶענוּנְג, אוּן מֶען הָאט שׁוֹין גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט וְכוּ' אַזוֹי וִוי סְ'אִיז שׁוֹין אַלֶעם פַארְפַאלְן וְכוּ', אוּן צוּם סוֹף הָאט מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעבֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מֶען אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט זִיךְ פַארְלִירְן.

בִּכְלַל אִין יֶעדְן שְׁוֶוערְן מַצָּב וָואס עֶס פַּאסִירְט וְכוּ׳, אוּן עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן וְכוּ׳, טָאר מֶען בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן וָואס עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב א׳) ״הֲוָיָ״ה נָתַן וַהֲוָיָ״ה לָקַח יְהִי שֵׁם הֲוָיָ״ה מְבוֹרָךְ״.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְן נָאר גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרלג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר שְׁלַח י״ז סִיוָן התשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאלְסְט וויסְן דָאס פַּרְנָסָה אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ מֶענְטְשׁ מֶעג מַאכְן אַלֶע הִשְׁתַּדְלוּת אִין דֶער וֶועלְט, אָבֶּער אָן תְּפִלָּה גֵייט גָארְנִישְׁט, דָאס הֵייסְט אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פַּרְנָסָה ווי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין פב.) רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר לְעוֹלָם יְלַמֵּד אָדָם אֶת בְּנוֹ אוּמָנוּת נְקִיָּה וְקַלָּה וְיִתְפַּלֵּל לְמִי שֶׁהָעוֹשֶׁר וְהַנְּכָסִים שֶׁלּוֹ, שֶׁאֵין אוּמָנוּת שֶׁאֵין בָּהּ עֲנִיוּת וַעֲשִׁירוּת שֶׁלֹּא עֲנִיּוּת מִן הָאוּמָנוּת וְלֹא עֲשִׁירוּת מִן הָאוּמָנוּת אֶלָּא הַכֹּל לְפִי זְכוּתוֹ; אוּן וָואס אִיז דֶער זְכוּת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ? נָאר

ווִיפִיל מָאס תְּפִלָּה עֶר אִינְוֶועסְטִירְט אִין גֶעשֶׁעפְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז נָאר תְּפִלָּה דָאס אִיז דֶער טוֹיעֶר אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז דֶער טוֹיעֶר צוּ הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַסַאךְ קַאנְקֶערֶענְטְן אִין דֶעם זֶעלְבְּן גֶעשֶׁעפְט וָואס דוּ הָאסְט וְכוּ', דַארְפְסְטוּ גוּט גֶעדֶענְקְן וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לח.) בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לְךָ אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא: קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט צוּנֶעמֶען גָארְנִישְׁט, ווִיפִיל סְ'אִיז אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל פַאר דִיר אַזוִיפִיל וֶועסְטוּ הָאבְּן, דוּ דַארְפְסְט נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אִין תְּפִלָּה וֶועסְטוּ זֶעהְן ווּאוּנְדֶער אִיבֶּער ווּאוּנְדֶער וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיךְ טוּהְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרלד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר שְׁלַח י"ז סִיוָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ הַיינְט דֶערְהַאלְטְן דֶעם נַייעֶם "אַשֶׁר בַּנַחַל" חֵלֶק קי"ב, וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעדְרִיקְט עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי שֵׁיין מַמָשׁ צוּ בַּאוואוּנְדֶערְן, אוּן דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, וָוארוּם דֶער סֵפֶר אִיז מְחַיֶה אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, וָוארוּם מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זְכוּת הָרַבִּים.

**דֶער** לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי קוּרְץ, אָט זֶענֶען מִיר דָא וְכוּ', אוּן אָט וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָא וְכוּ', אוּן וָואס וֶועלְן מִיר מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ? נָאר דִי מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּהְן, וּבִפְרַט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה ווִי אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ב) "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל" וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעבְּט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אַ אָרֶעמַאן, אֵיינֶער לֵיידֶער וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּבְרָאכְן אוּן פַארְצְוֵוייפְלְט דֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מ"א) אֵין עָנִי אֶלָא מִדַעַת; וָואס הֵייסְט אַ אָרֶעמַאן? דֶער וָואס עֶר הָאט נִישְׁט

קַיין שֵׂכֶל און עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אויף דִי וֶועלְט דָא צוּ פַארְבְּלַייבְּן וְכוּ' וְכוּ', דֶער אִיז פִּיל מִיט דַאֲגוֹת, פִּיל מִיט זָארְגְן, עֶר וִויל אַיינְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וְכוּ', דָאס הֵייסְט אַ אָרֶעמַאן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס אָט אִיז טָאג אָט אִיז נַאכְט וְכוּ', און אָט גֵייט מֶען שׁוֹין בַּאלְד אַרוֹיס פוּן דִי וֶועלְט, אִיז וָואס דַארְף מֶען זָארְגְן?

**דֶער** בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט "וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז נִישְׁט אִין דִיר, און אָךְ אִין וֵויי אִיז דֶעם וָואס אִיז יָא אִין דִיר" אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אַרַיינְלֵייגְן בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ מַחֲשָׁבָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער נָאר גָאט בָּרוּךְ הוּא אַלֵיין, וָואס דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ד) אַז מֶען דַארְף הִיטְן דֶעם זִכָּרוֹן און גוּט גֶעדֶענְקְן דָאס עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט, און וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם זִכָּרוֹן מִמֵּילָא פַארְגֶעסְט עֶר שׁוֹין פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת, און עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ טוּהְן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט עוֹסֵק דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, און דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס דָאס אִיז דֶער תַּמְצִית פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן און פוּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ גְרִינְגֶען שְׁפְּרַאךְ דָאס יֶעדֶער פְּשׁוּטֶער אִיד זָאל דָאס אוֹיבֶּעט קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, אַז וואוּיל אִיז דִיר אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרלה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר שְׁלַח י"ז סִיוָן התשע"ג

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי נֶערְוֶועז? דוּ ווִילְסְט פַארֶערְכְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, בְּשְׁעַת בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז לֵיידֶער דָא אַפָּאר קְרַאנְקֶע קִינְדֶער וְכוּ', וָואס נָאר צוּקוּקְן זֵייעֶר הִתְנַהֲגוּת קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִינֶען וְכוּ', וֵויים אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ זָארְגְסְט פְרֶעמְדֶע זָארְגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג') אַז דִי זִין מִיט דִי לְבָנָה הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעשְׁפְּרֶעךְ, אוּן דִי לְבָנָה הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר דִי זִין אִירֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, הָאט דִי זִין גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר דִי לְבָנָה דוּ זָארְגְסְט פְרֶעמְדֶע זָארְג וְכוּ', עַיֵין שָׁם. אַזוֹי זָאג אִיךְ דִיר אוֹיכֶעט, דוּ זָארְגְסְט פְרֶעמְדֶע זָארְגְן, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער וָואס זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גַייסְטִיג נִישְׁט גֶעזוּנְט, דַארְפְסְטוּ נָאךְ גֵיין זָארְגְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן בַּיי אַנְדֶערֶע, אוּן דוּ עֶסְט זִיךְ אוֹיף פַאר גָארְנִישְׁט וְכוּ', אוּן דוּ וֶוערְסְט נֶערְוֶועז וְכוּ', אוּן דוּ לָאזְט אוֹיס דַיין כַּעַס אִין רְצִיחָה אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער אוּן וַוייבּ וְכוּ', אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ פִירְן דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ', דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן דוּ הָאסְט אַ חוּשׁ צוּ מִסְחָר, דוּ הָאסְט שֵׁיין פַארְדִינְט וְכוּ', אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין

כְּלַל אַרְבֶּעט און דו זָארְגְסְט פְרֶעמְדֶע זָארְגְן, פַארְנַאכְלֶעסִיגְסְטו דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער און דַיין גֶעשֶׁעפְט וְכוּ' וְכוּ', און דו עֶסְט זִיךְ אוֹיף דֶעם לֶעבְּן פַאר גָארְנִישְׁט, אִיךְ פְרֶעג דִיר וואו אִיז דַיין שֵׂכֶל? וואו אִיז דַיין דַעַת? לָאז שׁוֹין אָפּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, און הֵייבּ אָן צו זָארְגְן נָאר פַאר דִיר, און פַאר דַיין וַוייבּ וָואס זִי אִיז אַזוֹי גֶעטְרֵיי פַאר דִיר, און פַאר דַיינֶע קִינְדֶער וָואס זֵיי הָאבְּן דִיר אַזוֹי לִיבּ.

**אִיךְ** הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר אַרַיינְגֵיין טִיף אִין הַארְצְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרלו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר שְׁלַח י"ז סִיוָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** וואוּנְדֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וְויאַזוֹי דו בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא גְרוּבּ מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים? נִישְׁט גֶענוּג וָואס דו כַאפְּסְט נִישְׁט ווִי זֵיי פַארְפִירְן דִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה כ"ו סִימָן ה') עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ חוּץ מִן הַזְּנוּת; און נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה ט' סִימָן ז') אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל הַכֹּל אֲנִי כּוֹבֵשׁ, וְעַל הַזִּימָה אֲנִי כּוֹעֵס; און אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן דִי

חֲזַ"ל (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית) עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְוַותֵּר, חוּץ מִן הַזִּימָה וְהַזְּנוּת; מֵיין נִישְׁט אַז דִי וֶועלְט אִיז הֶפְקֵר אוּן מֶען קֶען טוּהְן וָואס מֶען וויל וְכוּ׳ וְכוּ׳, פְּלוּצְלִינְג כַאפְּט מֶען אַזַא מִין קְלַאפּ וְכוּ׳ וָואס מֶען הָאט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעראַכְטְן אוֹיף דֶעם, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פַאלְט אַרַיין אִין נִיאוּף רַחְמָנָא לִיצְלָן דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, וָוארוּם אַ נוֹאֵף פַארְלִירְט דֶעם שֵׂכֶל אִינְגַאנְצְן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג׳) אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ז׳) יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיינֶע עֲבֵירוֹת אַזוֹיפִיל רוּחַ שְׁטוּת גֵייט אַרַיין אִין אִים; אוּן מֶען זֶעהְט דִי אַלֶע בָּחוּרִים אָדֶער דִי אִינְגֶעלַייט'לֶעךְ וָואס זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין גְרָאבֶּע זִינְד, דֶער סוֹף עֶנְדִיגְן זֵיי זֵייעֶר בִּיטֶער, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן, מִיךְ וֶועט מֶען נִישְׁט כַאפְּן וְכוּ׳, מִיךְ וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהְן וְכוּ׳, פוּן מִיר וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן וְכוּ׳, וָוארוּם שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט (קֹהֶלֶת י׳) "כִּי עוֹף הַשָּׁמַיִם יוֹלִיךְ אֶת הַקּוֹל וּבַעַל כְּנָפַיִם יַגֵּיד דָּבָר", אַלֶעס וֶוערְט בַּיים סוֹף מְפוּרְסָם אוּן אַנְטְפְּלֶעקְט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אוּן קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט עֶר דִיר אַוַודַאי מוֹחֵל זַיין, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ אָב הָרַחֲמָן, אוּן עֶר וַוארְט אוֹיס אַז מֶען זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קי"ט.) יָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁפְּרוּסָה תַּחַת כַּנְפֵי הַחַיּוֹת כְּדֵי לְקַבֵּל בַּעֲלֵי תְשׁוּבָה מִיַּד מִדַּת הַדִּין.

**אִיךְ** רֶעד שׁוֹין נִישְׁט וָואסֶערֶע צַעַר און וֵוייטָאג דַיין טַאטֶע און מַאמֶע הָאבְּן, וָואסֶערֶע בּוּשׁוֹת און חֶרְפּוֹת זֵיי לַיידְן, וָואסֶערֶע שְׁלָאפְ'לָאזֶע נֶעכְט זֵיי הָאבְּן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וואו דוּ וֶועסְט פַּארְפַאלְן גַאנְצֶע נֶעכְט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסֶע זִינְד פוּן מְצַעֵר זַיין טַאטֶע מַאמֶע, און ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פָּרָשָׁה כ"ו) כָּל הָעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְכַבֵּד אָב וָאֵם; וְאָמְרוּ (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי) חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ; וְאָמְרוּ (קִידּוּשִׁין ל:) שְׁלֹשָׁה שׁוּתָּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאָבִיו וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי; אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, און הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין טַאטֶע מַאמֶען וָואס זֵיי הָאבְּן דִיךְ גֶעבּוֹירְן און אוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט שְׁוֶוערֶע מִיה וְכוּ' וְכוּ', און וֶועגְן אַפָּאר קְרַאנְקֶע צוּדְרֵייטֶע און שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וְכוּ', גֵייסְטוּ אִין דַיין אָפְּגְרוּנְד וְכוּ', און דוּ וֶועסְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ, און דוּ מַאכְסְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ דַיין טַאטֶע און מַאמֶע, קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט עֶר דִיר אַוַודַאי מוֹחֵל זַיין, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל"ד.) בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, שָׁם אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד.

**וָואס** מֵיינְסְטוּ אִיז תְּשׁוּבָה? ווִידוּי דְבָרִים! אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און רֶעדְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, וָואס

דָאס אִיז בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֵייעֶר חָשׁוּב, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁמִּיַּד שֶׁהֵם מִתְוַודִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם שֶׁנֶּאֱמַר (וַיִּקְרָא כ"ו) "וְהִתְוַדּוּ אֶת עֲוֹנָם וְאֶת עֲוֹן אֲבֹתָם בְּמַעֲלָם אֲשֶׁר מָעֲלוּ"; ווִיבַּאלְד אַ אִיד זָאגְט אוֹיס דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעם אֱמֶת 'אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן דָאס אוּן דָאס' וְכוּ', עֶר רֶעדְט אוֹיס פַאר אִים אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוֹיף אַלְסְדוּנְג, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז הוֹילֶע רַחֲמִים, עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, וָוארוּם יֶעדֶער אִידִישׁ קִינְד אִיז זַיין קִינְד, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים יד) "בָּנִים אַתֶּם לַהֲוָיָ"ה אֱלֹקֵיכֶם".

**בַּארֶעכְן** זִיךְ ווִי נִידְרִיג דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן, בִּיז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעדְרֵייט מִיט דִי אָפְּפַאל פוּן מֶענְטְשְׁהֵייט, בִּילִיגֶע גוֹיִים מִיט גוֹיטֶע'ס רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וָואס אִיז אַ עֶקְל צוּ זַיין לֶעבְּן זֵיי וְכוּ' וְכוּ', קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם גְלַייכְן אִידִישְׁן ווֶעג, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי פָּאר דִיבּוּרִים טִיף אִין דַיין הַארְצְן אוּן דוּ וֶועסְט רֶעכְטִיג חֲרָטָה הָאבְּן, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זִיכֶער מוֹחֵל זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרלז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁלַח י"ט סִיוָן התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דָאס עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז דַיין וַוייבּ זָאל אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְז אַז אַ פַארְהֵיירַאטֶע פְרוֹי זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, וָוארוּם דִי זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז זֵייעֶר מַחְמִיר אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חוּמְרָא, נָאר דָאס אִיז אַ חִיּוּב, אַז נִישְׁט וֶוערְט דִי שְׁטוּבּ פַארְשָׁאלְטְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דָאס אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן זוֹהַר (נָשֹׂא קכ"ה:) תּוּנְבָא לֵיתֵי [אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען] עַל הַהוּא בַּר נָשׁ [אוֹיפְן מֶענְטְשׁ] דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיה [וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ] דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָה דְּרֵישָׁה לְבַר [זָאל גֵיין אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר, אָדֶער מֶען זָאל אַרוֹיסְזֶעהְן דִי הָאר] וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָה [אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי צְנִיעוּת פוּן אַ פְרוֹי אִין שְׁטוּבּ] וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁה לְבַר [אוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי דֶעקְט אוֹיף אִירֶע הָאר] לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ [זִיךְ שֵׁיין מַאכְן מִיט דֶעם] גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא [אִיז גוֹרֵם אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּבּ] וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא [אוּן ס'אִיז גוֹרֵם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין גֶעלוּנְגֶענֶע, אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט חָשׁוּב זַיין] וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא [אוּן עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן דִי חִצוֹנִים זָאלְן זַיין אִין דֶעם

שְׁטוּב] מַאן גָּרִים דָּא [און וֶוער אִיז גוֹרֵם דִי אַלֶע צָרוֹת] הַהוּא שַׁעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁה לְבַר. [דִי הָאר פוּן אַ פְרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס] וּמַה בְּבֵיתָא הַאי [און דִי אַלֶע קְלָלוֹת רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר אִין שְׁטוּב] כָּל שֶׁכֵּן בְּשׁוּקָא [און אַוַודַאי און אַוַודַאי וֶוען זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט אוֹיפְן גַאס מִיט דִי הָאר] וְכוּ'. לֵיידֶער הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אוּנְז נָאכְאַמָאל דִי קְלִיפָּה אַז הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי הָאר, און זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וָואסֶערֶע צָרָה זֵיי בְּרֶענְגְן אוֹיף זִיךְ און אוֹיפְן גַאנְצְן הוֹיז-גֶעזוּנְט, אוֹיפְן מַאן, און אוֹיף דִי קִינְדֶער, דָאס בְּרֶענְגְט קְרִיגֶעֲרַיי אִין שְׁטוּב, און אָרֶעמְקֵייט, און פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן רִימָאנוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אוֹיף אַ הָאר וְכוּ', און עֶר הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶועזְן אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף וֶוען מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אֲפִילוּ אֵיין הָאר פוּן אַ פְרוֹי, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת און מֶען פַארְלֶענְגֶערְט דִי גָלוּת, און לֵיידֶער הָאט זִיךְ דָאס אַרַיינְגֶעכַאפְּט נָאכְאַמָאל צְווִישְׁן דִי הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אַז זֵיי לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי אֵייגֶענֶע הָאר, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער זִינְד.

**וֶוער** גֶעדֶענְקְט דֶען נִישְׁט דִי דְרָשׁוֹת בַּיי יֶעדְן כָּל נִדְרֵי נַאכְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט גֶעוֵויינְט און פַאפִירְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי בֵּיי-הָאר, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן

בַּיי דִי פְרוּיעֶן זֵיי זָאלְן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף זֵייעֶרע קִינְדֶער, אוּן זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, נִישְׁט וִוי מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ פָּשׁוּטֶע חוּמְרָא, נָאר מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁעלְט אַ פְרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אִירֶע הָאר, אוּן אוֹיף דֶעם טָאר נִישְׁט דֶער מַאן אַיינְגֶעבְּן אוּן זַיין אַ וַותְּרָן, נָאר עֶר דַארְף זִיךְ עַקְשְׁנֶ'ען זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אוֹיפְפַאלֶענְדֶע קְלֵיידֶער.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן דָאס עֶנְקֶער הוֹיז וֶועט גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרלח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁלַח י"ט סִיוָן התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דָאס יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן זָאל מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אוּן עֶר הָאט אוּנְז פַארְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען

וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט ווִי אַ פְּרָאקְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּהְן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי ווִי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַ גְרוֹיסֶער שִׁינּוּי אִין דַיין לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרלט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁלַח י"ט סִיוָן התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶס וָואלְט זֵייעֶר גוּט גֶעוֶוען וֶוען דוּ גֶעוואוֹינְסְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטְן חַבֵר, וָואס דָאס רֵיינִיגְט אָפּ דֶעם

מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע בְּלָאטֶע׳ס, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר אַ הוֹיעְכֶע מַדְרֵיגָה, וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט זִיךְ בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, דָאס מַאכְט אַ רַעשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת.

**אוֹיךְ** זֶעה זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, זָאגְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע זִינְד וְכוּ׳, אֱמֶת דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אַלֶעס וָואס דוּ לֶערְנְסְט וְכוּ׳, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אֵיין פֶּרֶק נָאכְן אַנְדֶערְן, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם עֶר זָאגְט זַיי ׳דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר׳, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ״א זַ״ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט) ״מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ״ שְׁמֵנָ״ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָ״ה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** אוֹיב דוּ ווילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן דַּיְקָא, אוּן זָאלְסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶּכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶּכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּהְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת

שֶׁל מִשְׁנָה; דֶער וָואס לֶערְנְט אַסאךְ מִשְׁנָיוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה; ווִידֶערְאוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לַמִּשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְּמָרָא; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנָיוֹת מֶער ווִי צוּ דִי גְּמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, עֶפְנְט זִיךְ אִים דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם דִי גְּמָרָא, אוּן אוּיסֶערְדֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְּאוּלָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלִיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אֲפִילוּ דֶעם זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרמ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁלַח י"ט סִיוָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אוּן דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ דַאווֶענֶען מִיט מִנְיָן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען, הֵן שַׁחֲרִית, הֵן מִנְחָה, הֵן מַעֲרִיב,

וָוארוּם דֶער זְכוּת פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח) דָאס דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת זֶענֶען מַמְשִׁיךְ דְרֵיי מוֹחִין פַארְן מֶענְטְשׁ נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן תַּאֲווֹת נִיאוּף, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי"ע, אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַשֵּׁר דִי מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אוּן עֶר הָאט אִינְזִינֶען וָואס עֶר זָאגְט בַּיים דַאוֶונֶען פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף, קֶען עֶר דוּרְכְדֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט' וְסִימָן קי"ב) דָאס דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען דְהַיְינוּ "תֵּיבַת הַתְּפִלָּה" דָאס אִיז "תֵּיבַת נֹחַ", וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ מַבּוּל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ד) וָואס דָאס אִיז לָשׁוֹן בִּלְבּוּל, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט בִּלְבּוּלֵי מַחֲשָׁבוֹת, עֶס קוּמֶען אִים אַרוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אִיז דִי עֵצָה זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעקְן אִין דִי "תֵּיבָה" וָואס דָאס אִיז "תֵּיבַת הַתְּפִלָּה", אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ') דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ תִּיקוּן הַבְּרִית, שְׁפִּירְט עֶר אַלֶע טַעֲמִים בַּיים דַאוֶונֶען, בְּחִינַת מַיִין מְתוּקִין, עֶר שְׁפִּירְט אַ זִיסְקֵייט בַּיים דַאוֶונֶען, עֶס גְלִיסְט זִיךְ אִים צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען, אוּן חָלִילָה וְחַס אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט עֶר אַ בִּיטֶערְנִישׁ בַּיים דַאוֶונֶען, בְּחִינַת מַיִין מְרוּרִין, אוּן עֶס ווִיל זִיךְ נִישְׁט דַאוֶונֶען.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, אִין אַ סִידוּר דַיְיקָא, ווִי דִי צַדִיקִים טַייטְשְׁן

דִי פָּסוּק (אֶסְתֵּר ט) "אָמַר עִם הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחְשַׁבְתּוֹ הָרָעָה" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אַרַיין אִין סִידוּר אוּן עֶר זֶעהְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען טְרַאכְט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דַאוֶוענֶען אִין סִידוּר דַיְיקָא אוּן נִישְׁט דַאוֶוענֶען פוּן אוֹיסֶענְוֵוייְנִיג.

**אוּן** אוֹיךְ דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס תְּפִלָּה בְּכֹחַ מֵיינְט מְקַשֵׁר זַיין דִי מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, וָואס אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען טְרַאכְט דִי מַחֲשָׁבָה דֶעמָאלְט אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת מְקַשֵׁר זַיין דִי מַחֲשָׁבָה צוּ דֶעם וָואס עֶר רֶעדְט עֶר זָאל צוּהֶערְן צוּ דָאס וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, וָוארוּם דִי מַחֲשָׁבָה שְׁלֶעפְּט צוּ אֵיין זַאךְ וְכוּ' אוּן דֶער דִיבּוּר זָאגְט אָן טְרַאכְטְן וְכוּ', שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה אִיז אִינְזִינֶען צוּ הָאבְּן וָואס מֶען זָאגְט, אוּן מְקַשֵׁר זַיין דִי מַחֲשָׁבָה צוּ דֶעם דִיבּוּר.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָאלְגְן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרמא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר שְׁלַח י״ט סִיוָן התשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וואוּ דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ.

**דוּ** דַארְפְסְט וויסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער און עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אִין דֶעם דוֹר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס מִיט זַיינֶע טִיפֶע לִימוּדִים אִיז עֶר מְחַזֵּק עֶר שְׁטַארְקְט אַלֶע צוּבְרָאכֶענֶע און שְׁוַואכֶע נְשָׁמוֹת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט פֶעלְן אַ טָאג וָואס זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אִין דִי שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְצֵייכְנְט אִין סֵפֶר ״שִׂיחוֹת הָרַ״ן״ און אִין סֵפֶר ״חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן״ און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז מִיט יֶעדְן שִׂיחָה קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין און אִיךְ ווֵייס וָואס עֶס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער** עִיקָר אִיז פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קכ״ג) אַז דֶער עִיקָר הִתְקָרְבוּת צוּם צַדִּיק אִיז אַוֶועקְלֵייגְן דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל אִינְגַאנְצְן, און וויסְן אַז וָואס דֶער צַדִּיק זָאגְט און רֶעדְט דָאס אִיז דָאס, מֶען זָאל נִישְׁט נִיצְן קַיין אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל

גָארְנִישְׁט, נָאר מְקַיֵים זַיין יֶעדֶעם וָוארְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרֵיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דֶער גַאנְץ לֶעבְּן דַיינֶע וֶועט דִיךְ גֵיין אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, אוּן דוּ וֶועסְט מִיר פַארְצֵיילְן גוּטֶע זַאכְן.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה מְדַבֵּק צוּ זַיין דִי נְשָׁמָה צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין דֶעם וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרמב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁלַח י"ט סִיוָן התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דִי כֹּחַ פוּן מִשְׁנַיוֹת אִיז אַרוֹיסְצוּרֵייסְן אַ בָּחוּר פוּן דִי שְׁמוּץ וָואס עֶר אִיז אַרֵיין אִין דֶעם וְכוּ' וְכוּ', מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת

נִשְׁמָ"ה, אַז אַ בָּחוּר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן זַייעֶר אַסאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט אֵיינְמָאל נָאךְ אַ אַנְדֶערְן מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אִיז דֶער גַאנְץ לֶעבְּן זַיינֶער אַ אַנְדֶערְן לֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זַייעֶר זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ לֶערְנֶען וָואס מֶער מִשְׁנַיוֹת אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר אַוַודַאי הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם בְּלָאטֶע וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי נְשָׁמוֹת וָואס זַיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין גְרָאבֶּע זִינְד אוּן זַיי וֶוערְן נִכְשָׁל אִין וָואס זַיי וֶוערְן נִכְשָׁל וְכוּ', אוּן זַיי קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם וְכוּ', אוֹיב זַיי וֶועלְן מַאכְן אוֹיף זִיךְ אַ חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר אַז זַיי וֶועלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה זַיי אַרוֹיסְרַייסְן פוּן בְּלָאטֶע, עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז כַּךְ וְכַךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זַייעֶר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי הֶעלְפְן וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן בְּלָאטֶע אוּן דוּ וֶועסְט זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

טוֹזה אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵייליךְ וֶועט אַלֶעם גוּט זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרמג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁלַח י"ט סִיוָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** דַארְפְסְט ווִיסְן אַז אֵיינֶער הָאט בִּלְבּוּלֵי אֱמוּנָה קוּמְט דָאס נָאר וַוייל עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועז בִּבְרִית וְכוּ', וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א) דָאס בְּרִית אוּן אֱמוּנָה אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועז אִין בְּרִית אִיז רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וֶועט עֶר הָאבְּן סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה; וֶוער קֶען זָאגְן אַז עֶר אִיז רֵיין פוּן דֶעם חֵטְא וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען זֶעהְט אוּן אַלֶעס וָואס מֶען הֶערְט אוּן אַלֶעס וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִיז אַלֶעס גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן וֶועלְדִיג דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַריין דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, אַזוֹי וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶע טוּמְאוֹת.

**דֶערְפַאר** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים דִי שְׁמוּץ וְכוּ', פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ', הִרְהוּרִים רָעִים וְכוּ', זָאל עֶר זָאגְן דֶעם פָּסוּק "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הֲוָיָ"ה אֱלֹקֵינוּ הֲוָיָ"ה אֶחָד"

- "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד", און דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען פון תַּאֲוַת נִיאוּף.

**אִיז** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע הֲלָכָה ד') אַז דִי צְוֵויי פְּסוּקִים אִיז גִילוּי עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, דָאס הֵייסְט עֶס אִיז מְגַלֶה פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד זָאגְט דִי צְוֵויי פְּסוּקִים, דֶעמָאלְט וֶוערְט אוֹיף אִים גֶעצוֹיגְן אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, וָוארוּם יֶעדֶער אִידִישֶׁע נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל מַמָּשׁ, און מִיט דֶעם וָואס עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה מִיט דֶעם פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע עֲווֹנוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זֶעהְן יֶעדְן טָאג נִזְהָר זַיין זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע אִינְדֶערְפְרִי און בַּיינַאכְט, וָוארְט בַּיי וָוארְט, אִין סִידוּר דַוְיקָא, נִישְׁט אוֹיסֶענְוֶוייְנִיג, און דָאס הֶעלְפְט אָפְּקִילְן דֶעם בְּרֶענֶעדִיגֶע תַּאֲוָה פוּן נִיאוּף וָואס עֶס אִיז אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ.

דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז אַלֶע סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה וָואס עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר וַוייל עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, וָוארוּם אַ אִיד וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, וֶועט אִין אִים אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן דִי אֱמוּנָה, און מֶען זֶעהְט עַל פִּי רוֹב דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה און זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י הָאבְּן סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בֶּעלְזֶער רָב, רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב זי"ע, אַז אִין דֶעם טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָש מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר נִזְהָר יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָש רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִים סִימָן רפ"ה סְעִיף ג') מִיוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילֵךְ נִקְרָא עִם הַצִּיבּוּר; פוּן זוּנְטָאג אָן קֶען מֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף תִּיקוּן הַבְּרִית, אוּן אַ סְגוּלָה אוֹיף הָאבְּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

שְׁטַארְק זִיךְ פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, מֶען קֶען אַלֶעם פַארְרֶעכְטְן, מֶען טָאר נָאר נִישְׁט זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

## תרמד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר שְׁלַח י"ט סִיוָן התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**זֶעה** צוּ טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת רוּהְט דָארְטְן דִי שְׁכִינָה, אוּן וואוּ דִי שְׁכִינָה רוּהְט אִיז

דָארְטְן דָא דִי בְּרָכָה און עֶס פֶּעלְט גָארְנִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז אַ אִיד זָאל זַיין אַ וַותְּרָן - נָאכְגֶעבִּיג, אִין שְׁטוּב, דֶער עִיקָר עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

**פַּארְשְׁטֵייט** זִיךְ נָאכְגֶעבִּיגְקֵייט מֵיינְט נִישְׁט אוֹיף אִידִישְׁקֵייט, נָאר אוֹיף מִדּוֹת, אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג אַ גוּטֶער, הֶעלְפְן און גֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', און נִישְׁט זַיין קַיין קַמְצָן וְכוּ', וָואס דָאס בַּאוַוייזְט אַז עֶר הָאט גוּטֶע מִדּוֹת.

**גֶעווֹאוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָוארוּם יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט צוּגֶעהֶערְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז עֶס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ב) אַז דָאס וֶועט זַיין דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער נִסָּיוֹן, אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, דִי כְּפִירוֹת און אֶפִּיקוֹרְסוּת וֶועלְן זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייטְן אִיבֶּערָאל, אֲפִילוּ צְווִישְׁן פְרוּמֶע אִידְן וְכוּ', לֵיידֶער זֶעהְט מֶען אַז עֶס אִיז מְקוּיָים גֶעוָוארְן, מֶען אִיז אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן מִיט אַלֶע מִינֵי דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת, מִיט מִינוּת און אֶפִּיקוֹרְסוּת פוּן כּוֹחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשׂוּ לִי אֶת הַחַיִל הַזֶה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, און ווִיאַזוֹי וֵוייסְט מֶען אַז מֶען הָאט רֵיינֶע אֱמוּנָה? וֶוען אַ אִיד גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, און בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, וֶועט עֶר זֶעהְן גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער

בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט אִים טוּהְן, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אוּן אַ אִיד אַז עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ תְּפִלָּה הָאט עֶר אַלְסְדִינְג.

אִיז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶועז דֶער עִיקָר 'אֱמוּנָה', אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ג) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, אוּן דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז צוּ גְלֵייבְּן אָן חָכְמוֹת אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ.

יֶעצְט גֵייט דוּרְךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דִי רְשָׁעִים ווילְן מְבַטֵל זַיין יְשִׁיבוֹת מִיט תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר אִיז מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אִידְן אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אוּן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן פוּן דִי פּוֹשְׁעִים וָואס זֵיי זֶענֶען זִיכֶער נָאר פוּן דִי עֵרֶב רַב, דָאס אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין אִידְן, אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע מָאל אַז בֶּעפָאר דִי גְאוּלָה וֶועט זַיין אַ מוֹרָא'דִיגֶע צוּמִישֶׁענִישׁ, אוּן דִי עֵרֶב רַב וֶועלְן גֶעוֶועלְטִיגְן, אוּן דִי פְרוּמֶע אִידְן וֶועלְן לֵיידְן אָרֶעמְקֵייט, אוּן עֶס וֶועט הֶערְשְׁן אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל'קֵייט וְכוּ' וְכוּ', (עַיֵין זוֹהַר נָשֹׂא קכ"ה), אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה אוּן זֵיי זֶענֶען מְגַלֶה דִי אֱמוּנָה, אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן מִיר אַלֶע אַוַודַאי אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן פִינְסְטֶערְן גָלוּת.

דֶערְוַוייל זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אַלֵיין, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, דוּ זָאלְסְט זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן דָאס דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אוּן בַּאלְד פָּארְט מֶען נָאכְאַמָאל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אֵיי אַנְדֶערֶע צַדִיקִים זָאגְן נִישְׁט אַזוֹי, אָבֶּער אִיךְ בֶּעהְט עֶנְק אַז אִיר זָאלְט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם דֶער קִיבּוּץ אִיז נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז ווארויל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, וֶועט עֶר אַוַודַאי הָאבְּן דֶעם גְרוֹיסְן תִיקוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרמה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר קֹרַח כ"ד סִיוָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַהְנוּנְג וָואסֶערֶע מִצְוָה דוּ טוּהסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ זַאמֶעלְסְט גֶעלְט קוּיפְן פוּן מָאל צוּ מָאל אַ פַּאלֶעט פֶּעפֶּער כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז דָאךְ אַזַא זְכוּת הָרַבִּים וָואס מֶען

קֶען גָארְנִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, וָוארוּם עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן אַזֶעלְכֶע צָרוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים קֶען רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ׳.

וָוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן דוּרְכְדֶעם פַּארְלִירְט עֶר דִי אֱמוּנָה, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ״ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִים כְּפִירָה בָּאָדָם; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט קוּמְט אִין אִים אַרַיין כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, דָאס הֵייסְט מַחֲשָׁבוֹת אַקֶעגְן דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס הַארְגֶעט אִים אָפּ אִינְגַאנְצְן, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים לַייכְט אִים דֶער מֹחַ אִינְגַאנְצְן, אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרִיג.

**דֶעם** הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים בְּרֶענְגְן אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ הָאפְפֶענוּנְג אוּן שִׂמְחָה אוּן בִּטָּחוֹן, בִּיז עֶר וֶוערְט אַ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ.

**נֶעם** זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַּארְלָאזְן, דוּ זָאלְסְט זֶעהְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ הַאלְטְן, אוּן זֶעה שַׁאפְן נָאךְ גֶעלְט, מֶען זָאל קֶענֶען קוֹיפְן נָאךְ פַּאלֶעטְ׳ס פַּאפִּיר, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען דְרִיקְן וָואס מֶער סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, אוּן דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זִיכּוּי הָרַבִּים וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מַדְרֵיגָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד קוּמְט אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט אִים נִתְגַלֶה אוּן אַנְטְפְּלֶעקְט אַ לֶעבְּעדִיגְקֵייט פוּן עֶצֶם עַצְמִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַזוֹי גֶעבֶּעטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז מֶען זָאל זֶעהְן מַרְבֶּה זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם בֵּית הַתְּפִלָּה, דָאס הֵייסְט מֶען זָאל מְעוֹרֵר זַיין מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם עֶס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער זְכוּת אַז נָאךְ אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם צוּ צֵירוּפִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**שְׁטַארְק** זִיךְ, אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, וָוארוּם דֶער עִיקָר פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין יִאוּשׁ אוּן אִין דִיפְּרֶעסְיֶע עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם הָאפְּעֶנוּנְג, אוּן דָאס דַארְף מֶען אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ אוּן פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז דָאס מְקַיֵים וֶועט עֶר הָאבְּן אַ אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן אוּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוּן אַ זִיס לֶעבְּן, אוּן עֶר וֶועט מַאכְן לֶעבְּטִיג אוּן זִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיכֶעט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרמו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר קֹרַח כ"ד סִיוָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**דוּ** הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואסֶערֶע שִׂמְחָה דוּ הָאסְט אִין מִיר אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט דֶעם וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בַּאפְלֵייסִיגְסְט זִיךְ אִין לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דוּרְךְ לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת וֶועט מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, דֶער עִיקָּר גָּלוּת אִיז רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועןן אִין אֱמוּנָה רַייסְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר מְזַכֵּךְ זַיין נְשָׁמָה אוּן קְלֶעבְּט צוּ זַיין נְשָׁמָה צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען בָּחוּרִים אִין אִינְגֶעלַייט וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט צוּ וָואסֶערֶע מַדְרֵיגוֹת מֶען קֶען קוּמֶען נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָואלְט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶע מִינֵי שְׁלֶעכְטְּץ וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זַיי מַמְשִׁיךְ אִין דֶעם זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, וֶועט עֶס דִיר אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי לִיגְן אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע בְּלָאטֶע אוּן זַיי קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם, אָבֶּער אִין זְכוּת וָואס זַיי מַאכְן זִיךְ אַ קְבִיעוּת לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט דֶער כֹּחַ הַתּוֹרָה זַיי אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן

בְּלָאטֶע, עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז כַּךְ וְכַךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַּאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, שְׁטַארְק זִיךְ אִין דֶעם וֶועסְטוּ זֶעהְן עֶס וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט בְּקָרוֹב אַ חָתָן וֶוערְן אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן מֶען זָאל נָאר הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת בַּיי דִיר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁן תָּמִיד**

# תרמז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר בָּלָק י"א תַּמּוּז התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, אֱמֶת אִיךְ וַוייס אַז עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַסַאךְ עֶנְגֶענִישׁ אוּן חוֹבוֹת וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט וויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן לָאז דִיךְ נִישְׁט אָפּ,

וָוארום דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנז מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז "יֵשׁ עִנְיָן שֶׁיִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה" סוֹף כָּל סוֹף טוּהסְטוּ דָאךְ פַּארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און דו בִּיסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ דְרִיקְן דִי סְפָרִים וָואס דָאס אִיז אַ זִיכּוּי הָרַבִּים, און אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת, און מִיט דֶעם קֶענְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן.

**זָאלְסְט** וִויסְן דָאס עֲנִיוּת וְדַחְקוּת קוּמְט פַּארְן מֶענְטְשׁ נָאר וֶוען עֶר אִיז טְרוֹיעֶרִיג און עֶר אִיז בְּעַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה וְכוּ', וָוארום דֶעמָאלְט וֶוערְט זַיין מֹחַ און זַיין דַעַת קְלֵיין, און דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מא) אֵין עָנִי אֶלָא מִן הַדַעַת, דַעַת קָנִיתָ מֶה חָסַרְתָּ, דַעַת חָסַרְתָּ מֶה קָנִיתָ; און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') פַּארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי וַוייט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשׁוּב הַדַעַת. און פַּארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִשׁוּב הַדַעַת? וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. און פַּארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט דִי גוּטְס וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ, וָוארום יֶעדֶער אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ טוּהְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ מִצְוֹות, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד') "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ" מַאי רַקָּתֵךְ, אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; נָאר לֵיידֶער דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וַוארְפְט אַרַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין אַ יֵאוּשׁ און אִין אַ עַצְבוּת וְכוּ' וְכוּ', און קְלַאפְּט אִים אַרָאפּ אַז זַיינֶע מִצְוֹות זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד וְכוּ' וְכוּ', און אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, און עֶר טוּט נִישְׁט אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען טוּהְן.

וָוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואסֶערֶע לֶעבְּט עֶר צִינְדְט אָן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וֶוען עֶר טוּט זִיךְ אָן מִיט אַ טַלִּית קָטָן אָדֶער אַ טַלִּית גָדוֹל, וָואלְט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג, וָוארוּם צִיצִית אִיז דֶער מַלְבּוּשׁ פוּן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען אַ אִיד טוּט זִיךְ אָן דִי תְּפִלִּין וָואס דָאס אִיז דֶער קְרוֹין פוּן דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וָואלְט עֶר אַ גַאנְצְן טָאג גֶעטַאנְצְט פוּן רוֹב שִׂמְחָה, ווי דִי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ל:) אַבַּיֵי הֲוָה יָתִיב קַמֵּיהּ דְּרַבָּה חַזְיֵיה דַּהֲוָה קָא בָּדַח טוּבָא אָמַר וְגִילוּ בִּרְעָדָה כְּתִיב אָמַר לֵיהּ אֲנָא תְּפִילִין מַנַּחְנָא, רַבִּי יִרְמְיָה הֲוָה יָתִיב קַמֵּיהּ דְּרַבִּי זֵירָא חַזְיֵיה דַּהֲוָה קָא בָּדַח טוּבָא אָמַר לֵיהּ בְּכָל עֶצֶב יִהְיֶה מוֹתָר כְּתִיב אָמַר לֵיהּ אֲנָא תְּפִילִין מַנַּחְנָא.

זֶעהְט מֶען ווי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט תְּפִילִין, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וָואס יֶעדֶער אִיד הָאט יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל מִצְוֹת וָואס עֶר כַּאפְּט גָארְנִישְׁט דָאס טֵייעֶרְקַייט פוּן דִי מִצְוֹת, וָוארוּם וֶוען עֶר זָאל וִויסְן וָואסֶערֶע לֶעבְּט דִי מִצְוֹת זֶענֶען גוֹרֵם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן טָאג פְרֵיילִיךְ, נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן וַוייזְט אִים אַז זַיינֶע מִצְוֹת אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד וְכוּ' וְכוּ' אוּן קִילְט אִים אָפּ פוּן קִיּוּם הַמִּצְוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען דָאס אוֹיסְצוּרַייסְן, אוּן עֶר אִיז מְגַלֶּה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) דָאס אַ אִיד דַארְף זוּכְן אוּן טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ דָאס גוּטְס פוּן יֶעדֶע מִצְוָה אֲפִילוּ דֶער סַמֶ"ךְ

מֶ"ם צוּבְּרֶעכְט אִים אוּן וַוייזְט אִים זַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף אַ מֶענְטְש נָאכְזוּכְן נָאר דָאס גוּטְס וָואס עֶס אִיז דָא אִין אִים, אוּן דָאס אַלֵיין וֶועט אִים צוּבְּרֶעגְנְן אַז עֶר זָאל מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן מְקַיֵים זַיין דִי מִצְווֹת מִיט גְרוֹיס הִידוּר.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיָה, וָוארוּם וָואס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אִין פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל"ג) "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם" אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּבְחִינַת 'אֶחָד', עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר הָאט גֶעוְויסְט אַז עֶר דַארְף דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִינֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין מוֹנֵעַ וּמְעַכֵּב, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ דָאס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיד וָואס הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**הַיינְט** שְׁטֵייעֶן מִיר אִין אַזַא מַצָב וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פִיל מִיט כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) אֵיידֶער מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין פִיל מִיט כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, אוּן לֵיידֶער זֶעהְן מִיר וָואס דִי קְלִיפָּה פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע צִיוֹנוּת הָאט אָנְגֶעמַאכְט, אוּן אַריינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אִידִישֶׁע הֶערְצֶער קַאלְטְקֵייט אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן שׁוּלְדִיג זֶענֶען דִי פַארְפוּילְטֶע מַנְהִיגִים, וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ

רַע-בָּנִים, וֶוער ס'ווייסְט די נַאטוּר פוּן סְפַּרְדִישֶׁע אִידְן וָואס זֵיי הָאבְּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן רַבָּנִים, אוּן די רְשָׁעִים הָאבְּן גֶעוְויסְט דָאס די סְפַּרְדִישֶׁע אִידְן וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועק פִירְן פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן פוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה נָאר אַז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע רַע-בָּנִים וָואס מִיט דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַת מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶוער עֶס ווייסְט פוּן דֶערְנָאנְט וויאַזוֹי מֶען הָאט אוֹיסְגֶעשְׁמַדְט מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דָאס אִיז גֶעוָוארְן נָאר דוּרְךְ די פַאלְשֶׁע פַארְדָארְבֶּענֶע רַע-בָּנִים וָואס זֵיי זֶענֶען די עֵרֶב רַב.

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה ווי צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען די אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, נָאר דוּרְכְן דְרִיקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט צוּ אַ הַאנְט אוּן עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז די גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן טַייטְשְׁט אַ פָּסוּק (תְּהִלִּים קי"ט) "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת" וָואסֶערֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג? וֶוען מֶען גֶעט דְרִיקְן די תּוֹרָה פוּן צַדִיק הָאֱמֶת, וָוארוּם אַ סֵפֶר'ל בְּלַייבְּט לְדוֹרוֹת עוֹלָם, אוּן אוֹיךְ דָאס קוּמְט אָן אִין די גַאנְצֶע וֶועלְט, פַארְפַאר אִיז דָאס די גְרֶעסְטֶע צְדָקָה.

**שְׁטַארְק זִיךְ וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן.**

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרמה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר בָּלָק י"ב תַּמּוּז התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר סֶענְצֶעטִיוו, אוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט דֶענֶערְווירְט זֵיי, אוּן בִּפְרַט וֶוען דָאס וַוייבּ זָאגְט אִים אַ וָוארְט מַאכְט עֶר פוּן אַ פְלִיג אַן עֶלֶעפַאנְט, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶה אִין שְׁטוּבּ, אוּן מֶען בְּלָאזְט אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן, אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן וְכוּ', וֶוען עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען נָאר עֶס אִיז אַרַיין אִין דַיין קָאפּ נַארִישְׁקֵייט וְכוּ', אוּן דוּ בִּיסְט זֵייעֶר סֶענְסֶעטִיוו, אוּן דָאס צוּבְּרֶעכְט דִיךְ אִינְגַאנְצְן, חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קי"ג:) אֲנִינֵי הַדַּעַת חַיֵּיהֶם אֵינָם חַיִּים; אֵיינֶער וָואס אִיז סֶענְצֶעטִיוו אִיז זַיין לֶעבְּן נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, שְׁטֶענְדִיג טַייטְשְׁט עֶר אוֹיס יֶענֶעמ'ס וֶוערְטֶער אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל אִים נָאר שְׁטֶעכְן וְכוּ', בְּשַׁעַת יֶענֶער טְרַאכְט אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן דִיר וְכוּ', אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט דָאס וַוייבּ, הָאט זִי דִיר גֶעזָאגְט עֶפֶּעס וְכוּ', דַארְף מֶען נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט אַזוֹי שְׁנֶעל וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) דָאס מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד צוּ אַ וַוייבּ,

און איר מְכַבֵּד זַיין, וָוארוּם זִי לַיידְט אַזוֹי פִּיל יִסוּרִים און צַעַר וֶוען זִי שְׁוַואנְגֶעט וְכוּ׳, און וויפִיל פְּחָדִים הָאט זִי בִּיז זִי גֶעבּוֹירְט דָאס קִינְד, און נָאכְדֶעם בַּיים גֶעבָּארְט וְכוּ׳, און נָאכְדֶעם דַארְף זִי אוֹיפְזַיין מִיטְן קִינְד וְכוּ׳, זִי מִיטְשֶׁעט זִיךְ זַייעֶר מִיטְן קִינְד אִין שְׁטוּבּ וְכוּ׳, און וֶוער זָאגְט נָאךְ וֶוען מֶען הָאט עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער בְּלִי עַיִן הָרַע, וָואס זֵיי טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען און רִידֶערְן אִין שְׁטוּבּ, און דָאס וַוייבּ מוּז לַיידְן וְכוּ׳, אִיז וָואס אִיז אַז זִי הָאט דִיךְ גֶעזָאגְט עֶפֶּעס אַ וָוארְט? מֶען וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶועגְן דֶעם בִּיז מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ רֶעדְן אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, כַּאפְּסְט נִישְׁט אַז סֶענְצֶעטִיוו׳קֵייט אִיז אַ מְשׁוּגַעַת ווי אַלֶע מְשׁוּגַעַת׳ן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַריין, און פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין דַיין וַוייבּ לְכַף זְכוּת, און מַאךְ נִישְׁט פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט אַ גַאנְצְן עֵסֶק, און דֶערְמָאלְטְס וֶועסְטוּ לֶעבְן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא מַתָּנָה ווי דִי מִדָה פוּן סַבְלָנוּת, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד אוֹיבּ עֶר וויל דוּרְכְגֵיין דִי וֶועלְט גְלִיקְלִיךְ און פְרֵיילִיךְ, ס׳אִיז פַּארְפַאלְן, מֶען דַארְף אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאבְּן גֶעדוּלְד און לַיידְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, וֶוער ס׳קֶען דָאס בַּאוַוייזְן דֶער אִיז דֶער מְנַצֵחַ און גֶעווִינֶער, אַוַודַאי אִיז דָאס נִישְׁט גְרִינְג וְכוּ׳, אָבֶּער עֶס אִיז שְׁוֶוערֶער צוּ זַיין צוּקְרִיגְט מִיטְן וַוייבּ און מִיט דִי קִינְדֶער אָדֶער מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

סֶענְצֶעטִיוִויקַייט נֶעמְט זִיךְ פוּן נֶערְוְון, אֵיינֶער הָאט שְׁוַואכֶע נֶערְוְון פַארְלִירְט עֶר דִי גֶעדוּלְד, אוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וַוארְפְט אִים אַרָאפּ אוּן צוּבְרֶעכְט אִים, בִּיז עֶר פַאלְט אַרַיין אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועסְטוּ לֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) **אַז** דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֲרִיכוּת אַפַּיִם, דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, אַז ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרמט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר פִּנְחָס ט"ו תַּמּוּז התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאב דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן בִּפְרַט וֶוען דִי פַּרְנָסָה אִיז אַזוֹי עֶנְג אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן, מֶען אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט

חובות און אָרֶעמְקֵייט וָואס דָאס אִיז דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער נִסָּיוֹן, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה ל"א סִימָן י"ד) אֵין לְךָ מִדָּה קָשָׁה מִן הָעֲנִיּוּת שֶׁכָּל מִי שֶׁהוּא מְדוּקְדָק בַּעֲנִיּוּת כְּאִילוּ דְבוּקִין בּוֹ כָּל יִסוּרִים שֶׁבָּעוֹלָם, וּכְאִילוּ בָּאוּ עָלָיו כָּל הַקְּלָלוֹת שֶׁבְּמִשְׁנֵה תוֹרָה, וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ אִילוּ נִתְקַבְּצוּ כָּל יִסוּרִין לְצַד אֶחָד וְהָעֲנִיּוּת לְצַד אֶחָד, הָעֲנִיּוּת מַכְרַעַת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה צוּ טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט מִדַּת הַשִּׂמְחָה, וָוארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ט"ז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', אַז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת אִיז דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, חַתָ"ךְ, אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיט שִׂמְחָה וֶוערְט נִתְרַחֵב דֶער דַעַת, מִיט שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. אַוַודַאי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען טוּהְן אַלֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ קוּמֶען צוּ שִׂמְחָה - וָואס שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָּׁה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א', ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, און דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת, נָאר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט.

**אַ** סְגוּלָה צוּ עֲשִׁירוּת אִיז צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר מִיט אַ קוֹל און מִיט שִׂמְחָה, און דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע חובות און דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע עֶנְגֶענִישְׁן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרנ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר פִּנְחָס ט"ו תַּמּוּז התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע הַארְץ וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) גָאר קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדִין, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ טִיפְן קוֹל "גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַאֵשׁ" אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר מַחֲמַת יֵאוּשׁ אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְיַיאֵשׁ אוּן עֶר פַאלְט אַרַיין אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין אִידִישְׁקַייט.

**גֶעם** זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, עֶס שְׁטֵייט בְּפֵירוּשׁ אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה סְעִיף ג') מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּבּוּר; פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב פוּן בֶּעלְזָא זי"ע, דֶעם טָאג וָואס אַ אִיד לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י וֶועט עֶר נִישְׁט זִינְדִיגְן, אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נַדְבוֹרְנָא זי"ע הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער דֶער "עֲצֵי חַיִים" אוּן דֶער "דִבְרֵי יוֹאֵל" וֶוען זֵיי זֶענֶען קְלֵיין גֶעוֶוען אוּן דֶער פָאטֶער דֶער "קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב" הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן אִים, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן קִינְדֶערְלֶעךְ פִּילֶעוֶועט זִיךְ מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ"י, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְדוֹלֵי עוֹלָם וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּסְט ווִי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וואוֹינְט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ט) דָאס עֶס אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית מַעֲבִיר זַיין דִי סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר כְּסִדְרָן אִין מִשְׁנָיוֹת, זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, בִּיז דוּ וֶועסְט קֶענֶען מְסַיֵים זַיין שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דֶעמָאלְטְס זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, וָוארוּם אִין דֶעם זְכוּת קֶען מֶען אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס, וָוארוּם (תְּהִלִים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָ"ה, דוּרְךְ לִימוּד מִשְׁנָיוֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן זַיין נֶפֶשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין גֵיהִנוֹם עֶר זָאגְט זֵיי 'דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א ז"ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָז

אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט) "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ" שְׁמֵנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָ"ה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן דַוְיקָא, אוּן זָאלְסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּהְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען אַסַאךְ אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה; דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה; וִוידֶערְאוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לַמִשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְּמָרָא; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנַיוֹת מֶער ווִי צוּ דִי גְּמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶפְנְט זִיךְ אִים דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם דִי גְּמָרָא, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז׳ סִימָן ג׳) אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ דֶעם זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ.

אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית מ"ב) מַאן דְקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְׁרָא קִשׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיהּ כִּדְקָא יָאוּת, אִילֵין אִינוּן

דְמְקַדְשִׁין שְׁמָא קַדִישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר; [וֶוער עֶס לֶערְנְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דֶער וֵוייסְט וְויאַזוֹי מְחַבֵּר צוּ זַיין דִי עוֹלָמוֹת וְכוּ׳, אוּן דוּרְךְ אִים וֶוערְט גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע יִחוּדִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ׳, אוּן דִי וָואס זֵיי לֶערְנֶען שְׁטֶענְדִיג מִשְׁנָיוֹת זֶענֶען מְקַדֵשׁ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים׳ס נָאמֶען יֶעדְן טָאג]. דֶער עִיקָר זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן שׁוֹין אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע תַּאֲווֹת אוּן טוּעֶן אָפּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן זַיי זִינְקְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיב זַיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ חוֹק קָבוּעַ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה, וֶועט דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זֵיי אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זֵייעֶר שְׁמוּץ, אוּן עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט דָאס כַּךְ וְכַךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימוּד ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וָואס דָאס הַארְגֶעט אַוֶועק דֶעם יֵצֶר הָרַע אִינְגַאנְצְן. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה).

**יֶעצְט** אַז דו ווילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַיין בְּרֶעעֶנדִיגֶע יֵצֶר הָרַע, זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְפַאנְגֶען הַיינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָה הָאט דֶעם כֹּחַ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיבֶּעט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה כ"ב סִימָן ו') **אִם בָּא יִצְרְךָ לְהַשְׁחִיקְךָ דוֹחֵהוּ בְּדִבְרֵי תוֹרָה**; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה מְבַטֵל צוּ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרַע, נָאר דוּרְךְ לִימוּד תוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין אַנְדֶערֶע עֵצוֹת, אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט נִתְגַבֵּר וֶוערְן אוֹיף דִיר דַיין יֵצֶר הָרַע, אִיז אַ סִימָן אַז דוּ לִיגְסְט נָאךְ אִין דַיין רִשְׁעוּת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן פ"א) **מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְבַטֵל אֶת הַיֵצֶר הָרַע עַל יְדֵי הַמְשָׁכַת אוֹתוֹ לְבֵית הַמִדְרָשׁ יֵדַע שֶׁעֲדַיִין בְּרִשְׁעָתוֹ קַיָים**; אִיבֶּערְדֶעם פָּאלְג מִיר, הֵייבּ אָן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְרַאטֶעוֶועןְ פוּן דַיין בְּרֶעעֶנדִיגֶע יֵצֶר הָרַע וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר אַזוֹי ווִי אַ פֵייעֶר וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיךְ** הָאבּ דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרנא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר פִּנְחָס י"ז תַּמּוּז התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן דָאס בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד 'שָׁלוֹם בַּיִת' אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעזָאגְט אוּנְזֶערֶע לַייט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אוּן טֵייעֶר הַאלְטְן דָאס וַוייבּ, וָוארוּם זִי גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן וְכוּ', צַעַר עִיבּוּר, צַעַר לֵידָה, צַעַר גִידוּל, וְכוּ', זִי גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיטְן שְׁטוּבּ אוּן מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', אוּן מִמֵּילָא קוּמְט אַז דֶער מַאן זָאל צוּלֵייגְן אַ הַאנְט אוּן הֶעלְפְן, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ וֶועט עֶטְץ זַיין עֲשִׁירִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סט) **אַז** דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט מַאכְן שָׁלוֹם מִיט אִיר, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען טֵיילְן אַסַאךְ צְדָקָה.

**אוּן** ווִיסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דִי עֶרְשְׁטֶע צְדָקָה דַארְף זַיין אִין שְׁטוּבּ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נ.) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק"ו ג') "אַשְׁרֵי שׁוֹמְרֵי מִשְׁפָּט עוֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת", וְכִי אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת צְדָקָה בְּכָל עֵת? דָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ שֶׁבְּיַבְנֶה

וְאָמְרֵי לָהּ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זֶה הַזָּן בָּנָיו וּבְנוֹתָיו כְּשֶׁהֵן קְטַנִּים; זֶעהְסְטוּ פַאר דִיר אַז דִי עֶרְשְׁטֶע צְדָקָה מוּז מֶען גֶעבְּן פַאר דִי וַוייבּ און קִינְדֶער.

**דָאס** אִיז דֶער דַעַת תּוֹרָה, און קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ אַנְדֶערְשׁ, וָוארוּם אַז דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן וְכוּ', וֶועט קֵיינֶער אוֹיף דִיר נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן, לֵייג דָאס גוּט אַרַיין אִין דַיין מוֹחַ, וֶועט דִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרנב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר פִּנְחָס י"ז תַּמּוּז התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אָפְּגֶעקִילְט גֶעוָוארְן וְכוּ', וַוייל דוּ הָאסְט זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ עֶכְטֶער מְקוֹרָב... אַ עֶכְטֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם... און דוּ טְרַאכְסְט דוּ דַארְפְסְט שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן, דוּ וֵוייסְט שׁוֹין אַלֶעס אַלֵיין וְכוּ' וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) דָאס מֶען דַארְף אָנְהֵייבְּן יֶעדְן טָאג פוּן נַיי מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ 'אִיךְ

בִּין שׁוין אַן אַלְטֶער מְקוּרָב׳ צוּם צַדִיק דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען מִיט אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, יֶעצְט בִּין אִיךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל מְקוּרָב גֶעוָוארְן, יֶעצְט בִּין אִיךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן, פוּן אַזַא גְרוֹיסְן לֶעבְּטִיגְן צַדִיק.

**אוֹיבּ** מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אַיינְקוֹיפְן.

**בַּארֶעכְן** זִיךְ, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ פָּגוּם׳דִיגֶער בָּחוּר, מִיט הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה וְכוּ׳, בִּיסְט גֶעזוּנְקֶען אִין תַּאֲווֹת נִיאוּף וְכוּ׳, בִּיז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן וְכוּ׳, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דִיר טֶעג וָואכְן חֳדָשִׁים יָארְן בִּיז עֶר הָאט דִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דֶעם אַז דוּ זָאלְסְט חַתוּנָה הָאבְּן אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, אוּן דֶער עִיקָר אִיז דוּ הָאסְט גֶעֶנְדִיגְט צֶענְדְלִיגֶער מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דוּ הָאסְט גֶעֶנְדִיגְט צְווֵיי מָאל שַׁ״ס, אוּן צְווֵיי מָאל ד׳ חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן אֲפִילוּ אֵיין מְסֶכְתָּא, מַסֶכֶת תַּעֲנִית, הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, פוּן וַואנֶעט קוּמְט דָאס? אוֹיבּ נִישְׁט דוּרְךְ וְכוּ׳, אוּן יֶעצְט בִּיסְטוּ אָפְּגֶעקִילְט גֶעוָוארְן, אוּן דוּ הַאלְסְט אַז דוּ דַארְפְסְט אִים שׁוין נִישְׁט הָאבְּן וְכוּ׳, בַּאטְרַאכְט זִיךְ גוּט, מַאדָאךְ וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין שְׁמוּץ אִין טִינוּף אִין צוֹאָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען פָּגוּם אִין פְּגַם הַבְּרִית אִיבֶּער דִי אוֹיעֶרְן וְכוּ׳, אוּן דֶער וְכוּ׳ הָאט דִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוּן הָאט גֶערֶעדְט צוּ דַיין הַארְץ אוּן דִיךְ מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה וֶוען דוּ בְּלַייבְּסְט בַּיי אִים וָואלְט עֶר דִיךְ הֶערְשְׁט

גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, נָאר וָואס דֶען, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם בַּאשְׁמוּצְן אֵיינֶעם וָואס עֶר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מְקַרֵב צוּ זַיין וַוייטֶע מֶענְטְשְׁן.

**אִיבֶּערְדֶעם** טוּה תְּשׁוּבָה אוֹיף פְּגַם אֱמוּנַת חֲכָמִים, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם אִין פְּגַם אֱמוּנַת חֲכָמִים קוּמְט אַרוֹיף צוֹאָה אִין זַיין קָאפּ, דָאס הֵייסְט דִי גַאנְצֶע שְׁמוּץ וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַלְץ בָּחוּר, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט זִיכֶער אַז יֶעצְט אַלְץ אִינְגֶערְמַאן הָאסְטוּ נִישְׁט דֶעם שְׁמוּץ וַוייטֶער נָאכְמֶער אֲפִילוּ וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען רֵיין פוּן שְׁמוּץ וָואלְסְטוּ דָאךְ נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם טוּה תְּשׁוּבָה אוֹיף פְּגַם אֱמוּנַת חֲכָמִים, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז אַזוֹי וִוי דֶער וְכוּ' הָאט דִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן בְּלָאטֶע, אַזוֹי וֶועט עֶר דִיר וַוייטֶער אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין דִי קְדוּשָׁה הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרנג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר פִּנְחָס י"ז תַּמּוּז התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן, אוֹיבּ מֶען וויל רַאטֶעוֶוען דֶעם יוּגְנְט יֶעצְט אִין דֶעם דוֹר, מוּז מֶען חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג, סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע הַצָּלוֹת נְפָשׁוֹת וָואס סְ'קֶען נָאר זַיין.

אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן סַיי דֶעם בָּחוּר אוּן סַיי דָאס מֵיידְל פְּרִיעֶרְט וָואס הֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן וָואס הֵייסְט אַחֲרָיוּת וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער נָאר דָאס אִיז דֶער וֶועג צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה.

עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַזַא מִין בִּיטֶערֶע מַגֵיפָה פוּן אוֹיסְגֶעלַאסְנְקֵייט, פוּן שְׁמוּץ, פוּן אַלֶע מִינֵי תוֹעֵבוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ צַאמְקוּקְן אוּן דֶער אִינְטֶערְנֶעט, אֵיי פָּאן, בְּלֶעקְבֶּערִי וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס אִיז נָאךְ אַרְגֶער ווִי דֶער דוֹר הַמַּבּוּל, אוּן אַרְגֶער ווִי דֶער בַּעַל פְּעוֹר, ווָארוּם אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען מֶען זֶעהְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ פוּן סוֹף וֶועלְט בִּיז סוֹף וֶועלְט, אַלֶע עֶקְלְהַאפְטִיגֶע שְׁמוּץ פוּן אַלֶע עֶקְלְהַאפְטִיגֶע גוֹיִים, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם דִי גַאסְן זֶענֶען פַארְגֶרֶעבְּט אוּן פַארְשְׁמוּצְט, דִי גוֹיִים גֵייעֶן אַרוּם נַאקֶעט ווִי

חַיוֹת וְכוּ' וְכוּ', און מַה יַעֲשֶׂה הַבֵּן שֶׁלֹּא יֶחֱטָא? וָואס זָאל דֶער אִידִישׁ קִינְד טוּהְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן חָלִילָה וְכוּ', און דָאס אִיז אַ פַּאקְט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן מִיט אַ זַאךְ וָואס אִיז אַ מְצִיאוּת.

**אַז** מֶען מַאכְט חֲתוּנָה יוּנְג, בְּלַייבְּט דָאס יוּנְג פָּארְפָאלְק עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און אוֹיף דֶעם דַארְף זַיין דָאס שְׁטְרֶעבּוּנְג פוּן טַאטֶע מַאמֶע, חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער.

**נִישְׁט** אַרוּמְזוּכְן, מַיין זוּהְן דַארְף הָאבְּן אַ 'בְּרֶענְד נֶעם' מִיט וֶועמֶען זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין וְכוּ', אָדֶער מַיין טָאכְטֶער דַארְף הָאבְּן אַ 'בְּרֶענְד נֶעם' מִיט וֶועמֶען זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין וְכוּ', דָאס אִיז אַלֶעס עֲצַת בִּלְעָם הָרָשָׁע, עֲצַת הַיֵּצֶר, אַרָאפְּצוּפִירְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן וֶועג רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן.

**אַוַודַאי** און אַוַודַאי קֶען מֶען זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ זַיין אִין דֶעם, אָבֶּער שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט' י"ב) "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא" בִּיסְטוּ קְלוּג, בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר. אוֹיבּ ווילְסְטוּ מַאכְן לֵיצָנוּת, מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת פוּן דִיךְ אַלֵיין. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וויל לֶעבְּן מִיט דֶעם מְצִיאוּת, דָאס אִיז דֶער מְצִיאוּת.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אָן אַ שִׁיעוּר בָּחוּרִים מִיט מֵיידְלֶעךְ און גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף אִידִישׁ און עֶרְלִיךְ און זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שְׁטוּבֶּער, און יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אֵייגְן הוֹיז, און הָאט אַ קַאר וְכוּ' וְכוּ', עֶס

פֶּעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג אוּן זֵיי זֶענֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**אַוודַאי** אוּן אַוודַאי הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין בֵּיידְן הָארֶעוַואנְיֶע, בִּיז אִיךְ הָאבּ זֵיי צַאמְגֶעבְּרֶענְגְט, זֵיי אוֹיפְגֶעקְלֶערְט וָואס הֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן וִויאַזוֹי מֶען לֶעבְּט, אוּן וָואס מֶען לֶעבְּט, אוּן דִי אַחֲרָיוּת פוּן לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶס אִיז גֶעלוּנְגֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ רַאטֶעוֶוען דִי יוּגְנְט יֶעצְט.

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרנד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר פִּנְחָס י"ז תַּמּוּז התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**אִיךְ** וֵויים גַאנְץ גוּט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ דִי גְזֵירוֹת פוּן מַלְכוּת הָרִשְׁעָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער ס'אִיז דָא אַסַאךְ צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג וְכוּ', לֵיידֶער זֶענֶען דִי אֵייגֶענֶע שׁוּלְדִיג וְכוּ', זֵיי הָאבְּן אַ יַד בְּיוֹדְעִים וּבְלֹא יוֹדְעִים אִין אַלֶע גְזֵירוֹת, וָוארוּם וִויפֶער מֶען שְׁטִיצְט דִי

מַלְכוּת הָרִשְׁעָה הָאט מֶען אַ חֵלֶק אִין דִי פַּארְשָׁאלְטֶענֶע גְזֵירוֹת וָואס זֵיי ווילְן יֶעצְט גוֹזֵר זַיין הָיוֹ לֹא תִהְיֶה.

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסֶערֶע בִּיטֶערֶע גְזֵירָה דָאס אִיז אַז מֶען זָאל נֶעמֶען דִי בָּחוּרִים אִין מִילִיטֶער רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, זֵיי וֶוערְן גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעפִירְט אִין נִיאוּף, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען בִּלְעָם'ס עֵצָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קו.) אֱלֹהֵיהֶם שֶׁל אֵלוּ שׂוֹנֵא זִמָה; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען נִישְׁט פַארלַיידְן קַיין שְׁמוּץ, נִיאוּף, און עֶקְלְהַאפְטִיגְקֵייט וְכוּ', און דָארְטְן אִיז אַ שְׁמֶעלְץ טָאפּ פוּן נִיאוּף רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זֵיי מֵיינֶען גָארְנִישְׁט נָאר נִיאוּף, און ווִידֶערְאוּם נִיאוּף, און וַוייטֶער נִיאוּף, דָאס אוֹיסְגֶעלַאסְנְקֵייט, דָאס הֶפְקֵירוּת וָואס אִיז דָארְטְן דָא, מוּז אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען בָּחוּרִים פוּן אִידִישְׁן וֶועג.

**עֶס** אִיז לֵיידֶער דָא אַסַאךְ וָואס צוּ רֶעדְן, און ווִי מֶען קֶען דָאס רַאטֶעוֶוען, נָאר יֶעצְט זֶענֶען מִיר אִין אַזַא צַייט וָואס מֶען דַארְף מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (עָמוֹס ה') "הַמַשְׂכִּיל בָּעֵת הַהִיא יִדֹּם" ס'אִיז דָא אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף שְׁוַוייגְן, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן. מֶען הָאט מִיר שׁוֹין גֶעוָואלְט אַיינְזֶעצְן פוּן לַאנְג, פַאר דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערַאטֶעוֶועט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ מִיר נִישְׁט שְׁרַייבְּן וֶועגְן קַיין זַאכְן, אִיךְ וֵוייס מֶער וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ אֲפִילוּ פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָארְטְן טוּט זִיךְ.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און מֶען זָאל הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת שְׁטֶענְדִיג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרנה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר פִּנְחָס י"ח תַּמּוּז התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** זֶעהְן צוּ זַיין פְרֵייליךְ, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא רְפוּאָה ווִי שִׂמְחָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) דָאס אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן חֶלָאִים רָעִים קוּמֶען פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר דוּרְךְ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט, זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף נְקוּדַת הַשִּׂמְחָה, נָאר זַיין פְרֵייליךְ.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען פְרֵייליךְ מַאכְן דָאס ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו') אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; ווֶער קֶען נָאךְ אַזוֹי פְרֵייליךְ מַאכְן אַ ווַייבּ אַזוֹי ווִי אַ מַאן? אוֹיבּ דוּ ווֶעסְט אַרַיין בְּרֶענְגְן אִין שְׁטוּבּ אַ פְרֵייליכֶע אַטְמָאסְפֶערֶע וְכוּ', ווֶעט הֶערְשְׁן אַ רוּאִיגְקֵייט בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ, וָוארוּם אַלֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט נֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט דֶערְנָאךְ אַלֶע קְרִיגֶערַייעְן אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵייליךְ אוּן פְרֵייליךְ מַאכְן דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן בִּכְלַל דַארְפְסְטוּ זֶעהְן שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן, וָוארוּם דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, מְחַזֵּק זַיין אַ צְווֵייטְן אִיד, אוּן אִים

אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיין בִּיטֶערְנִישׁ, אוּן אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אִים דָאס לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן שִׂמְחָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרנו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר פִּנְחָס י"ח תַּמּוּז התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן וָואס דוּ בִּיסְט יֶעצְט עֶנְג אִין גֶעלְט, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (שְׁמוֹת רַבָּה פָּרָשָׁה ל"א סִימָן י"ד) לֹא כָּל מִי שֶׁהוּא עָשִׁיר הַיּוֹם הוּא עָשִׁיר לְמָחָר, וְלֹא מִי שֶׁהוּא עָנִי הַיּוֹם עָנִי לְמָחָר, לָמָה? שֶׁגַּלְגַּל הוּא בָּעוֹלָם (דְבָרִים טו) "כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה"; דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי וִוי אַ רָאד, אַט אִיז מֶען אוּנְטְן אָרֶעם, אוּן אַט אִיז מֶען אוֹיבְן רַייךְ וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי דְרֵייט זִיךְ מִיטְן מֶענְטְשׁ, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן ווִיסְן דָאס דִי פַּרְנָסָה אִיז נָאר בַּיי אִים אִין דִי הֶענְט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען בֶּעטְן יֶעדְן טָאג פוּנְדָאסְנֵיי אוֹיף פַּרְנָסָה, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ע"ו.) שָׁאֲלוּ תַּלְמִידָיו אֶת רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחִי מִפְּנֵי מַה לֹא יָרַד לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל מָן פַּעַם אַחַת בְּשָׁנָה, אָמַר לָהֶם אֶמְשׁוֹל לָכֶם מָשָׁל

לְמָה הַדָּבָר דוֹמֶה, לְמֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּן אֶחָד פָּסַק לוֹ מְזוֹנוֹתָיו פַּעַם אַחַת בְּשָׁנָה וְלֹא הָיָה מְקַבֵּל פְּנֵי אָבִיו אֶלָּא פַּעַם אַחַת בְּשָׁנָה עָמַד וּפָסַק מְזוֹנוֹתָיו בְּכָל יוֹם וְהָיָה מְקַבֵּל פְּנֵי אָבִיו כָּל יוֹם, אַף יִשְׂרָאֵל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אַרְבָּעָה וַחֲמִשָּׁה בָּנִים הָיָה דוֹאֵג וְאוֹמֵר שֶׁמָּא לֹא יֵרֵד מָן לְמָחָר וְנִמְצְאוּ כּוּלָּן מֵתִים בְּרָעָב נִמְצְאוּ כּוּלָּן מְכַוְּונִים אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶן שֶׁבַּשָּׁמַיִם; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וויל אַז מֶען זָאל יֶעדְן טָאג בֶּעטְן פוּן נַיי אוֹיף פַּרְנָסָה, וֶוען אַ אִיד וָואלְט גֶעוִויסְט וָואסֶערֶע רוֹשֶׁם עֶר מַאכְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת מִיט זַיין בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, וָואלְט עֶר יֶעדְן טָאג גֶעבֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה.

**אַמָאל** אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע, אוּן הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט, אִיךְ בֶּעהְט יֶעדְן טָאג אוֹיף רוּחָנִיוּת אוּן אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן אִין עֶרְגֶעץ, וָואס וֶוערְט מִיט מַיינֶע תְּפִילּוֹת? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט, דוּ בֶּעהְט אוֹיף גַשְׁמִיוּת, דָאס פִילְסְטוּ אַז דִי דַארְפְּסְט דָאס מִיט אַן אֱמֶת, אוּן אַ תְּפִלָּה וָואס מֶען בֶּעהְט מִיט אַן אֱמֶת וֶוערְט מֶען שְׁנֶעלֶער גֶעהָאלְפְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמ"ה) "קָרוֹב הֲוָיָ"ה לְכָל קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת" אַז וואויל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַ יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אַזַא אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, וָוארוּם עֶר הָאט אוֹיף וֶועמֶען זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן, אוּן עֶס וֶוערְט בַּיי אִים גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה, אוּן אוֹיב אֵיינֶער הָאט אֱמוּנָה הָאט עֶר שׁוֹין אַלֶעס, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כ"ח) "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת".

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיטְן אַלֶעם גוּטְן. דֶער עִיקָר גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זָאלְסְט זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ וֶועט עֶטְץ זַיין עֲשִׁירִים, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס"ט) אַז דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט מַאכְן שָׁלוֹם מִיט אִיר, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען טֵיילְן אַסַאךְ צְדָקָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרנז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר פִּנְחָס י"ח תַּמּוּז התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, וֶועסְטוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּדֵי דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִויאַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ט) דָאס אַ יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכוֹת.

**אויך** זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ חַזֶר'ן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת,
וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה. אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם עֶר זָאגְט זַיי 'דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זַ"ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט) "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ" שְׁמֵנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מִשְׁנָ"ה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** אוֹיבּ דוּ ווילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה
וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זָאגְן זַייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן דַיְיקָא, אוּן זָאלְסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּהְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען אַסַאךְ אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה; דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה; ווידֶערְאוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לַמִּשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְּמָרָא; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנַיוֹת מֶער ווִי צוּ דִי גְמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶפְנְט זִיךְ אִים דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם דִי גְמָרָא, אוּן

אויסערדעם דורכדעם וואס מען לערנט משניות איז מען מקרב די גאולה, ווי די חז"ל זאגן (ויקרא רבה פרשה ז׳ סימן ג׳) אין כל הגליות הללו מתכנסות אלא בזכות משניות; איבערדעם זאלסטו לערנען זייער אסאך משניות, אפילו דעם זאגן משניות איז מטהר את הנפש.

**אויב** דו ווילסט דאס מקיים זיין וועסטו שפירן א געוואלדיגן סיפוק אין דיין לעבן, דו וועסט זיך נישט ארומדרייען פיסט וכו׳ וכו׳, היינט קען מען קויפן א סעט משניות מיט גרויסע אותיות מיט פינטלעך, און עס זאגט זיך זייער גרינג, איבערדעם זאלסטו זעהן צו זאגן יעדן טאג זייער אסאך פרקים משניות, און מיט א שטארקן רצון קענסטו ענדיגן זאגן יעדע וואך ששה סדרי משנה, און דאס וועט דיך אפהיטן פון אלעם שלעכץ, און עס וועט דיך דערווייטערן פון שלעכטע חברים וואס זיי קענען דיך אראפציען אין שאול תחתית, אוודאי וועט מען לאכן פון דיר דאס דו זאגסט משניות וכו׳ וכו׳, אבער ס׳איז אלץ בעסער צו זאגן פרקים משניות ווי זיך צו דרייען מיט שלעכטע חברים און צאמרעדן אלע ניבול פה און לשון הרע און רכילות וכו׳ וכו׳, וואס דאס ברענגט נישט צו קיין גוטס וכו׳ וכו׳, איבערדעם קוק נישט אויף קיינעם, נאר לייג זיך אריין אין זאגן אסאך משניות, וועסטו זעהן אז סוף כל סוף וועסטו ארויסגיין פון די בלאטע וואס דו ביסט אריינגעפאלן אין דעם.

**איך** האף דו וועסט מיר פאלגן, וועט דיך גוט זיין אויף די וועלט און מכל שכן אויף יענער וועלט, ווארום דער

תַּנְיָא רֶבִּי יוֹסֵי בֶּן קִיסְמָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם. אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת. אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרנח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר פִּנְחָס י״ח תַּמּוּז התשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פ״ד) דָאס דֶער טוֹיעֶר אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז תְּפִלָּה; אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוּין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן דֶערְצֵייל אִים אוֹיס אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳, אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעם וָואס עֶס דְרִיקְט אִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קנ״ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט ווִי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר

הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דֶער יוּגֶנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּהְן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט דָאס אָנְהוֹיבְּן מְקַיֵּים צוּ זַיין, וֶועסְטוּ זַיין אַ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרנט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר פִּנְחָס י"ח תַּמּוּז התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') דָאס דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְשֶׁעמְט דִיךְ אָדֶער דוּ הָאסְט אַ גְרוֹיסְן בִּזָּיוֹן, זָאלְסְטוּ אָפְּשְׁוַוייגְן. אוּן דָאס אִיז מֶער וִוי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, וָוארוּם דֶער נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז אֵיינֶער בַּאלֵיידִיגְט אִים אוּן פַארְשֶׁעמְט אִים, קָאכְט אִין אִים דִי בְּלוּט, אוּן עֶר מוּז עֶנְטְפֶערְן וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער וֶוען עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, מִיט דֶעם אִיז עֶר מְנַסֵּךְ זַיין הֵייס בְּלוּט וְכוּ', אוּן עֶר וֶוערְט מְזוּכָּךְ וְכוּ',

דֶערִיבֶּער מוּזְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר דֶעם וָואס שְׁפֶּעט פוּן דִיר אוּן פַארְשֶׁעמְט דִיךְ.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (גיטין לו:) הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִים שׁוֹמְעִין חֶרְפָּתָן וְאֵין מְשִׁיבִין עוֹשִׂין מֵאַהֲבָה וּשְׂמֵחִין בְּיִסּוּרִין עֲלֵיהֶן הַכָּתוּב אוֹמֵר (שופטים ה') "וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ"; וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס עֶר עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְט עֶר זַיין טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ אַז עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז עֶר וֵוייסְט דָאס דֶער וָואס הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אִיז אַ שְׁלִיחַ פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, כְּדֵי אִים צוּ רֵיינִיגְן פוּן זַיינֶע זִינְד, אִיבֶּערְדֶעם אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען אֵיינֶער שְׁפֶּעט פוּן דִיר, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָוארוּם דֶער נַאטוּר פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר מוּז עֶנְטְפֶערְן וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער וָואס טוּט מֶען נִישְׁט פַאר תְּשׁוּבָה? אִיבֶּערְדֶעם פָּאלְג מִיר, זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין קַיין וִויכּוּחִים מִיט דִי אַלֶע וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף דִיר וְכוּ'.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

## תרס

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מַטּוֹת מַסְעֵי כ"ז תַּמּוּז התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע

שְׁוועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף דֶעם עוֹלָם, אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז וויאַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') דָאס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת, דָאס מֵיינְט, אֵיין מָאל שַׁיינְט אִים דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן אֵיין מָאל וֶוערְט פוּן אִים פַארְלָאשְׁן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, אֵיין מָאל שְׁפִּירְט עֶר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְט לַייכְט אִים דֶער מֹחַ אוּן עֶר קֶען דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, אוּן אֵיין מָאל וֶוערְט פוּן אִים אַלֶעס פַארְלָאשְׁן אוּן עֶר שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף זַיין בָּקִי בְּרָצוֹא אוּן בָּקִי בְּשׁוּב, דָאס הֵייסְט מֶען מוּז הָאבְּן בְּקִיאוּת וויאַזוֹי צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בוֹקֶר" קוֹדֶם אִיז פִינְסְטֶער אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט לֶעבְטִיג, אוּן נָאכְדֶעם נָאכְאַמָאל וֶוערְט פִינְסְטֶער אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט לֶעבְטִיג, אוּן דָאס דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ אִין זִיךְ אַריינְלֵייגְן, אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁוועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אֵיינֶער לַיידְט פוּן ווַייבּ וְכוּ', אֵיינֶער לַיידְט פוּן קִינְדֶער, אוּן אֵיינֶער לַיידְט פוּן פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן אֵיינֶער לַיידְט פוּן אַלֶעם צוּזַאמֶען, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, ווֶען עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר קֶען דָאס בַּאווַייזְן וויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אַזֶעלְכֶע טִיפֶע לִימוּדִים, אוּן עֶר גֶעבְּט עֶס צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיף אַ פְּרָאסְטְן פָּשׁוּטְן לָשׁוֹן דָאס אַזֶעלְכֶע קְלֵיינֶע מְגוּשָׁמְ'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן ווִי מִיר זֶענֶען זָאלְן דָאס אוֹיכֶעט פַארְשְׁטֵיין, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן זֵייעֶר שְׁטַארְק, דָאס מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט צוּ אוּנְזֶערֶע לַייט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קע"ז) אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אַזַא רֶבִּי'ן; הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיטְן הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָאס אִיז אַ פְּגַם אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים.

דֶעם שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב, וֶוערְט גֶעבְרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים פַארְוָואס הֵייסְט דֶער חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב? נָאר כִּבְיָכוֹל מִיר אִידְן טְרֵייסְטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר טְרוֹיעֶרְט אוֹיף אוּנְז, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ג.) שָׁמַעְתִּי בַּת קוֹל שֶׁמְּנַהֶמֶת כְּיוֹנָה וְאוֹמֶרֶת אוֹי לַבָּנִים שֶׁבַּעֲוֹנוֹתֵיהֶם הֶחֱרַבְתִּי אֶת בֵּיתִי וְשָׂרַפְתִּי אֶת הֵיכָלִי וְהִגְלֵיתִים לְבֵין הָאוּמוֹת וְכוּ', מַה לּוֹ לָאָב שֶׁהֶגְלָה אֶת בָּנָיו וְאוֹי לָהֶם לַבָּנִים שֶׁגָּלוּ מֵעַל שׁוּלְחַן אֲבִיהֶם; מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גֵייט עֶר אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן עֶר אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אוּן לֶערְנְט מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא מֶדְרָשׁ וְכוּ', אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת

וָואס עֶר אִיז מְקַיֵּים יֶעדְן טָאג צִיצִית תְּפִילִין מְזוּזָה וְכוּ' וְכוּ', כַּבְיָכוֹל מִיט דֶעם טְרֵייסְט עֶר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט** בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן. מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶועסְטוּ גוֹרֵם זַיין אַ גְרוֹיסְן נַחַת רוּחַ פַּארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## תרסא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר דְבָרִים ב' מְנַחֵם אָב התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אַלֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת אוּן דַחֲקוּת, עֶנְגְשַׁאפְט אוּן צוּבְּרָאכְנְקֵייט וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט דַארְף עֶר טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, וָוארוּם עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "הָעִיקָר שֶׁקוֹּרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ" אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִויסְן דַארְף עֶר וִויסְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְט גֶעפִירְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, וָוארוּם חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ז') אֵין

אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְּמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ פַארְקְלֶעמְט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער'ל בַּיים טִיר אָדֶער בַּיי אַ טִישׁ וְכוּ' טְרַאכְט עֶר בַּיי זִיךְ, אוֹי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ גוֹלֶם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וְכוּ', עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַלֶעס בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיוּת כְּדֵי אִים מְעוֹרֵר צוּ זַיין אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן, עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** ווִיסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער אִיז נָאר דִיךְ צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין פֶעלְד וָואס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן דַיין שְׁטוּבּ, אוּן גֵיי שְׁפַּאצִירְן דָארְטְן, אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרַיינְד, אוּן דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס אוֹיס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ', בַּאהַאלְט גָארְנִישְׁט פוּן אִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) כָאטְשׁ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֵוייסְט אַלְסְדִינְג, אוּן פַארְוָואס דַארְף מֶען בֶּעטְן פוּן אִים? נָאר וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אִיז דוּרְךְ דִי תְּפִלָּה מַאכְט עֶר אַ כְּלִי כְּדֵי מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי שֶׁפַע, אוּן וָואס עֶר אִיז מֶער מִתְפַּלֵל, בּוֹיעֶט עֶר אוֹיף אַ גְרֶעסֶערְן אוּן שֶׁענֶערְן כְּלִי, אוּן דָאס אִיז דִי כַּוָּונָה פוּן פָּסוּק (דְּבָרִים א') "וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם" מֶען בַּאקוּמְט דִי בְּרָכָה וֶועלְדִיג דֶער דִיבּוּר בֶּעהְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֶעוואוּין זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז אַזַא מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ, צוּ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, וֶוער עֶס גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ אִיז זַיין לֶעבְּן בֶּאֱמֶת אַ חַיִים טוֹבִים, וָוארוּם אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אִיז נָאר וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט פַאר וֶועמֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין בִּיטֶער הַארְץ, עֶס דְרִיקְט אִים זַייעֶר שְׁטַארְק בַּיים הַארְץ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט צוּ וֶועמֶען דָאס אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן וְכוּ', אָבֶּער וֶוער ס'גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה וָואס הֵייסְט "הִתְבּוֹדְדוּת" רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דֶער לֶעבְּט אַ לֶעבְּטִיג זִיס לֶעבְּן, עֶר הָאט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַ צָרָה חָלִילָה וְחַס, אוּן אוֹיךְ מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט בַּיי אִים דִי אֱמוּנָה, אַז עֶר הֵייבְּט אָן אַיינְצוּזֶעהְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דִי וֶועלְט קֵיינֶער וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן, נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט בִּטָחוֹן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אִים נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס תְּפִלָּה אִיז, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים

וֶוערְט דֶעמָאלְט אַ רַעַשׁ אִין הִימְל, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְט צוּ זַיין גֶעבֶּעהְט, אוּן גֶעבְּט אִים זַיין גֶעבְּרוֹיךְ, וואויל אִיז דֶעם וָואס אִיז עוֹסֵק טָאג בַּיי טָאג רֶעדְן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט מִיט אִים אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב.

**שְׁטַארְק** זִיךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרסב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר דְּבָרִים ב' מְנַחֵם אָב התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**קוֹדֶם** מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס הֵייסְט דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) מַאי דִכְתִיב (תְּהִלִּים ס"ט) "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ הֲוָיָ"ה עֵת רָצוֹן" אֵימָתַי עֵת רָצוֹן בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין; ווִידֶערְאוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ו:) כָּל הָרָגִיל לָבוֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ אִיד קוּמְט יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, וָוארוּם אֵיינְמָאל אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט פְּרֶעגְט

שׁוֹין דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וואו אִיז עֶר? אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין דַאוֶוענֶען אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין הֶעכֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

**יֶעצְט** וֶועגְן זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פַאר מַעֲרִיב וֶוייסְן מִיר וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד:) חֲכָמִים עָשׂוּ סְיָיג לְדִבְרֵיהֶם כְּדֵי שֶׁלֹּא יְהֵא אָדָם בָּא מִן הַשָּׂדֶה בָּעֶרֶב וְאוֹמֵר אֵלֵךְ לְבֵיתִי וְאוֹכֵל קִימְעָא וְאֶשְׁתֶּה קִימְעָא וְאִישַׁן קִימְעָא וְאַחַר כַּךְ אֶקְרָא קְרִיאַת שְׁמַע וְאֶתְפַּלֵּל וְחוֹטַפְתּוֹ שֵׁינָה וְנִמְצָא יָשֵׁן כָּל הַלַּיְלָה, אֲבָל אָדָם בָּא מִן הַשָּׂדֶה בָּעֶרֶב נִכְנָס לְבֵית הַכְּנֶסֶת אִם רָגִיל לִקְרוֹת קוֹרֵא וְאִם רָגִיל לִשְׁנוֹת שׁוֹנֶה וְקוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע וּמִתְפַּלֵּל, וְאוֹכֵל פִּתּוֹ וּמְבָרֵךְ, וְכָל הָעוֹבֵר עַל דִּבְרֵי חֲכָמִים חַיָּיב מִיתָה, מַאי שְׁנָא בְּכָל דּוּכְתָּא דְּלָא קָתָנֵי חַיָּיב מִיתָה וּמַאי שְׁנָא הָכָא דְּקָתָנֵי חַיָּיב מִיתָה, אִיבָּעִית אֵימָא מִשּׁוּם דְּאִיכָּא אוֹנֶס שֵׁינָה וְאִיבָּעִית אֵימָא לְאַפּוּקֵי מִמַּאן דְּאָמַר תְּפִלַּת עַרְבִית רְשׁוּת קָא מַשְׁמַע לָן דְחוֹבָה; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם ווי הַארְבּ דִי חֲזַ"ל הָאבְּן דָאס גֶענוּמֶען, אִיבֶּערְדֶעם אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב לוֹיטְן שִׁיטָה פוּן רַבֵּינוּ תַּם אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֵיין שְׁלָאפְן קֶענְסְטוּ נָאךְ גְרִינְג אוֹיפְשְׁטֵיין וָותִיקִין, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט בַּאמוּטְשֶׁען דִי צַייט מִיט פִּיסְטֶע דְבָרִים בְּטֵלִים וְכוּ', מִיט דֶעם אָדֶער מִיט יֶענֶעם וְכוּ'.

**עֶם** הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ"ל דָאס אִין אוּמַאן אִין קְלוֹיז הָאט מֶען גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין דָארְטְן גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָּה

כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט אויסְרֶעדְן און גְלַייךְ גֵיין שְׁלָאפְן, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט אויפְשְׁטֵיין חֲצוֹת און אויךְ דַאוֶוענֶען וָותִיקִין.

דֶער עִיקָר אִיז דָאס לֵייגְן זִיךְ, אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ פְּרִי קֶען מֶען אויפְשְׁטֵיין פְּרִי.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס הֵייסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא רַשִׁ״י מִיט תוֹסְפוֹת, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "וָוֵי הָעַמוּדִים" אַ זוּהְן פוּן דֶעם שְׁלָ״ה הַקָדוֹשׁ, דָאס אַ אִיד דַארְף נֶעמֶען אויף זִיךְ אַ חוֹב לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אַ חוֹב צוּ לֵייגְן יֶעדְן טָאג תְּפִילִין.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זְוִועהִילֶ'עֶר זי״ע דָאס עֶר הָאט זִיךְ אויסְגֶעדְרִיקְט פַאר זַיין גַבַּאי'ן ר' אֵלִיָהוּ רָאטְה ז״ל אַז אַ אִיד לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא בַּאקוּמְט זַיין פָּנִים אַ צוּרָה פוּן אַ חַיָה, אָדֶער פוּן אַ בְּהֵמָה, און דֶערְוַוייל וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹי אוֹי עֶס אִיז אַ צוּרָה פוּן אַ חַיָה, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין זַיין גַבַּאי'ן אִין ווִירְקְלִיכְקֵייט זָאל עֶר שְׁפִּירְן אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג הָאט מֶען אַ פָּנִים פוּן אַ חַיָה אָדֶער אַ בְּהֵמָה.

אִיבֶּערְדֶעם קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דַיין זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט דָאס דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג מִיט אַפָּאר אִינְגֶעלַייט אַ בְּלַאט גְמָרָא אִין עֵירוּבִין, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ און דִיךְ שְׁטַארְקְן אַז דוּ

זָאלְסְט אָנְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ מַסֶכֶת עֵירוּבִין, נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין אִינְמִיטְן.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְּמָרָא כְּסִדְרָן דַיְיקָא, פוּן אָנְפַאנְג בְּרָכוֹת, בִּיז עֶר וֶועט דוּרְכְלֶערְנֶען גַאנְץ שַׁ״ס, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל עֶר לְכָל הַפָּחוֹת זָאגְן, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) לְעוֹלָם לִיגְרִים אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְמִשַׁכַּח וְאַף עַל גַּב דְלָא יָדַע מַאי קָאָמַר; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר ״רַחֲמֵי הָאָב״ (אוֹת לִימוּד) דָאס הַארְץ זָאגְט מִיר אַ עֵצָה דָאס וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ אַ גוּטְן פַארְשְׁטַאנְד אִין לֶערְנֶען, אָדֶער עֶר אִיז טָרוּד אִין פַּרְנָסָה אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, זָאל עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, פָּשׁוּט זָאגְן אַזוֹי ווִי עֶר זָאגְט זוֹהַר אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, וָוארוּם דֶער לָשׁוֹן אַלֵיין אִיז מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט אִים בְּלַייבְּן דִי תּוֹרָה אִין זַיין הַארְץ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ שִׁיסְטֶער וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, נָאר עֶר הָאט דוּרְכְגֶעזָאגְט יֶעדֶעס יָאר גַאנְץ שַׁ״ס פָּשׁוּט זָאגְן, אוּן דֶער פָּנִים הָאט אִים גֶעלָאכְטְן ווִי אַ פְלַאם פַייעֶר אַזוֹי ווִי דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

**זַיי** שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אוּן גֶעוואוּין זִיךְ צוּ אוֹיסְצוּרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תרסג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר שׁוֹפְטִים ב' אֱלוּל התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דִי וֶועלְט פִּירְט זִיךְ אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה בִּיז כ"א אִין חוֹדֶשׁ, פוּנֶדעסְטְוֶועגְן, אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרֵירָה, צוּם בַּיישְׁפִּיל אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זַאל וְכַדוֹמֶה, דֶעמָאלְט קֶען מֶען מַאכְן שְׁפֶּעטֶער אוֹיכֶעט חֲתוּנָה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד בִּינְדְט זִיךְ צוּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף עֶר וִויסְן אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ מַזָל'דִיגֶע טָאג, אוּן מֶען דַארְף זֶעהְן חֲתוּנָה צוּ הָאבְן וָואס פְּרִיעֶר, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְן וָואס פְּרִיעֶרְט, וְיָפֶה שָׁעָה אַחַת קוֹדֶם, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים הֲלָכָה א' אוֹת א') מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי הוּא פָּגוּם בִּבְרִית; וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז פָּגוּם בִּבְרִית; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן וָואסֶערֶע טָאג מֶען הָאט חֲתוּנָה, מֶען דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין אַ אָדָם הַשָּׁלֵם.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין כ"ט:) מִשְׁתַּבַּח לֵיהּ רַב חִסְדָּא לְרַב הוּנָא בִּדְרַב הַמְנוּנָא דְאָדָם גָּדוֹל הוּא, [רַב חִסְדָּא הָאט אוֹיסְגֶערוּהְמְט רַב הַמְנוּנָא דָאס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ] אָמַר לוֹ כְּשֶׁיָּבוֹא לְיָדְךָ הֲבִיאֵהוּ לְיָדִי [הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט וֶוען עֶר וֶועט קוּמֶען זָאלְסְטוּ אִים אַהֶער בְּרֶענְגְן צוּ מִיר]

כִּי אָתָא חַזְיֵיה דְּלָא פָּרִיס סוּדְרָא, [וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַלִּית] אָמַר לוֹ מַאי טַעֲמָא לָא פְּרִיסַת סוּדְרָא? [הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין טַלִּית?] אָמַר לוֹ דְּלָא נְסִיבְנָא [הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט וַוייל עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט] אֲהַדְרִינְהוּ לְאַפֵּיה מִינֵיה, [הָאט עֶר אוּיסְגֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים פוּן אִים] אָמַר לוֹ חָזֵי דְּלָא חָזֵית לְהוּ לְאַפֵּי עַד דְנְסִבַת, [הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, זָאלְסְט זֶעהְן זִיךְ נִישְׁט צוּ בַּאוַוייזְן צוּ מִיר בִּיז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה] רַב הוּנָא לְטַעֲמֵיה דְּאָמַר בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה כָּל יָמָיו בַּעֲבֵירָה, [רַב הוּנָא גֵייט לוֹיט זַיין טַעַם וָואס עֶר זָאגְט אַז וֶוען אֵיינֶער אִיז שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר אוּן הָאט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז עֶר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט אַ עֲבֵירָה] בַּעֲבֵירָה סַלְקָא דַעְתָּךְ [פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא, קֶען מֶען דֶען זָאגְן אַז עֶר טוּט אַגַאנְץ לֶעבְּן אַן עֲבֵירָה?] אֶלָּא אֵימָא כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה, [עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא, נָאר אַגַאנְץ לֶעבְּן אִיז עֶר מִיט הִרְהוּרִים פוּן עֲבֵירָה] אָמַר רָבָא וְכֵן תָּנָא דְּבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל עַד עֶשְׂרִים שָׁנָה יוֹשֵׁב הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וּמְצַפֶּה לְאָדָם מָתַי יִשָּׂא אִשָּׁה, כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ עֶשְׂרִים וְלֹא נָשָׂא אוֹמֵר תִּיפַּח עַצְמוֹתָיו; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם ווִי מֶען דַארְף זִיךְ יָאגְן אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס פְרִיעֶר, אוּן הַלְוַואי וָואלְט מֶען אַיינְגֶעפִירְט דָאס בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס פְּרִיעֶר, וָואלְט מֶען זֵיי גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען פוּן הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר דִי יוּגְנְט, בִּפְרַט אִין

הַיינְטיגְן דור, נָאר חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְגֶערְהֵייט, אֵיידֶער זֵיי עֶפֶּענֶען אויף די אויגְן. [פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף זֵיי צוּגְרֵייטְן צוּ די חֲתוּנָה, זֵיי זָאלְן זַיין בַּעֲלֵי אַחֲרָיוּת].

עַל כָּל פָּנִים וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה דַארְף מֶען ווִיסְן אִיז אַ מַזָל'דִיגֶע טָאג, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים לַייכְט יֶעדְן טָאג פוּן נַיי.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תרסד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר שׁוֹפְטִים ב' אֱלוּל התשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ה) דָאס די גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין, דֶעמָאלְטְס מִשְׁפָּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, ווִי די חֲזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט אויף אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט אִין די תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן. כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה, וּמִי

יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ, וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בַמַּיִם, וּמִי בָאֵשׁ, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בַחַיָּה, מִי בָרָעָב, וּמִי בַצָּמָא, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה, מִי בַחֲנִיקָה וּמִי בִסְקִילָה, מִי יָנוּחַ, וּמִי יָנוּעַ, מִי יִשָּׁקֵט, וּמִי יִטָּרֵף, מִי יִשָּׁלֵו, וּמִי יִתְיַסָּר, מִי יֵעָנִי, וּמִי יֵעָשֵׁר, מִי יִשָּׁפֵל, וּמִי יָרוּם; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תס"ו) ווִיפִיל צָרוֹת אוּן גְזֵירוֹת וָואס עֶס וֶוערְט נִגְזָר אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסֶער דִי אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, ווִי דֶער נוּסַח גֵייט, אַז דֶער חַזָּן זִינְגְט וּמִי וּמִי וּמִי וְכוּ', אָן וֶוערְטֶער, אוּן דָארְטְן אִיז מְרוּמָּז גֶעבֶּעטְ אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען פָארְן צוּם צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וּבִפְרַט פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים, אוּן מֶען זֶעט בִּמְצִיאוּת וֶוען סְ'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ גְזֵירָה וְכוּ', בִּפְרַט גְזֵירַת מָוֶת, לֹא עָלֵינוּ, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אַבִּי דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה וְכוּ', פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶר זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן? וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט

בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן ת"ג) מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער ווִי אַלְסְדִינְג, אוּן עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ וואוּנְדֶער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט נִזְהָר זַיין צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶּעלְן! ווַייל מַיין גַאנְצֶע עִנְיָן אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר. דֶערְפַאר פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט בַּאשְׁלָאסְן אַז דוּ וֶועסְט פָארְן הַיי יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דֶער צַדִיק אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן רַייסְט אַיין וֶועלְטְן פַאר כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר אִיז מְבַטֵל אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁוֶוערֶע דִינִים, אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּם צַדִיק אוּן בַּאווַייזְט זִיךְ צוּ אִים אוּן טוּט דָארְטְן תְּשׁוּבָה, אוּן גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן, אוּן זָאגְט "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַהֶער צוּ דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רַבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אָט בִּין אִיךְ דָא בַּיי אִים, אִיךְ הָאבּ צוּבְרָאכְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת אוּן צוּרִיקְהַאלְטוּנְגֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן אִיךְ בִּין דָא, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אוּן שְׁרַייבּ מִיר אָן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה אוּן נַחַת, אוּן בַּאהִיט זָאל אִיךְ וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן, וְכוּ', וְכוּ'".

**אַוַודַאי** און אַוַודַאי וֶועסְטוּ הָאבְּן מְנִיעוֹת אוֹיף צוּ פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו) דָאס וֶועלְדִיג דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי קְדוּשָׁה, פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן דֶעם, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט רְצוֹנוֹת און בֶּענְקֶענִישְׁן אוֹיסְצוּפִירְן דֶער דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה, און בִּפְרַט דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ צוּ קוּמֶען צוּ אִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אוֹיף דֶעם פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוֹיף דִי לֶענְג און דִי בְּרֵייט דָאס נִישְׁט צוּצוּלָאזְן פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

**אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרוֹיס פוּן גוּף וְכוּ', מֶען מַאכְט אִים אַ טַהֲרָה וְכוּ', און אַ לְוָיָה וְכוּ', און מֶען בַּאגְרָאבְּט אִים אִין דֶער עֶרְד וְכוּ', אַלֶע גֵייעֶן אַהֵיים און יֶעדֶער אֵיינֶער זָארְגְט זִיךְ זַיין זָארְג, דֶער נִפְטָר בְּלַייבְּט אַלֵיין און אִיז זֵייעֶר מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל דֶערְשְׁרָאקְן, וָואס טוּה אִיךְ יֶעצְט? וואוּ גֵיי אִיךְ יֶעצְט? און עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט שְׁוֶועבְּט אַרוּם זַיין נְשָׁמָה אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ, און עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, און דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע און בִּיטֶערְ'סְטֶע עוֹנֶשׁ פַאר דִי נְשָׁמָה, עֶר מֵיינְט דָאס עֶר לֶעבְּט נָאךְ, און עֶר הַאנְדְלְט און וַואנְדֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', און עֶר שְׁוֶועבְּט אַרוּם אָן קַיין שׁוּם תַּכְלִית, און עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אֵיינֶער און עֶר זָאגְט אִים דוּ וֵוייסְט אַז אִין אוּמַאן אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער

צַדִיק רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זי"ע וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס דָאס הֵייסְט "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" וֶועט עֶר אִים אַ טוֹבָה טוּהְן אוּן אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו אוּן פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ, וּבִפְרַט וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹי נִידְרִיג וְכוּ' אוּן פִיל מִיט זִינְד וְכוּ', אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיכֶעט פַארְרֶעכְטְן וְכוּ', פְּרֶעג אִיךְ דִיר אַזַא נְשָׁמָה וָואס עֶר שְׁוֶועבְּט אַרוּם אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ אִין עוֹלָם הַדִמְיוֹן אָן קַיין שׁוּם תַּכְלִית וֶועט עֶר הָאבְּן אַ הַוָוה אֲמִינָא צוּ צוּהֶערְן אֵיינֶער וָואס אִיז אִים מוֹנֵעַ פוּן צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן? עֶר וֶועט דָאךְ טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט כְּדֵי עֶר זָאל קוּמֶען צוּ זַיין תִּיקוּן, אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ אוּן קוּק אוֹיף וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר, נִישְׁט וָואס אִיז גוּט פַאר יֶענֶעם, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט אוּן דוּ זָאלְסְט פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְפּוֹעֵלְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים טוֹבוֹת, אוּן פַּרְנָסָה בְּנֵיקְל, אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תרסה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת לְסֵדֶר שׁוֹפְטִים ג' אֱלוּל התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל כְּלָלִיּוּת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב דִּי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, הֲוָיָ"ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד**

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּהְמְט אַ מִנְיָן פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט אִינְאֵיינֶעם אִין דִי שְׁטָאט נֶעמְרוֹב, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "אַייעֶר מִנְיָן אִיז בּוֹקֵעַ רְקִיעִים". עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט דָאס אוּנְזֶערֶע לַייט זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט בַּאֲרִיכוּת (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בֵּית הַכְּנֶסֶת הֲלָכָה ו') דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן דֶעם צַדִּיק אַז זֵיי דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם, אוּן זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְחַזֵּק מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ דָאס מֶען אִיז זִיךְ מִתְחַזֵּק אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, וָוארוּם אוֹיף דֶעם עוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, אוּן אַז מֶען קוּמְט אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְן נָאמֶען פוּן דֶעם צַדִּיק, וֶוערְט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע זַאכְן, עַיֵּין שָׁם.

**מֶען** דַארְף גוּט ווִיסְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל אַנְטְלוֹיפְן פוּן חוּמְרוֹת יְתֵירוֹת, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) דָאס מֶען זָאל אַנְטְלוֹיפְן פוּן נַארִישֶׁע

חָכְמוֹת, נָאר קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אוּן אִינְזִין הָאבְּן וָואס מֶען רֶעדְט, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּפִלָּה בְּכֹחַ, וָוארוּם מֶען דַארְף הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת מְקַשֵּׁר זַיין דֶעם מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, וָוארוּם עַל פִּי רוֹב דָאס מוֹיל זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם דַאוֶוענֶען אוּן דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה טְרַאכְט אַנְדֶערֶע זַאכְן, מֶען דַארְף צוּבִּינְדֶען דֶעם מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, אוּן אֵיינְמָאל אַז מֶען אִיז מְקַשֵּׁר דֶעם מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, דֶעמָאלְט קֶען מֶען דַאוֶוענֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין צוּ מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט אַ וָוארְט גוּט וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַלֶעם חוּמְרוֹת יְתֵירוֹת מִיט נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶועןֹ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רל"ה) אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט דָאס דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, נִישְׁט זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן דָאס עֶר הָאט נִישְׁט גוּט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט אַ וָוארְט וְכוּ', אָדֶער עֶר הָאט נִישְׁט גוּט גֶעדַאוֶוענְט וְכוּ', מֶען קוּמְט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ זָאל מֶען גְלַייךְ שְׁטֶעלְן זִיךְ דַאוֶוענֶען, נִישְׁט בַּאמוּטְשֶׁען דִי צַייט מִיט טְרִינְקֶען קַאוֶוע וְכוּ', אָדֶער מַאכְן הֲכָנוֹת וְכוּ', וָואס אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גְרוֹיסֶע דִמְיוֹנוֹת, אוּן עֶס טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ צוּ צוּם מֶענְטְשׁ אַ שִׁגָעוֹן אוּן עֶס פַּיינִיגְט אִים זֵייעֶר וְכוּ' וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְן אוּנְזֶערֶע לַייט וִויסְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן נַארִישֶׁע

פְּרוּמְקֵייטְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ד') אַז מֶען קֶען זַיין אַ פְרוּמֶער רָשָׁע, עַיֵּין שָׁם. ווִי צוּם בַּיישְׁפִּיל אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט דֶעם צְוֵוייטְן וְכוּ', זָאגְט אִים מוּסָר וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דֶער מֵצַח הַנָּחָשׁ וָואס ווִיל אַרָאפְּוַוארְפְן אַ צְוֵוייטְן וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר קוּמְט דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַארְף דַן זַיין דֶעם צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס אוֹיף יֶענֶעם גֵייט אִיבֶּער? אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַארְף הֶערְשְׁן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (זוֹהַר תְּרוּמָה קל"א:) וּמַאן דְּאִשְׁתָּעֵי בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא וַוי לֵיהּ דְּאַחְזֵי פְּרוּדָא, וַוי לֵיהּ דְּגָרַע מְהֵימְנוּתָא, וַוי לֵיהּ דְּלֵית לֵיהּ חוּלָקָא בֶּאֱלָהָא דְיִשְׂרָאֵל, דְּאַחְזֵי דְּלֵית לֵיהּ אֱלָהָא, וְלֹא אִשְׁתְּכַח תַּמָּן. וְאַנְהִיג קְלָנָא בְּתַקִּיפָא עִלָּאָה; [וֶוער עֶס רֶעדְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אָךְ אוּן וֵויי אִיז אִים, עֶר מַאכְט אַ פֵּירוּד וְכוּ', אָךְ אוּן וֵויי אִיז אִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ']. אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיז אַ מִשְׁכַּן הַשְּׁכִינָה, אוּן מֶען דַארְף דָארְטְן זַיין מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, אוּן כָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן "זְמַן תְּפִלָּה לְחוּד" אוּן "זְמַן לִימּוּד לְחוּד", וֶוען מֶען דַאוֶוענְט דַאוֶוענְט מֶען, אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט לֶערְנְט מֶען, נִישְׁט ווִי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ, אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען לֶערְנְט עֶר וְכוּ', אַ אִיד קוּמְט אַרַיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף זַיין פְּלַאץ, אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) כָּל הַקּוֹבֵעַ מָקוֹם לִתְפִלָּתוֹ אֱלֹהֵי אַבְרָהָם בְּעֶזְרוֹ וּכְשֶׁמֵּת אוֹמְרִים לוֹ אִי

עָנָיו אַי חָסִיד מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ; וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט אַ גְרוֹיס דֶּרֶךְ אֶרֶץ, אוּן טְשֶׁעפֶּעט קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן קְרִיטִיקִירְט קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן שְׁטֵייט אִין זַיין ווִינְקְל אוּן דַאוֶּועְנְט מִיט כַּוָּונָה, עֶר אִיז גוֹרֵם אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פַאְרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**עֶם** שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (נָשֹׂא קכ"ו) זַכָּאָה הַהוּא בַּר נַשׁ דְּאִשְׁתְּכַח מֵאִינוּן עַשְׂרָה קַדְמָאָה בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא [וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז פוּן דִי עֲשָׂרָה רִאשׁוֹנִים אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ] בְּגִין דִּבְהוּ אִשְׁתְּלִים מַה דְּאִשְׁתְּלִים [וָוארוּם דוּרְךְ אִים וֶוערְט פַארְעֶנְדִיגְט וָואס עֶס דַארְף פַארְעֶנְדִיגְט וֶוערְן] וְאִינוּן מִתְקַדְּשֵׁי בְּקַדְמֵיתָא בִּשְׁכִינְתָּא [אוּן דֶעי וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט דִי עֶרְשְׁטֶע מִיט דִי שְׁכִינָה] וְהָא אִתְּמַר [אוּן מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט] דְּהָא בָּעְיָא דְּיִשְׁתְּכָחוּ עַשְׂרָה בִּזְמְנָא חֲדָא בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא וְלֹא יֵיתוּ פִּסְקֵי פִּסְקֵי [אַז עֶס דַארְפְן זַיין אַ מִנְיָן צֶען מֶענְטְשְׁן צוּזַאמֶען, נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל קוּמֶען בַּאזוּנְדֶער]; וָוארוּם עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער יִחוּד אִין הִימְל וֶוען צֶען מֶענְטְשְׁן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אוֹיף אֵיין מָאל, אוּן מֶען פַארְשְׁפֶּעטִיגְט נִישְׁט דֶעם דַאוֶּועֶנען, אַז וואוּיל אִיז אַזַא מִנְיָן וָואס זֵיי הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען אוּן רֶעדְן נִישְׁט בַּיים דַאוֶּועֶנען, אוּן קוּמֶען צוּזַאמֶען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַ גְרוֹיסְן נַחַת רוּחַ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל עֶנְק אַלֶע הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רצ"ב) הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן

עַל אַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ; דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן לִיבְשַׁאפְט וָואס עֶס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט.

**אִיר זָאלְט אַלֶע הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת מִיט אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תרסו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ה' אֱלוּל ה'תשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**גֶעוֶועגְדְלִיךְ** טוּט מֶען אָן אַ אִינְגְל דָאס קַאפְּל וֶוען עֶר וֶוערְט אַלְט דְרֵיי יָאר, אוּן מֶען מַאכְט אִים דֶעמָאלְט פֵּיאוֹת, עֶס אִיז דָא וָואס זֶענֶען זִיךְ נוֹהֵג אָנְטוּהְן אַ אִינְגֶעלֶע אַ קַאפְּל נָאךְ פְרִיעֶר, ווארִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ב') צָרִיךְ לִשְׁמוֹר אֶת הַתִּינוֹק שֶׁלֹּא יֵלֵךְ בְּגִילוּי הָרֹאשׁ; אָבֶּער גֶעוֶועגְדְלִיךְ אַ קִינְד נֶעמְט דָאס אַרָאפּ פוּן קָאפּ.

**דֶעם** הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס מַאמֶע הַצַּדֶיקֶת מָרַת פֵייגָא עָלֶיו הַשָּׁלוֹם הָאט אִים אָנְגֶעטוּהְן אַ קַאפֶּעלֶע גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר גֶעבְּן נַחַת פוּן דֶעם קִינְד, אוּן עֶר זָאל אוֹיפְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תרסז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ה' אֱלוּל ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**הִתְבּוֹדְדוּת דַארְף זַיין אַרוֹיסְרֶערְן פוּן מוֹיל יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען בֶּעהְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז נִישְׁט בְּמַחֲשָׁבָה נָאר בְּדִיבּוּר.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) לִכְאוֹרָה וָואס דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֵוייסְט דָאךְ אַלְסְדִינְג? נָאר וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי תְּפִלָּה אַרוֹיס פוּן מוֹיל, וֶוערְט אַ כֵּלִי, אוּן מֶען קֶען מְקַבֵּל זַיין אַלְסְדִינְג, וָוארוּם דֶער דִיבּוּר דָאס אִיז דֶער כֵּלִי מְקַבֵּל זַיין דִי שֶׁפַע, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים א') "וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִבֶּר לָכֶם" דָאס הֵייסְט וֶועלְדִיג דֶער דִיבּוּר אַזוֹי קוּמְט דִי שֶׁפַע, וָוארוּם דֶער דִיבּוּר אִיז דִי כְּלִי הַשֶּׁפַע, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַרְבֶּה בְּדִיבּוּר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בּוֹיעֶט עֶר אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע כֵּלִי מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי שֶׁפַע, וָוארוּם דֶער דִיבּוּר דָאס אִיז דִי כְּלִי הַשֶּׁפַע.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תרסח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ה' אֱלוּל ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**וֶוען** מֶען אִיז מִתְפַּלֵל בַּיי אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק בֶּעהְט מֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּזְכוּת דֶעם צַדִּיק וָואס עֶר לִיגְט דָא, נִישְׁט מֶען רֶעדְט צוּם צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק סִימָן קע"ג) עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכַךְ; וָוארוּם דֶער זְכוּת פוּן צַדִּיק אִיז מֵגִין אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אִיבֶּערְדֶעם וֶוען מֶען בֶּעהְט, בֶּעהְט מֶען נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק וָואס אִיז דָא.

**עֶס** אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים אִין דֶעם צַדִּיק, דָאס זֵיי רֶעדְן בְּפֵירוּשׁ צוּם צַדִּיק, דֶער עִיקָר אִיז עֶס זָאל זַיין מִיט אַן אֱמֶת הָארְץ, אוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מְקַבֵּל דִי תְּפִילוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תרסט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ה' אֱלוּל ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דִי זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען צְוֵויי מָאל שַׁ"ס, אוּן מַסֶכֶת תַּעֲנִית הָאסְטוּ גֶעֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוּן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעֶנְדִיגְט פוּנְף אוּן זִיבֶּעצִיג מָאל, אַז ווָאוּיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן ווָאוּיל אִיז דִיר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וָוארוּם דֶער עִיקָר תַּכְלִית בְּזֶה הָעוֹלָם אִיז נָאר תּוֹרָה, אוּן ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז מַרְבֶּה בְּתוֹרָה, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד' הֲלָכָה ח') כֵּיוָן שֶׁקִבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלָה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט אַזוֹיפִיל הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת אוֹיבּ נֶעמְט עֶר זִיךְ אִין דִי הַאנְט אַרַיין אוּן לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, דֶערִיבֶּער פְרֶעג אִיךְ דִיר, אִיז דֶען נִישְׁט כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וָואס מִיט דֶעם וֶוערְט אִים פַארְגֶעבְּן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת?

**אַז** עֶס בְּלַייבְּט בְּרוֹיט וַוארְפְּט מֶען דָאס נִישְׁט אַוֶועק, וָוארוּם דָאס שַׁאדְט פַאר עֲנִיוּת, נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא

אַ פַּארֶעם, גֶעבְּט מֶען דָאס צוּ עֶסְן פַּאר דִי צִיגְן אָדֶער פַּאר דִי קִיעֶן, אַז נִישְׁט לֵייגְט מֶען דָאס אַוֶועק אִינְדְרוֹיסְן אַז דִי פֵייגְלֶעךְ זָאלְן דָאס עֶסְן, קַיין בְּרוֹיט טָאר מֶען נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן וָוארוּם סְ'שַׁאדְט פַּאר עֲנִיוּת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תרע

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ה' אֱלוּל ה'תשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ג') אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט הֶערְן קַיין נִיגוּנִים פוּן אַ מְנַגֵן רָשָׁע, לֵיידֶער אִיז הַיינְט דָא זִינְגֶערְס וָואס זֶעהֶען אוֹיס וִוי חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען קַלִּים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים וְכוּ' וְכוּ', גְרוֹיסֶע לֵצִים, מַאכְן לֵיצָנוּת, אוּן מַאכְן נָאךְ דִי גוֹיִם מִיט זֵייעֶר זִינְגֶען, אוּן וַוארְפְן זִיךְ דֶעם גוּף וִוי אַ שְׁלַאנְג וְכוּ', פוּן דִי זִינְגֶערְס דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וָוארוּם זֵייעֶרֶע נִיגוּנִים קִילְן אָפּ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

**לֵיידֶער** לֵיידֶער גֶעבְּט מֶען נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם, נָאר מֶען גֵייט צוּ קַאנְסֶערְטְן פוּן אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע חֲסִידִישֶׁע

אִינְגֶעלַייט און נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען נִכְשָׁל מִיט גְרָאבֶּע עֲווֹנוֹת, וָוארוּם דֶער נִיגוּן פוּן אַ מְנַגֵן רָשָׁע שַׁאדְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, און מֶען זֶעהְט בְּחוּשׁ דָאס דִי אַלֶע לֵיידִיג-גֵייעֶרְס, און קַלִּים וְרֵיקִים צִיעֶן זִיךְ צוּ אַזֶעלְכֶע בַּעֲלֵי מְנַגְּנִים, אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ', און זִיךְ אויסְגֶעגְלִיטְשְׁט וְכוּ', און פוּן זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וָוארוּם זֵייעֶרע נִיגוּנִים בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

מֶען דַארְף פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, און נִישְׁט זַיין קַיין אויבֶּער חָכָם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תרעא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ה' אֱלוּל ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ דַארְפְסְט זֶעהְן זַייעֶר חָשׁוּב הַאלְטְן דַיין וַוייבּ, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ וֶועט עֶטְץ זַיין עֲשִׁירִים, וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סט) אַז דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט מַאכְן שָׁלוֹם מִיט אִיר, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען טֵיילְן אַסַאךְ צְדָקָה.

מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אַ קַמְצָן אִין שְׁטוּבּ, נָאר מֶען דַארְף גֶעבְּן דָאס וַוייבּ וָואס זִי ווִיל, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס דַיין וַוייבּ וָואס זִי הִיט דִיךְ אָפּ פוּן עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶעהְן נִישְׁט זַיין קַיין קַמְצָן, ווִי ס'שְׁטֵייט אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (הַקְדָּמָה ב') קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ נָבָל שְׁמֵיהּ, דְּלַאו אִיהוּ נָדִיב וְלַאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דַאֲבָהָן דְּאִתְּמַר עֲלַיְהוּ (תְּהִלִּים מ"ז י') "נְדִיבֵי עַמִּים נֶאֱסָפוּ", דְּהָא קַמְצָן אִיהוּ עָנִי הַדַּעַת, בָּתַר דְּלָא עָבִיד טִיבוּ לְמָארֵי תוֹרָה לְמֶהֱוֵי מַחֲזִיק בִּידַיְיהוּ, [וֶוער ס'אִיז אַ קַמְצָן מִיט זַיין גֶעלְט וַוייזְט עֶר אַז זַיין נָאמֶען אִיז נָבָל, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט פוּן דִי קִינְדֶער פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען

נְדִיבִים, און וֶוער עֶס אִיז אַ קַמְצָן וַוייזְט עֶר פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל און בִּפְרַט וֶוען עֶר וִויל נִישְׁט טוּהְן גוּטְ'ס מִיט דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה און זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן] און אַוַודַאי און אַוַודַאי טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קַיין קַמְצָן אַקֶעגְן זַיין וַוייבּ, און בִּפְרַט אַז דִי גֶעלְט אִיז אִירֶע, וַוייל זִי אַרְבֶּעט.

**אוֹיבּ** דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דוּ וֶועסְט זַיין אַ וַותְּרָן און נִישְׁט קַיין קַמְצָן, וֶועסְטוּ הָאבְּן דֶעם אֱמֶתְ'ן שָׁלוֹם בַּיִת, און דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן גֵיין צוּ קַיין שׁוּם שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ'ס, וָוארוּם דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ', מִכָּל שֶׁכֵּן דִי וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּטֶע פַארֶערבֶּעס וְכוּ', פָּשׁוּטֶע לֵיידִיגְגֵייעֶרְ'ס וְכוּ', פָּשׁוּטֶע לֵצִים וְכוּ', זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ דָא מִיט נְפָשׁוֹת וְכוּ', זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט גֶעפִילְן פוּן טַאטֶע מַאמֶע פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, סְ'הָאט זֵיי אָפְּגֶעקָאסְט דִי עֶלְטֶערְן אַ וֶועלְט מִיט גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאחוֹבוֹתְ'ט כְּדֵי חֲתוּנָה מַאכְן דִי יוּנְג פָּארְפָאלְק, עֶס פַּאסִירְט אַז דִי פָּארְפָאלְק הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ אַ מִים-פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ וְכוּ', און עֶס אִיז נָארְמַאל, וָוארוּם זֵיי קוּמֶען פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעס פוּן גֶעלְט אָדֶער כָּבוֹד וְכוּ' וְכוּ', און פְּרָאבִּירְט צוּ מַאכְן בַּיי זֵיי שָׁלוֹם בַּיִת, און זֵיי אוֹיפְקְלֶערְן זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְוּסְט בִּיז יֶעצְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה, סְ'אִיז נִישְׁט קַיין בִּזָּיוֹן וְכוּ' וְכוּ', דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט

גֶעזָאגְט וַאֲנִי יָדַי מְלֻכְלָכוֹת בְּדָם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי לְטַהֵר אִשָּׁה לְבַעְלָהּ; דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אַזֶעלְכֶע פָּארְפָּאלְק'ן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי מִיט דִי הַאקְל'סְטֶע עִנְיָנִים וְכוּ', אַלֶעס כְּדֵי מְטַהֵר זַיין אִשָּׁה לְבַעְלָהּ כְּדֵי סְ'זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֵייט צוּ אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶעךְ'ס וְכוּ' וְכוּ', זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּטֶע לֵצִים, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, זֵיי זֶענֶען אִינְטֶערֶעסִירְט אַז דִי פָּארְפָּאלְק זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי וָואס מֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען פַּיינִיגְן דָאס פָּארְפָּאלְק, אוּן זֵיי גֶענִיסְן פוּן דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן דִי פָּארְפָּאלְק וְכוּ' וְכוּ', מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין בִּכְתָב, אָבֶער דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת וְכוּ' וְכוּ'.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר אִיז נִישְׁט קַיין קַמְצָן אוֹיף זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אִיר מְכַבֵּד צוּ זַיין, אוּן דֶערְנִידֶערְט אִיר נִישְׁט, וֶועט עֶר הָאבְּן דֶעם אֱמֶת'ן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶעךְ'ס וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער גוּט אִין דַיין הַארְץ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תרעב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ח' אֱלוּל ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מֶער פוּן אַלְסְדִינְג, בִּיז עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ו) אַז אֵיידֶער מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן דִי צַדִיקִים וָואס וֶועלְן זַיין אִין יֶענֶעם דוֹר מוּזְן אַסַאךְ שְׁרַייעֶן אוֹיף אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, בִּיז זֵיי וֶועלְן הֵייזֶערִיק וֶוערְן פוּן אַזוֹיפִיל שְׁרַייעֶן, דֶער נִסָיוֹן פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וֶועט זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס וֶועט זַיין פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס זֵיי וֶועלְן פַארְפִירְן דֶעם פָאלְק מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ' וְכוּ'.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אֱמוּנָה אִיז, אַזוֹי וַוייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אֱמוּנָה תְּפִלָּה אוּן נִסִים אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן; וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים

אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, אוּן עֶר וֶועט אַוַודַאי זֶעהְן אָפֶּענֶע נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט אִים טוּהְן.

וֶוענְן דֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר, וֶועסְטוּ זֶעהְן ס'וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תרעג

בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ח' אֱלוּל ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר דָאס דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ סַיי אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן סַיי אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אַז וואויל אִיז דִיר, וָוארוּם דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רָצוֹן מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מוֹחַ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא עב:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים יט) "יִרְאַת הֲוָיָ"ה טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד" אָמַר רַבִּי חֲנִינָא, זֶה הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה מַאי הִיא? נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה.

ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן דֶעם אֲרִיזַ"ל אַז דָאס הַארְגֶעט דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע זָאל זַיין רָגִיל צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוֹיךְ אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אָבֶּער אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאל מֶען לֶערְנֶען אַ הַאלְבְּן סֵדֶר וִוי ס'אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיף דִי חוֹדֶשׁ, אוּן דֶעם צְוֵוייטְן חוֹדֶשׁ זָאל מֶען לֶערְנֶען דִי אַנְדֶערֶע הֶעלְפְט סֵדֶר, אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען עֶנְדִיגְן יֶעדֶע צְוֵויי חֳדָשִׁים דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין וֶועגְן דֶעם.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָוארוּם אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּהְן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ,

אַזוי ווִי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ; אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און עֶר אִיז דָאס מְקַיֵים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תרעד

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא י' אֱלוּל ה'תשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ.

דוּ דַארְפְּסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אַזוי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ יֵאוּשׁ און אִין אַ דִיפְּרֶעשְׁן, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט אִין זִיךְ, וָוארוּם יֶעדֶע אִיד אִיז פִיל מִיט מִצְווֹת, אַזוי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִׁירִים ד') "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ" מַאי רַקָּתֵךְ, אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; דָאס הֵייסְט אַפִילוּ דֶער לֵיידִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר הָאט אִין זִיךְ קַיין שׁוּם מִצְווֹת נִישְׁט, אִיז עֶר פִיל מִיט מִצְווֹת אַזוי ווִי אַ מִילְגְרוֹים.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי מְקוּבָּלִים אַז אַ מִילְגְרוֹים הָאט אִין זִיךְ זֶעקְס הוּנְדֶערְט און דְרַייצְן קֶערְנְדְלֶעךְ, און דָאס

אִיז מְרַמֵז אַקֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן מִצְווֹת, דִי חֲזַ"ל זָאגְן "כָּל הַכּוֹפֵר בַּעֲבוֹדָה זָרָה כְּאִילוּ מוֹדֶה בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ" אוֹיבּ אֵיינֶער לֵייקֶענְט אִין עֲבוֹדָה זָרָה אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דָאס אִיז אַ דִמְיוֹן אוּן אַ שְׁטוּת אוּן אַ כְּפִירָה, אִיז אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט מְקַיֵים גְעוֶועץ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פ') דָאס אַפִילוּ דִי אַרְגְסְטֶע פוּן דִי אַרְגְסְטֶע רְשָׁעִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט מֶען גֶעזֶעהְן זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גְעוֶועץ עַל קִידוּשׁ הַשֵׁם, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁמַדְ'ן, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וַוייט עֶר הָאט אִין זִיךְ גָארְנִישְׁט, אָבֶּער בִּיז שְׁמַדְ'ן, דֶעמָאלְט וויל עֶר בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן זִיךְ נִישְׁט שְׁמַדְ'ן אוּן עֶר אִיז גֶרֵייט גֶעשָׁחְטְ'ן וֶוערְן פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר הָאט אִין זִיךְ נָאר אֵיין נְקוּדָה, עֶר וֶועט נִישְׁט בַּייטְן זַיין אֶמוּנָה פַאר קַיין שׁוּם אֱמוּנוֹת כּוֹזְבִיוֹת, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין אַלֵיין אַזוֹי ווִי עֶר הָאט מְקַיֵים גֶעוֶועץ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן אַז אַפִילוּ הָרֵיקָנִים שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְווֹת כְּרִמּוֹן, אוּן אַ רִימוֹן הָאט אִין זִיךְ זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן קֶערְנְדְלֶעךְ אַקֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן מִצְווֹת, דָאס הֵייסְט אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ גָארְנִישְׁט, אָבֶּער עֶר שְׁמַדְ'ט זִיךְ נִישְׁט, נָאר עֶר גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט מְקַיֵים גֶעוֶועץ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אִיבֶּערְדֶעם קֶען מֶען דָן זַיין לְכַף זְכוּת אַלֶע אִידְן.

דוּ דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט דֶעם
שְׁוֶוערְן זִינְד פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, וָואס דָאס אִיז
מְטַמְטֵם הַלֵּב, פַארְשְׁטָאפְּט דָאס הַארְץ, אוּן מְעַקֵּם אֶת
הַמֹּחַ פַארְקְרִימְט דֶעם מֹחַ, פִיל מִיט קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת
אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וֶועגְן דֶעם פַאלְסְטוּ
אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין
דִי הֶענְט אַרַיין, לָאז זִיךְ נִישְׁט אָפּ אֵיין רֶגַע, דֶער עִיקָר דוּ
זָאלְסְט נִישְׁט אַרוּמְגֵיין לֵיידִיג, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נ"ט) הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם, אַז אֵיינֶער גֵייט אַרוּם
פּוּסְט אוּן לֵיידִיג וֶוערְט עֶר מְשׁוּגָע פַאר לֵיידִיג-גֵיין, אִיבֶּערְדֶעם
זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט עֶפֶּעס צוּ
אַרְבֶּעטְן אוּן עֶפֶּעס צוּ לֶערְנֶען, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב') יָפֶה תַּלְמוּד תּוֹרָה עִם דֶּרֶךְ אֶרֶץ, שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת
עָוֹן; הָאט גֶעטַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זַ"ל
מְשַׁכַּחַת אִיז לָשׁוֹן שִׁכְחָה אַז אֵיינֶער אִיז פַארְנוּמֶען עֶר
אַרְבֶּעט אוּן עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוְוענְט, מַאכְט עֶס אִים פַארְגֶעסְן
פוּן זִינְד, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ זִינְדִיגְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶעהְן, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרוּם לֵיידִיג, דוּ
זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְן קַיין צַייט צוּ טְרַאכְטְן, אוּן
דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פַארְנוּמֶען, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל
עוֹלָמִים הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין וַויסְטְן צָרָה,
וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז דוּ בִּיסְט אִין אַ צָרָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) דָאס אַפִילוּ אַ רָשָׁע גָמוּר דַארְף זִיךְ דַן זַיין

לְכַּף זְכוּת און טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ עֶפֶּעס גוּטְס, ווי אִיז מֶעגְלִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז אַ אִיד זָאל נִישְׁט הָאבְּן אִין זִיךְ עֶפֶּעס אַ מִצְוָה וְכוּ', סוֹף כָּל סוֹף הִיטְסְטוּ דָאךְ שַׁבָּת, סוֹף כָּל סוֹף לֵייגְסְטוּ דָאךְ יֶעדְן טָאג תְּפִילִין, סוֹף כָּל סוֹף הָאסְטוּ צִיצִית, סוֹף כָּל סוֹף הָאסְטוּ אַ בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת וְכוּ' וְכוּ', און מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, און עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר פְּרָאסְט און פָּשׁוּט דִי זַאךְ, נָאר דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, און בִּפְרַט וֶוען דוּ וֶועסְט מְקַיֵים זַיין דִי מִצְווֹת מִיט שִׂמְחָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְקַייט אִיז אַ סִימָן דָאס הַארְץ אִיז אִים רֵיין פוּן פְּנִיּוֹת, און עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה.

שְׁטַארְק זִיךְ וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט אַלֶעס אִיבֶּערְקוּמֶען.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**
**און אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## תרעה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא י"א אֱלוּל ה'תשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וָואלְט דִיךְ גֶערָאטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת, וָוארוּם וֶוער עֶס אִיז פַארְמִישְׁט

אִין אַ מַחְלוֹקֶת שְׁנַיידְט נִישְׁט גוּט אָפּ וְכוּ׳, עֶס אִיז רַאטְזַאם אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת אַזוֹי וִוי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן פַייעֶר.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, דֶער רֶבִּי קֶען אַלֶעמֶען נֶעמֶען, אָבֶער נִישְׁט קַיין בַּעַל מַחְלוֹקֶת, אִיבֶּערְדֶעם פָאלְג מִיר אַנְטְלוֹיף פוּן מַחְלוֹקֶת וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**גֶעווֹאוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (כִּי תֵצֵא רע״ז) מָארֵי מִשְׁנָה דְאִינוּן מַלְאֲכֵי הַשָׁרֵת מַמָשׁ; אוֹיבּ אֵיינֶער לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, וֶוערְט עֶר צוּגֶעגְלִיכֶענְט אַזוֹי וִוי מַלְאֲכֵי הַשָׁרֵת וָואס בַּאדִינֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ זָאגְן זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ קִילְן נִישְׁט זִיךְ מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ה׳) דָאס אַלֶע מַחְלוֹקֶת נֶעמְט זִיךְ פוּן דִי בְּלוּט וָואס אִיז נִישְׁט מְזוּכָּךְ, אוּן מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד רֶעדְט אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן עֶר אִיז עוֹסֵק אִין אַסַאךְ לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וֶוערְט אִים דִי בְּלוּט מְזוּכָּךְ, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אַ כְּלִי מְקַבֵּל זַיין דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ מִישְׁן אוּן מַחְלוֹקֶת זָאלְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָואס מֶער אִיז בֶּעסֶער, אוֹיבֶעט זָאלְסְטוּ וויסְן מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווי פַּרְנָסָ"ה, אֵיינֶער וָואס עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶועט הָאבְּן אַסַאךְ פַּרְנָסָה, אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע צַייט וָואס אַ מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט אָן, בִּשְׁעַת עֶר קֶען לֶערְנֶען נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל, אוּן דוּ זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכֶע וָואךְ אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## תרעו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבֹא י"ב אֱלוּל ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוָוארְפְן, מֶען דַארְף הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בְּזֶה הָעוֹלָם מִיט סַבְלָנוּת גֶעדוּלְד, סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא מַתָּנָה פַארְן מֶענְטְשׁ ווי גֶעדוּלְד, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען הָאבְּן נָאר גֶעדוּלְד אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) דָאס גֶעדוּלְד סַבְלָנוּת אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד ווייסְט אַז אַלֶעס אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה, אוּן דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אֱמוּנָה, וַוייל צוּ אֱמוּנָה קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, אוּן צוּ תְּפִלָּה קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, וַוייל סְ'אִיז גֶעבִּינְדֶען אֵיינְס אִינֶעם אַנְדֶערְן, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעדוּלְד אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ שְׁטַארְקְט זִיךְ אִים דִי אֱמוּנָה, אוּן וֶוען עֶר הָאט שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ בֶּעסֶער, אוּן דֶער עִיקָר דֶערְהַאלְטְן זִיךְ אִיז נָאר דוּרְךְ סַבְלָנוּת, גֶעדוּלְד, אוּן וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ ווָאס עֶר קוֹיפְט זִיךְ אַיין דֶער טַייעֶרֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְטִיגְן טָאג אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## תרעז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבֹא י"ב אֱלוּל ה'תשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זַיין אַ זָרִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא מִדָּה טוֹבָה ווִי זְרִיזוּת וָואס דָאס

אִיז גֶעוָואנְדֶען אִין שִׂמְחָה, וֶוען אַ בָּחוּר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין צַייט צוּ זַיין פוֹיל, שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר פַּארְנוּמֶען, אוּן שְׁטֶענְדִיג מַאכְט עֶר זִיךְ פַּארְנוּמֶען, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס קוּמְט בְּדֶרֶךְ כְּלַל נָאר פוּן פוֹילְקֵייט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נ"ט:) הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם וְלִידֵי זִימָה; אֵיינֶער דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם לֵיידִיג פִּיסְט אוּן פַּאר וְכוּ' וְכוּ', דֶער וֶוערְט מְשׁוּגָע פַּאר לֵיידִיג-גֵיין, אוּן טוּט שְׁוֶוערֶע גְרָאבֶּע זִינְד רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

**אָבֶּער** וֶוען אֵיינֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ אוּן עֶר אִיז אַ זָרִיז, פְלִינְק אוּן גֶעשִׁיקְט, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ זִינְדִיגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קס"ט) דָאס וֶוען אֵיינֶער אִיז פְּרֵיילִיךְ הִיט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין אָפּ פוּן פְּגַם הַבְּרִית; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

**אִיךְ** וָואלְט דִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן, דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס זֵיי קֶענֶען דִיךְ אַרָאפְּשְׁלֶעפְּן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, דוּ מוּזְט נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶעדְן שׁוֹטֶה אוּן יֶעדְן טִיפֵּש וְכוּ' וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשָׁארְן דִי פֵּיאוֹת אוּן שְׁטִיצְט זִיךְ דֶעם בֶּערְדְל, בִּיז עֶר שֶׁערְט זִיךְ אָפּ אִינְגַאנְצְן דֶעם בָּארְד רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דָאס אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה, אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, מֶען הֵייבְּט אָן אִינְטֶער-צוּשְׁנַיידְן דִי פֵּיאוֹת אוּן דָאס בָּארְד בִּיז מֶען

הָאט אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם פֵּיאוֹת מִיט דִי בָּארְד, אוּן דָאס וַוייזְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ מוּפְקָר וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אַנְטְלוֹיף פוּן אַזֶעלְכֶע פַארְדָארְבֶּענֶע חֲבֵרִים.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְחַבֵּר זַיין נָאר מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## תרעה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבֹא י"ב אֱלוּל ה'תשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** וִויל דִיר זָייעֶר בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ וְכוּ', זָאלְסְטוּ טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אִיבֶּערְבֶּעטְן דַיין וַוייבּ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) דָאס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף בְּנֵי הַנְעוּרִים צוּבְּרֶעכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל זַיין מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ', אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ גֶטְ'ן וֶועסְטוּ נָאר אַרַיינְפַאלְן טִיפֶער אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ', דָאס אִיז דִי עֵצָה פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַז דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דַיין וַוייבּ וְכוּ', זִי אִיז גָארְנִישְׁט

שׁוּלְדִיג וְכוּ׳, דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג, דוּ בִּיסְט אַ כַּעַסְ׳ן, אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶע מֶענְטְשׁ, יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט דֶערֶערְווִירְט דִיר, אוּן דוּ לָאזְט אוֹיס דַיין כַּעַס אוּן דַיין רְצִיחָה אוֹיף דַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה וָואס שְׁנֶעלֶער אִיבֶּערְבֶּעטְן דַיין וַוייבּ, אוּן פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס, זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף אֵיין מִדָה, אוֹיסְרַייסְן פוּן דִיר דִי בִּיטֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדָה פוּן כַּעַס אוּן רְצִיחָה וְכוּ׳, וֶוען דוּ וֶוערְסְט אוֹיפְגֶערֶעגְט נִיצְסְטוּ מִיאוּסֶע רֵייד קְלָלוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם טוּה תְּשׁוּבָה, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַוַודַאי הֶעלְפְן, אוּן סְ׳וֶועט זַיין אַ אֶמֶתְ׳ע שָׁלוֹם בַּיִת.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ אֵשֶׁת חַיִל, זָאלְסְט אִיר זַייעֶר חָשׁוּב הַאלְטְן, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## תרעט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבֹא י״ב אֱלוּל ה׳תשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָרַב הֶחָסִיד הַמְפוֹאָר וְכוּ׳ ... שְׁלִיטָ״א

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן אֵייעֶר לַאנְגֶע בְּרִיוו וָואס אִיר שְׁרַייבְּט מִיט גְרוֹיס אֲרִיכוּת וְכוּ׳.

**אִיךְ** קֶען נִישְׁט יֶעצְט עֶנְטְפֶערְן אַזוֹי וִוי אִיר הָאט גֶעוָואלְט, אָבֶּער אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן בְּקִיצוּר. אוֹיבּ מֶען ווִיל רַאטֶעוֶוען דִי יוּגְנְט פוּן הַיינְטִיגְן דוֹר, אוּן בִּפְרַט יֶעצְט וָואס

אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַּאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, חֲתוּנָה מַאכְן וָואס יוּנְגֶער, וָוארוּם נָאר דָאס אִיז דִי עֵצָה אוּן דָאס אִיז דִי רְפוּאָה כְּדֵי רַאטֶעוֶוען דִי יוּגְנְט, מֶען דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן קִינְדֶער וָואס פְּרִיעֶרְט.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז מֶען דַארְף זֵיי קוֹדֶם לֶערְנֶען דִי הַקְדָמוֹת וָואס הֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְן, אוּן וָואס הֵייסְט אַחֲרָיוּת, נִישְׁט סְתָם נֶעמֶען חֲתוּנָה מַאכְן, אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין גְרוֹיס הַצְלָחָה. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶוען מֶען קֶען זִיךְ טְרֶעפְן וֶועל אִיךְ אַייךְ עֶס מַסְבִּיר זַיין מֶער בַּאֲרִיכוּת, וָוארוּם מֶען קֶען נִישְׁט בִּכְתָב דָאס מַסְבִּיר זַיין, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ אַייךְ טוּהְט וָואס אִיר קֶענְט מִיר זָאלְן זִיךְ צַאמְטְרֶעפְן, וֶועל אִיךְ אַייךְ מַסְבִּיר זַיין דָאס וִויכְטִיגְקַייט פוּן זִיךְ אַריינְלֵייגְן אִין טוּהְן שִׁידוּכִים מִיט דִי בָּחוּרִים מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, נָאר וֶועגְן דֶעם נְקוּדָה פַּאלְן זֵיי אַוֶועק.

**אִיךְ** ווייס נִישְׁט אוֹיב יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מַסְכִּים צוּ דֶעם, אָבֶּער וֶוער ס'טוּט מִיט דִי יוּגְנְט ווייסְט אַז דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל פוּן דִי אַלֶע פְּרָאבְלֶעמֶען.

**אַוַודַאי** דַארְף מֶען מִיט זֵיי לֶערְנֶען הֲלָכוֹת וִויאַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן יֶעדְן טָאג, אָבֶּער דֶער שְׁלִיסְל אִיז חֲתוּנָה מַאכְן וָואס פְּרִיעֶר.

**אִיךְ** הָאף אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב, וֶועלְן מִיר דָאס מַסְבִּיר זַיין מִיט מֶער בַּאֲרִיכוּת.

**אִיר זָאלְסְט הָאבְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## תרפ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא ט"ו אֱלוּל ה'תשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דָאס** גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן אִיז פַאר דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, וָוארוּם אַלֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאר דוּרְךְ אַ סֵפֶר וָואס הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אוּן דָאס הָאט זֵיי בַּאהָאפְטְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעטַייטְשְׁט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה' אוֹת ל"ו) דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קי"ט) "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת" וָואסֶערֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט אוֹיף שְׁטֶענְדִיג, אַז מֶען גֶעבְּט צוּ דְרִיקְן אוֹיף דִי סְפָרִים פוּן צַדִּיק הָאֱמֶת, וָואס דָאס בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג, מֶען זֶעהְט אַז מֶען גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ הַיינְט וְכוּ' מָארְגְן קוּמְט עֶר נָאכְאַמָאל, עֶר דַארְף עֶסְן וְכוּ', אוּן אַזוֹי יֶעדְן טָאג קוּמְט עֶר פוּן נַיי, עֶר דַארְף עֶסְן וְכוּ', אוּן נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אוֹיסְהַאלְטְן אַן אַנְדֶערְ'ן, עֶר קֶען קוֹים אוֹיסְהַאלְטְן זַיין מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער אוֹיב מֶען גֶעבְּן פַאר הַדְפָּסָה צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַ סֵפֶרְ'ל בְּלַייבְּט עֶטְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן עֶס גֵייט פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט בִּיז צוּם אַנְדֶערְ'ן, אוּן אַז מֶען גֶעבְּט נָאר צוּ דְרִיקְן אֵיין סֵפֶר אִיז דָאס אַ שְׁטֶענְדִיגֶע צְדָקָה, וָוארוּם אַ סֵפֶר

בְּלַייבְּט, און עֶס גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ טָאג אַיין טָאג אויס וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ ווילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ אֱמֶתְ'ע צְדָקָה, זַיי מְנַדֵּב פַארְן "קֶרֶן הַדְּפָסָה - הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" אַ פַּאלֶעט פַּאפִּיר, און מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מְזַכֶּה זַיין לְכָל הַפָּחוֹת אִיבֶּער טויזֶענְט מֶענְטְשְׁן מִיט סְפָרִים וָואס וֶועט זַיי מְחַזֵּק זַיין שְׁטַארְקְן און צוּרִיק בְּרֶענְגְן נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תרפא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא ט"ו אֱלוּל ה'תשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט זֶעהְן מַמְשִׁיךְ זַיין אִין דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ, צוּ זַיין אַ שַׁדְכָן, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן דֶעם ווִי מְשַׁדֵּךְ זַיין אַ בָּחוּר מִיט אַ מֵיידְל, דָאס אִיז אַ אֱמֶתְ'ע מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה ס"ח סִימָן ד') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"ח) "אֱלֹקִים מוֹשִׁיב יְחִידִים בַּיְתָה מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת" מַהוּ בַּכּוֹשָׁרוֹת, בְּכִי וְשִׁירוֹת, מַאן דְּבָעֵי אוֹמֵר שִׁירָה, וּמַאן דְּלָא בָּעֵי בָּכִי וְכוּ'; אֵיידֶער אַ בָּחוּר אָדֶער אַ מֵיידְל הָאבְּן חֲתוּנָה, זֶענֶען זֵיי אַזוֹי ווִי אִין אַ תְּפִיסָה וְכוּ', און ווִיפֶּער מֶען אִיז זֵיי

מְשַׁדֵךְ צוּזַאמֶען, נֶעמְט מֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר תְּפִיסָה, אוּן נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר אֵייגְן אוֹיסְוַואל, אַז זֵיי ווִילְן פְּרֵייעֶן זֵיי זִיךְ מִיטְן שִׁידוּךְ אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן, אָבֶּער אוֹיבּ זֵיי ווִילְן נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן ווייְנֶען זֵיי בֵּיידֶע ווֵיי ווֵיי ווִי הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט אַזוֹי אַרַיינְפַאלְן?

**אָבֶּער** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ט)

אַז דֶער צַדִיק אִיז דֶער שַׁדְכָן, עֶר אִיז מְשַׁדֵךְ נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל שְׁטֶענְדִיג, דָאס הֵייסְט אַפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט מוּז מֶען הָאבְּן דֶעם צַדִיק עֶר זָאל מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת, וָואס דָאס אִיז אוֹיכֶעט אַ עִנְיָן פוּן זִיווּגִים עֶר אִיז מְזַוֵּוג זִיווּגִים אוּן טוּט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה צוּ טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער ווֶעלְט מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אִין דֶער הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן מְשַׁדֵךְ זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְ'ן רָאפְּשִׁיצֶ'ער רָב זי"ע אַז שַׁדְכָנוּת גֶעלְט דָאס אִיז דִי כָּשֵׁר'סְטֶע גֶעלְט, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְשַׁדֵךְ זַיין שִׁידוּכִים.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיךְ גֶעבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין דֶעם, אוּן וָואס דוּ זָאלְסְט נָאר נִישְׁט טוּהְן זָאלְסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תרפב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא ט"ו אֱלוּל ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ זַייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד), אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז מְכַבֵּד זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן זַיין וַוייבּ. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "בַּאטְרַאכְט זִיךְ וִויפִיל צַעַר אוּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים לַיידְן דִי פְרוֹיעֶן: צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵּידָה, וְהַגִידוּל, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶס קוּמְט זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת הָאבְּן, אוּן זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען". אוּן וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן, בַּיי אוּנְז אִיז אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קוֹדֶשׁ קֳדָשִׁים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר הִיטְן אוּן מְקַיֵים זַיין דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט הַאלְטְן חָשׁוּב דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט אַרוּם טַעֲנֶה'ן. וָוארוּם וָואס וִויל זִי פוּן דִיר? זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער. אִיז וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער? בַּאטְרַאכְט זִיךְ, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער - לֵייג צוּ אַ הַאנְט אוּן הֶעלְף אִיר. אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (חוּלִין פד:), לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, שֶׁהֵן תְּלוּיִין בּוֹ וְהוּא תָּלוּי בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם.

עֶם וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "רַחֲמֵי הָאָב" (אות לימוד) דָאס הַארְץ זָאגְט מִיר אַ עֵצָה דָאס וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גוּטְן פַארְשְׁטַאנְד אִין לֶערְנֶען, אָדֶער עֶר אִיז טָרוּד אִין פַּרְנָסָה אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, זָאל עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, פָּשׁוּט זָאגְן אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט זוֹהַר אַפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, וָוארוּם דֶער לָשׁוֹן אַלֵיין אִיז מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אוֹיב עֶר וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט אִים בְּלַייבְּן דִי תּוֹרָה אִין זַיין הַארְץ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ שִׁיסְטֶער וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, נָאר עֶר הָאט דוּרְכְגֶעזָאגְט יֶעדֶעס יָאר גַאנְץ שַׁ"ס פָּשׁוּט זָאגְן, אוּן דֶער פָּנִים הָאט אִים גֶעלָאכְטְן וִוי אַ פְלַאם פַייעֶר אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תרפג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא ט"ו אֱלוּל ה'תשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאלְסְט וִויסְן אַז אַ אִידִישׁ פְרוֹי וָואס אִיז פַארְהֵייַראט אַז זִי גֵייט מִיטְן אֵייגֶענֶעם הָאר אִיז דָאס זֵייעֶר זֵייעֶר

הַאַרְבּ, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁעלְט דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר לָאזְט זַיין וַוייבּ גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ חוּמְרָא וְכוּ', אָדֶער אַ מִנְהָג וְכוּ', דָאס גַאנְץ אִידִישְׁקֵייט אִיז תָּלוּי אִין דֶעם, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבוֹת ע"ב.) וְאֵלּוּ יוֹצְאוֹת שֶׁלֹּא בִּכְתוּבָּה הָעוֹבֶרֶת עַל דַּת מֹשֶׁה וִיהוּדִית, וְאֵיזוֹהִי דַּת יְהוּדִית? יוֹצְאָה וְרֹאשָׁהּ פָּרוּעַ; דָאס הֵייסְט אַז אַ פְרוֹי גֵייט מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר קוּמְט אִיר אַ גֶט, אַזוֹי הַאַרְבּ אִיז דָאס.

זֶעה נָאר וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (נָשׂא קכ"ה:) תּוּנְבָא לֵיתֵי [אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען] עַל הַהוּא בַּר נַשׁ [אוֹיפְן מֶענְטְשׁ] דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ [וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ] דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָהּ דְּרֵישָׁהּ לְבַר [זָאל גֵיין אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר, אָדֶער מֶען זָאל אַרוֹיסְזֶעהְן דִי הָאר] וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָא [אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי צְנִיעוּת פוּן אַ פְרוֹי אִין שְׁטוּבּ] וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר [אוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי דֶעקְט אוֹיף אִירֶע הָאר] לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ [זִיךְ שֵׁיין מַאכְן מִיט דֶעם] גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא [אִיז גוֹרֵם אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּבּ] וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא [אוּן סְ'אִיז גוֹרֵם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין גֶעלוּנְגֶענֶע, אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט חָשׁוּב זַיין] וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא [אוּן עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן דִי חִצוֹנִים זָאלְן זַיין אִין דֶעם שְׁטוּבּ] מַאן גָּרִים דָא [אוּן וֶוער אִיז גוֹרֵם דִי אַלֶע צָרוֹת] הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחַזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר. [דִי הָאר פוּן אַ פְרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס] וּמַה בְּבֵיתָא הַאי [אוּן

דִי אַלֶע קְלָלוֹת רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר אִין שְׁטוּב] כָּל שֶׁכֵּן בְּשׁוּקָא [אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי וֶוען זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט אוֹיפְן גַאס מִיט דִי הָאר] וְכוּ'. לֵיידֶער הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אוּנְז נָאכְאַמָאל דִי קְלִיפָּה אַז הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי הָאר, אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וָואסֶערֶע צָרָה זֵיי בְּרֶענְגְן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיפְן גַאנְצְן הוֹיז-גֶעזוּנְט, אוֹיפְן מַאן, אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, דָאס בְּרֶענְגְט קְרִיגֶערַיי אִין שְׁטוּב, אוּן אָרֶעמְקֵייט, אוּן פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן רִימָאנוּב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אוֹיף אַ הָאר וְכוּ', אוּן עֶר הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף וֶוען מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אַפִילוּ אֵיין הָאר פוּן אַ פְרוֹי, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען פַארְלֶענְגֶערְט דִי גָלוּת, אוּן לֵיידֶער הָאט זִיךְ דָאס אַרַיינְגֶעכַאפְּט נָאכְאַמָאל צְווִישְׁן דִי הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אַז זֵיי לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי אֵייגֶענֶע הָאר, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער זִינְד.

**וֶוער** גֶעדֶענְקְט דֶען נִישְׁט דִי דְרָשׁוֹת בַּיי יֶעדְן כָּל נִדְרֵי נַאכְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט גֶעוֵויינְט אוּן פַארְפִירְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי בֵּיי-הָאר, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, ווייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, נִישְׁט ווִי מֶען מֵיינְט

אַז עֶס אִיז אַ פָּשׁוּטֶע חוּמְרָא, נָאר מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שֶׁעלְט אַ פְּרוּי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אִירֶע הָאר, אוּן אוֹיף דֶעם טָאר נִישְׁט דֶער מַאן אַיינְגֶעבְּן אוּן זַיין אַ וַותְּרָן, נָאר עֶר דַארְף זִיךְ עַקְשְׁנֶ'ען זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אוֹיפְפַאלֶענְדֶע קְלֵיידֶער.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּהְן אוֹיף דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם דַיין וַוייבּ ווִיל גֵיין אָפְּגֶעשָׁארְן ווִי אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער פִּירְט זִיךְ וְכוּ', נָאר דוּ מִיט דַיין פַארְקְרִימְטֶען קָאפּ פוּן דַיינֶע חֲטְאוֹת נְעוּרִים מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת פוּן דֶעם, מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן דָאס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ, אוּן שְׁפִּיל זִיךְ נִישְׁט מִיט פַייעֶר וְכוּ', וָוארוּם אַ קְלָלָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶע זַאךְ, אוּן מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אַיין וֶועגְן אַבִּיסְל נַארִישֶׁע חָכְמוֹת אוּן קַאלְטְקֵייט צוּ אִידִישְׁקֵייט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תרפד.

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא ט"ו אֱלוּל ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** מוּזְט זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה

לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט נִישְׁט קַיין עֵצָה מֶען זָאל זַיין פְרֵייליךְ, נָאר עֶר זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיי שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ, וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז פְרֵייליךְ, בַּאוַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט לִיבּ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר אִיז מְקַבֵּל אַלֶעס וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף אִים מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, אִיבֶּערְדֶעם זְעה צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אוּן לָאז זִיךְ בְּשׁוּם פָּנִים נִישְׁט אָפּ אַריינְצוּפַאלְן אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דוּ מוּזְט טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר זַיין פְרֵייליךְ, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ סִימָן וֶוען אַ אִיד אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק' ב') "עִבְדוּ אֶת הֲוָיָ"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְּבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָּאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט].

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תרפה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא ט"ז אֱלוּל ה'תשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**אִיךְ** הָאבּ אַסַאךְ אִיבֶּער גֶעטְרַאכְט אִיךְ זָאל דִיר יָא עֶנְטְפֶערְן אָדֶער נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וְכוּ', וַוייל פוּן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן דַיין טִיפְן וֵויטָאג וָואס דוּ הָאסְט וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אִיךְ וֶועל עֶפֶּעס שְׁרַייבְּן, כְּדֵי בַּארוּאִיגְן דַיין גֶעפִילְן.

**דָאס** עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְסְטוּ וִויסְן וֶוען אַ אִיד טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ טָאר עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, וָוארוּם וֶוען מֶען טוּט אַ מִצְוָה בְּלַייבְּט דָאס פַארְן מֶענְטְשׁ אֵייבִּיג, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג:) כָּל הָעוֹשֶׂה מִצְוָה אַחַת בָּעוֹלָם הַזֶּה מְקַדַּמְתּוֹ וְהוֹלֶכֶת לְפָנָיו לְעוֹלָם הַבָּא; אֵיין מִצְוָה וָואס אַ אִיד אִיז מְקַיֵים גֵייט פַאר אִים שְׁטֶענְדִיג, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען אַ אִיד טוּט אַסַאךְ מִצְוֹות וָואס דָאס הִיט אִים אָפּ וֵוייל עֶר לֶעבְּט, אוּן נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶס אַרוּם זַיין נְשָׁמָה, דוּ הָאסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן אַ יְשִׁיבָה אוּן דַיין כַּוָונָה אִיז גֶעוֶוען נָאר לְטוֹבָה, אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע צַייט דָאס הַאלְטְן וְכוּ', אוּן יֶעצְט בִּיסְטוּ זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט פוּן דִי גַאנְצֶע וִוירְטְשַׁאפְט וָואס עֶס פִירְט זִיךְ וְכוּ', נָאךְ מַיין דַעַת דַארְפְסְטוּ בַּיי זִיךְ אָפְּמַאכְן וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין נ"ז.) שִׁמְעוֹן הָעַמְסוֹנִי הָאט

גֶעזָאגְט "כְּשֵׁם שֶׁקִּבַּלְתִּי שָׂכָר עַל הַדְּרִישָׁה כַּךְ קִבַּלְתִּי עַל הַפְּרִישָׁה"; אַז מֶען זֶעהְט אַז מֶען פִּירְט זִיךְ נִישְׁט וִוי דוּ הָאסְט גֶעוָואלְט וְכוּ', גֵייט מֶען אַוֶועק אוּן גֶעֶנְדִיגְט.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ אִיז, וֶוען מֶען טוּט אַ מִצְוָה אָדֶער אַ דָבָר טוֹב אָדֶער אַ טוֹבָה פַאר יֶענֶעם דַארְף מֶען גְלַייךְ וִויסְן אַז מֶען טוּט דָאס כּוּלוֹ לְשֵׁם שָׁמַיִם שֶׁלֹּא עַל מְנַת לְקַבֵּל פְּרַס, אַדְרַבָּה מֶען דַארְף זַיין צוּגֶעגְרֵייט צוּ בַּאקוּמֶען צוּרִיק בִּיזְיוֹנוֹת בְּזִיוֹנוֹת וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין טוּהְן דִי מִצְוָה אָדֶער דִי גוּטֶע זַאךְ אוּן דִי טוֹבָה פַאר יֶענֶעם, אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען צוּרִיק שְׁטֵיינֶער וְכוּ' וְכוּ', וֶוער קֶען נָאךְ אַזוֹי זָאגְן דָאס וִוי אִיךְ, וָואס עֶס אִיז שׁוֹין נָאנְט צוּ פוּפְצִיג יָאר וָואס אִיךְ טוּה נָאר טוֹבוֹת פַאר יֶענֶעם אוּן הֶעלְף אִים אַרוֹיס מִיט אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחְנִיוּת, בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט אָן אַ אָפְּהַאלְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער סוֹף דְרֵייט עֶר זִיךְ אִיבֶּער אוּן וֶוערְט מִיר גָאר אַ שׂוֹנֵא אוּן רֶעדְט אוֹיף מִיר כָּל דָבָר אָסוּר, פַאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט, טָאמֶער מֵיינְסְטוּ ס'טוּט נִישְׁט וֵויי? אוֹי טוּט עֶס וֵויי, גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן וִוי קֶען אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַזַא רוֹצֵחַ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, אוּן אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן טִינוּף אוּן צוֹאָה אוּן פוּן אַלֶע גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ הָאסְט נָאר גֶעטוּהְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער סוֹף שֶׁעמְט עֶר זִיךְ נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף מִיר כָּל דָבָר אָסוּר, מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט אַז עֶר אִיז מִיר גֶעוָוארְן אַ שׂוֹנֵא אוּן עֶר וִויל נִישְׁט שְׁטֵיין אִין מַיין ד' אַמּוֹת וְכוּ' וְכוּ',

און דָאס אִיז נִישְׁט אֵיינֶער און נִישְׁט צֶען און נִישְׁט הוּנְדֶערְט וְכוּ', נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט שֵׂכֶל אַז אִיךְ טוּה דָאס נִישְׁט פַאר קַיין שׁוּם בַּאלוינוּנְג, אִיךְ טוּה דָאס נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן יֶענֶעם, און דָאס הֵייסְט אַ חֶסֶד שֶׁל אֱמֶת ווִי רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מ"ז כ"ט) "חֶסֶד וֶאֱמֶת" חֶסֶד שֶׁעוֹשִׂין עִם הַמֵתִים הוּא חֶסֶד שֶׁל אֱמֶת שֶׁאֵינוֹ מְצַפֶּה לְתַשְׁלוּם גְמוּל; און דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּהְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בְּמֶשֶׁךְ פוּן קָרוֹב צוּ פוּפְצִיג יָאר, פוּן שְׁנַת תשכ"ד בִּיז יֶעצְט וָואס מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין שְׁנַת תשע"ד, מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ ווִיאַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט שְׁרַייבְּן אַזוֹיפִיל סְפָרִים, בְּשַׁעַת אִיךְ בִּין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט טִרְדוֹת אַגַאנְצְן טָאג און רוֹב נַאכְט, ווִי עֶס קֶען עֵדוּת זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיר, וֶוען הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט צַייט צוּ דֶעם? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהַאט און אִיךְ הָאבּ טִרְדוֹת טָאג בַּיי טָאג און נַאכְט בַּיי נַאכְט? דֶער תֵּירוּץ אִיז דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת דַעַת סִימָן ל"ג) מִי שֶׁמְשַׁלְמִין לוֹ רָעָה תַּחַת טוֹבָה הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְרַחֵם עָלָיו וְנוֹתֵן לוֹ שֵׂכֶל גָדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא; דָאס הָאבּ אִיךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בְּרָכָה אִין דִי צַייט, און דָאס אִיז דִי מַתָּנָה וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר צוּרִיק בַּאצָאלְט.

**דֶער** דְרִיטֶער זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט אִין זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען, אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו) בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע חִסָרוֹן, אוֹי וֵויי אִיךְ

הַאלְט אִין אֵיין פַארְגֶעסְן, וָואס טוּה אִיךְ? אָבֶּער בַּיי מִיר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט אַז גְלַייךְ וִוי סְ'אִיז אַוֶועק הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַלֶעס פַארְגֶעסְן, וָוארוּם אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְן דָאס שְׁלֶעכְטְץ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן וְכוּ', וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין פָארְאוֹיס, עֶס וָואלְט אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעפַּיינִיגְט דֶער עָבַר וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בַּיי מִיר יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז אַדוּרְךְ אִיז שׁוֹין פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן בַּיי מִיר, אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְהֵייבְּן יֶעדֶע טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע פוּן נֵיי.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי טוּהט עֶס דִיר וֵויי וָואס מֶען הָאט דִיר גֶעטוּהְן עַוְולוֹת וְכוּ', אוּן מֶען הָאט פוּן דִיר שׁוֹין פַארְגֶעסְן וְכוּ', אָדֶער מֶען מַאכְט זִיךְ פַארְגֶעסְן וְכוּ', אָבֶּער וָואס הָאסְטוּ פוּן דֶעם זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן דָאס הַארְץ פוּן אַזַאךְ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶועןְ? אַזוֹי גֵייט דִי וֶועלְט, דֶער וָואס טוּט גוּטְס פַאר יֶענֶעם מוּז אַרַיינְכַאפְּן צוּרִיק שְׁלֶעכְטְץ וְכוּ', אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס עֶס לֵייגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְן שֵׂכֶל, נָאר עֶס אִיז אַ ווירְקְלִיכְקֵייט, נָאר מֶען דַארְף הָאבְּן כּוֹחוֹת הַנֶּפֶשׁ דָאס אוֹיסְצוּהַאלְטְן וְכוּ' וְכוּ'.

**זְוִיסְן** דַארְפְּסְטוּ וִויסְן דָאס דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה תּוֹרַת חַיִּים דִי חָכְמָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְן אוֹיס ב' בְּ'רֵאשִׁית, וָואס דָאס מֵיינְט פוּן אָנְפַאנְג, אוּן דֶער פָּשׁוּטֶער פְּשַׁט אִיז אַז מֶען מוּז יֶעדֶעס מָאל אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע

סֶדְרָה ווי רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים כו ט"ז) "הַיּוֹם הַזֶּה הֲוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ" בְּכָל יוֹם יִהְיוּ בְּעֵינֶיךָ חֲדָשִׁים כְּאִילוּ בּוֹ בְּיוֹם נִצְטַוֵּיתָ עֲלֵיהֶם; אוֹיבֶּעט זָאגְט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים כ"ז ט) "הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם" בְּכָל יוֹם יִהְיוּ בְּעֵינֶיךָ כְּאִילוּ הַיּוֹם בָּאתָ עִמּוֹ בִּבְרִית; דָאס הֵייסְט אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג ווִיסְן אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט אָן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין עָבַר, אוֹיף אַזַא אוֹיפְן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ זַיין מְקַיֵים זַיין דִי תּוֹרָה, דֶערְפַאר הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי תּוֹרָה מִיט אַ אוֹת ב' וָואס דָאס אִיז לָשׁוֹן בְּרָכָה, ווַייל אַ ב' אִיז פַארְמַאכְט פוּן אוֹיבְן אוּן פוּן אוּנְטְן אוּן פוּן צוּרִיק, עֶס אִיז נָאר אָפֶען פוּן פָארְאוֹיס, אוֹיבּ אַ אִיד ווִיל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, הָאבְּן אַ בְּרָכָה אַ גֶעבֶּענְטְשְׁט לֶעבְּן, טָאר עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיקְקוּקְן אוֹיף צוּרִיקְוֶועגְס וְכוּ', אוּן נִישְׁט חַקְרֶ'נֶען וָואס אִיז אוֹיבְן אוּן וָואס אִיז אוּנְטְן וְכוּ', אִיךְ ווֵייס גָארְנִישְׁט נָאר גֵיין פָארְאוֹיס, פוּן יֶעצְט אָן ווִיל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, פוּן יֶעצְט אָן ווִיל אִיךְ טוּהְן טוֹבוֹת פַאר אִידְן, דָאס גַאנְץ לֶעבְּן זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן נָאר פוּן יֶעצְט אָן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין עָבַר, דָאס אִיז ב' אַ בְּרָכָה פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פִירְט זִיךְ אַזוֹי.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְלֵייגְן אִין הַארְץ דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ נִישְׁט מִיט קַיין טִינְט נָאר מִיט בְּלוּט פוּן מַיין הַארְץ, וָוארוּם אִיךְ מַאךְ דָאס שׁוֹין מִיט נָאנְט צוּ פוּפְצִיג יָאר, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט גֵיין אַזוֹי פַארְבִּיטֶערְט, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי טוּט דָאס ווֵיי וְכוּ' וְכוּ', אוֹי ווִי סְ'טוּט ווֵיי וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אִיז

דָאס דֶער תַּכְלִית פוּן לֶעבְּן אַרוּמְגֵיין פַארְבִּיטֶערְט אוּן מִיט קַשְׁיוֹת וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"א) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ') "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָּהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה" דִי זִיבֶּעצִיג יָאר לוֹיפְן אַרִיבֶּער אַזוֹי וִוי אַ פֶערְטְל שָׁעָה, אוֹי קֶען אִיךְ דִיר מֵעִיד זַיין אַז עֶס אִיז אַ פֶערְטְל שָׁעָה, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דֶערְגְרֵייכְט מֶער וִוי דִי זִיבֶּעצִיג יָאר, אוּן עֶס אִיז דוּרְכְגֶעלָאפְן וִוי אַ פֶערְטְל שָׁעָה, וִוידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"ח) אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה קָאן עֶר אָן וֶוערִין גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא.

אִיבֶּערְדֶעם זַיי אַ חָכָם אוּן הֵייבּ אָן פוּן נֵיי, גֵיי דִיר אוֹיף דַיין וֶועג פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן זָאלְסְט זֶעהְן אַלֵיינְ'ס זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַן אַנְדֶערְן, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ וִוי דִי חֲזַ"ל פַארְצֵיילְן (תַּעֲנִית כב.), רֶבִּי בְּרוֹקָא חוֹזָאָה פְלֶעגְט זַיין אִין דִי מַארְק פוּן דִי שְׁטָאט לֶפֶּט, אוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אִיז מִיט אִים אַלִץ מִיטְגֶעגַאנְגֶען. אֵיינְמָאל פְרֶעגְט רֶבִּי בְּרוֹקָא פוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא: "אִיז דָא אִין דֶעם מַארְק אֵיינֶער וָואס הָאט עוֹלָם הַבָּא?" הָאט אִים אֵלִיָהוּ אָנְגֶעוִויזְן, אַז אָט גֵייעֶן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא. אִיז רֶבִּי בְּרוֹקָא גֶעלָאפְן צוּ זֵיי אוּן הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז אַייעֶר טוּן?", הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "מִיר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן פְרֵיילִיךְ טְרוֹיעֶרִיגֶע. וֶוען מִיר זֶעהְן אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע מֶענְטְשׁ מַאכְן מִיר אִים זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען מִיר זֶעהְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ מַאכְן מִיר שָׁלוֹם צְוִוישְׁן זֵיי".

(ווייל מַחְלוֹקֶת וָואס מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, נֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס דָאס קוּמְט פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. - וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען אוּן וָואלְט זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְגֶעקְרִיגְט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט).

**דֶערְפַאר** אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה אַלֵיין פְרֵיילִיךְ זַיין, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צְדָקָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קו) דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים מא), "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל", ווִאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גִיט אַרַיין שֵׂכֶל אִינֶעם אָרֶעמַאן, ווַייל פַארְוָואס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אָרֶעם? ווַייל עֶר הָאט קֵיין שֵׂכֶל נִישְׁט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מא) "אֵין עֲנִיּוּת אֶלָּא מִן הַדַעַת"; עֶר אִיז בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן מְיוּאָשׁ אִינְגַאנְצְן עֶר הָאט קֵיין שֵׂכֶל נִישְׁט, דֶערְפַאר אִיז עֶר דֶערְבִּיטֶערְט. דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז אִים אוֹיסְרֶעדְן, פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין. דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה פְרֵיילִיךְ מַאכְן יֶעדְן צוּבְּרָאכֶענֶעם אִיד, אוּן דֶער וָואס עֶר טוּט דָאס, הָאט אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

**אוֹיבּ** דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אַגַאנְצְן טָאג אוּן טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט זִיךְ דִיר דָאס הַארְץ עֶפֶענֶען, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס אַ אִיד דַארְף קוּמֶען,

זיך אויסרעדן דאס הארץ פארן בורא כל עולמים אזוי ווי מען רעד זיך אויס פאר אן אמת'ן גוטן פריינד, און אזוי ווי א קינד בעהט זיך אויס ביים טאטען, און דער הייליגער רבי האט אונז מגלה געווען (שיחות הר"ן סימן קנ"ד) אז דער עיקר וואס ער איז געקומען צו זיין גרויסע מדריגה איז נאר געווען ווייל ער האט זיך געפירט ווי א פראסטיק, דאס הייסט ער האט זיך געפירט בתמימות ופשיטות, גערעדט זייער אסאך צום בורא כל עולמים אויף אידיש, און געזאגט אסאך תהלים, און ער האט בפירוש געזאגט ווען איך זאל וויסן אין דער יוגנט צו וואס מען קען קומען דורך התבודדות דאס הייסט רעדן צום בורא כל עולמים אויף פראסט אידיש, וואס איך האב געטוהן א גאנץ יאר וואלט איך געטוהן אין איין טאג, און ער האט זייער געבענקט נאך די עבודה פון תמימות ופשיטות, אסאך צו רעדן צום בורא כל עולמים אויף אידיש, אזוי ווי א פראסטער פשוטער מענטש.

**מאך** זיך א שיעור אין חומש רש"י מיט'ן תרגום יעדן טאג חוק ולא יעבור, און לערנען א פרק אדער צוויי משניות כסדרן, און לערנען א דף גמרא יעדן טאג, זאלסט וויסן דאס איז עשירות און רייכטום פונעם מענטש.

**איך** האף אז דו וועסט זיך אריינלייגן אין הארץ די ווערטער, און דו וועסט איבערקוקן יעדן טאג דעם בריוו, וועט דיך גוט זיין אויף די וועלט און מכל שכן אויף יענער וועלט.

**זאלסט האבן א פריילעכן גליקליכן און א געבענטשטן יאר**

# תרפו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ י"ט אֱלוּל ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

**עֶס** אִיז אַ מִנְהָג בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן װֶוען אַ פְרוֹי גֵייט צוּם גֶעבוּרְט נֶעמְט זִי מִיט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ" אוּן מֶען לֵייגְט דָאס אוּנְטֶערְן קִישְׁן פַארְן גֶעבוּרְט, אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד.

**דֶער** גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי מְנַחֵם בְּרוֹדִי זַצַ"ל וָואס אִיז גֶעוֶוען קַאלוֹבֶ'ער רָב בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בְּאֵר מְנַחֵם" הָאט גֶעהַאט בִּירוּשָׁה דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ" וָואס הָאט בַּאלַאנְגְט צוּם דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן צַדִּיק רֶבִּי אַייזִיקְ'ל קַאלוֹבֶער זי"ע, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם פִיל מִיט הַגָהוֹת, אוּן װֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְקַשָׁה לֵילֵד הָאט עֶר גֶעבָּארְגְט דֶעם סֵפֶר אוּן מֶען הָאט עֶס גֶעלֵייגְט אוּנְטֶערְן קִישְׁן אוּן מֶען הָאט גֶעזֶעהְן וואוּנְדֶער זִי הָאט גְלַייךְ גֶעבוֹירְן וְכוּ'.

**עֶס** אִיז מְקוּבָּל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע דָאס אַ פְרוֹי וָואס עֶס שְׁוֶוענְגֶערְט זָאל זִיךְ וַואשְׁן צוּ מְלַוֶּה מַלְכָּה, וֶועט זִי הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד.

**בַּיי** אוּנְזֶערֶע לַייט פִירְט מֶען זִיךְ װֶוען דָאס פְרוֹי גֵייט הָאבְּן דָאס קִינְד לֶערְנְט מֶען דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

חֵלֶק ב׳ סִימָן ב׳, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְטְן פוּן הוֹלָדָה, אוּן מֶען זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי תְּפִלָּה אִין לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת, אוּן עֶטְלִיכֶע מָאל מִזְמוֹר ק׳ אִין תְּהִלִים "מִזְמוֹר לְתוֹדָה" אוּן מֶען זֶעהְט ווָאוּנְדֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלֵיין אַזוֹי גֶעפִּירְט בַּיי אַלֶע קִינְדֶער, אוּן פוּן זִינְט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה בִּיז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעֶנְדִיגְט מִיט דִי תְּפִלָּה אִיז שׁוֹין דִי דָאקְטֶער אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען ווָאוּנְטְשְׁן "מַזָל טוֹב".

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן עֶס זָאל אַלֶעס דוּרְכְגֵיין גְרִינְגֶערְהֵייט, אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר מְבַשֵּׂר זַיין גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן יָאר**

## תרפז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ י"ט אֱלוּל ה׳תשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**מִיר** הָאבְּן נִישְׁט קַיין מוּשָּׂג וָואס הֵייסְט אַ אֱמֶת׳ער צַדִיק וְכוּ׳, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קט"ז) דָאס פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען אַ צַדִיק בִּכְלַל נִישְׁט, עֶר זֶעהְט אוֹיס פּוּנְקְט ווִי אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, נָאר דֶער עִיקָר אִיז דָאס פְּנִימִיוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס דָאס וֵוייסְט

קֵיינֶער נִישְׁט, אַ אֱמֶת'ער צַדִּיק אִיז גְרֵייט יֶעדֶע מִינוּט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם.

**עֶם** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט דָאס אַמָאל הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעזַאמֶעלְט דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע נָאכְן זַיין הִסְתַּלְקוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן זַיינֶע מוֹפְתִים אוּן וואוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט וְכוּ', אוּן פְלוּצְלִינְג אִיז עֶר פַאר זֵיי נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט וָואס דַארְפְט עֶטְץ רֶעדְן פוּן דִי אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אוּן גֶעפוּעֶלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט? בֶּעסֶער זָאלְט עֶטְץ רֶעדְן פוּן מַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט וְכוּ' וְכוּ', אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן בַּארְג אוּן עֶר שְׁטֵייט אוֹיפְן שְׁפִּיץ בַּארְג אוּן שְׁרֵייט צוּ זֵיי אַרָאפּ, רֶעד פוּן מַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן ווִי עֶר קוֹילֶערְט זִיךְ אַרָאפּ פוּן שְׁפִּיץ בַּארְג בִּיז אַרָאפּ, אוּן עֶר וֶוערְט צוּשְׁנִיטְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ וְכוּ' אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אִינְזִין גֶעהַאט שְׁטֶענְדִיג, אוּמְקוּמֶען אוֹיף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם וְכוּ', זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וָואס הֵייסְט אַ צַדִּיק הָאֱמֶת וָואס עֶר אִיז גְרֵייט יֶעדֶעם מָאל זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ג) דָאס יֶעדֶער אִיד קֶען מִיט זַיין מַחֲשָׁבָה טְרַאכְטְן דָאס עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם, בִּיז עֶר וֶועט שְׁפִּירְן בֶּאֱמֶת דֶעם צַעַר פוּן מִיתָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס הָאט דֶער גְרוֹיסֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט

פַאר דִי תַּלְמִידִים (בְּרָכוֹת סא) ׳כָּל יָמַי הָיִיתִי מִצְטַעֵר עַל פָּסוּק זֶה מָתַי יָבוֹא לְיָדִי וַאֲקַיְמֶנּוּ׳ דָאס הֵייסְט בְּשַׁעַת קְרִיאַת שְׁמַע הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי עֲקִיבָא אִינְזִין גֶעהַאט דָאס עֶר אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דִי אַרְבַּע מִיתוֹת בֵּית דִין, אוּן עֶר הָאט בַּיי זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי מַחֲשָׁבָה בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעזָאגְט קְרִיאַת שְׁמַע, דָאס מַמָּשׁ מֶען אִיז אִים דַן מִיט דִי אַלֶע ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין, סְקִילָה שְׂרֵיפָה הֶרֶג אוּן חֶנֶק, אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי וִוי מֶען טוּט דָאס פַאר אִים וְכוּ׳, עַיֵין שָׁם. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַ צַדִיק אֱמֶת טוּט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן שְׁפִּירְט דֶעם טַעַם פוּן מִיתָה מַמָּשׁ.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוּן עֶר רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן, וָוארוּם מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וֶוער ס׳הַאלְט אִין דֶער מַדְרֵיגָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ב׳) וֶהֱוֵי זָהִיר בְּגַחַלְתָּן שֶׁלֹּא תִכָּוֶה; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן יָאר**

## תרפח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ״ד אֱלוּל ה׳תשע״ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בִּיטֶערְן בְּרִיוו, וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "הָעִיקָר שֶׁקּוֹרִין דֶערְהַאלְטִין זִיךְ" אַ אִיד דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, עֶר טָאר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ מוּז עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וויסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִּירְט דֶער וֶועלְט מִיט הַשְׁגָחָה פְּרָטִיּוּת, אִיבֶּערְדֶעם אַז סְ'גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער עֶפֶּעס אַ אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, סַיי אִין שְׁטוּבּ מִיט זַיין וַוייבּ, סַיי מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, סַיי אִינְדְרוֹיסְן מִיט מֶענְטְשְׁן, סַיי מִיט פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס בִּיטֶערְן הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס צוּבְּרָאכְן הַארְץ פַאר אִים, אוּן גִיסְן טְרֶערְן, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:) מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה וְכוּ' וְאַף עַל פִּי שֶׁשַּׁעֲרֵי תְּפִלָּה נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי דִּמְעָה לֹא נִנְעֲלוּ; תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף הוֹיעֶךְ הוֹיעֶךְ וְכוּ' וְכוּ', וָואס דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, כְּדֵי אוֹיפְצוּבְּרֶעכְן אַלֶע פַארְשְׁלָאסֶענֶע טוֹיעֶרְן פוּן דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים וְכוּ', וָואס מִיר וֵוייסְן נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס דָאס אִיז וְכוּ', דַארְף מֶען גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַ גֶעוֵויין עֶר זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי צָרוֹת אוּן פוּן דִי חוֹבוֹת, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין דֶערְלֶעבְן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט תְּפִלָּה מִיט טְרֶערְן, וָוארוּם דִי טְרֶערְן וַואשְׁן אָפּ דִי

אַלֶע מְחִיצוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע שְׁוֶועֶרֶע זִינְד וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט חָלִילָה וְחַס פַאַרְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט וָואלְקֶענֶעס מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס זֵיי פַּיינִיגְן אִים, אוּן זֵיי בְּרֶענְגְן אַרַיין אִין אִים אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן אַ עַצְבוּת, אַ בִּיטֶערְנִישׁ, אַ יִאוּשׁ, אַז עֶר זָאל מֵיינֶען אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט וְכוּ', אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן וְכוּ', אָבֶער וֶוען אַ אִיד גֵייט אִין אַ בַּאזוּנְדֶער פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאַרְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן, קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אַזַא תְּפִלָּה טוּהְט אוֹיף אִין דִי הִימְלֶען, עֶס וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ צַייט וָואס דוּ וֶועסְט חֲרָטָה הָאבְן פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מַרְבֶּה גֶעוֶוען אִין תְּפִלָּה, פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן מֶער אוּן מֶער, פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעגָאסְן טַייכְן טְרֶערְן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דָאךְ אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף מַיינֶע תְּפִילוֹת אוֹיף מַיינֶע טְרֶערְן, אָבֶער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, כַאפּ זִיךְ יֶעצְט דִי מִינוּט
אַוֶועק אִין אַ ווִינְקְל וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא,
אוּן דָארְטְן גִיס דִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען גֵיין דֶעם גַאנְץ לֶעבְן, אַ אִיד וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז קֵיינְמָאל

נִישְׁט אַלֵיין, וואו עֶר גֵייט הָאט עֶר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

**אִיךְ** ווייס און אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דַיין בִּיטֶער צַעַר וָואס דוּ לַיידְסְט אִין שְׁטוּב, וָואס דָאס אִיז דֶער גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן קֶען מֶען צִיעֶן אוֹיף זִיךְ דֶעם גַּן עֵדֶן וְכוּ', דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן רֶעדְט צוּ אִים אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס זַיין בִּיטֶער הַארְץ, וֶועט עֶר אַוַודַאי זֶעהְן אַ יְשׁוּעָה.

**נָאר** דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, נָאר זַיי זִיךְ מְחַזֵק, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ פוּן פָּשׁוּטֶע אֶמוּנָה אַז אַלֶעס וֶוער גֶעפִירְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז וואוּיל אִיז דֶער וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער אִין זַיין הַארְץ, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תרפט

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ד אֱלוּל ה'תשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַמְּלַמֵּד הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בַּיי** אוּנְז אִיז מֶען זִיךְ נוֹהֵג דָאס דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען חוּמָשׁ פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, הַתְחָלַת חוּמָשׁ הֵייבְּן אָן אַפָּאר

פְּסוּקִים, און נָאכְדֶעם די צְווייטֶע קְלַאס לֶערְנְט מֶען שׁוין מֶער חוּמָשׁ, און אַזוי די דְרִיטֶע קְלַאס, און אַזוי די פֶערְטֶע קְלַאס וְכוּ', מֶען לֶערְנְט נָאר פוּן די פַּרְשָׁה פוּן די וָואךְ, און דֶער עִיקָר דֶער מְלַמֵד דֶערְצֵיילְט דֶעם תַּמְצִית פוּן די וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה פַאר די קִינְדֶער, אַזוי ווייסְן די קִינְדֶערְלֶעךְ די פַּרְשָׁה פוּן דֶעם וָואךְ, און מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ בְּחִינָה פַארְהֶערְן זֵיי וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין די וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה.

**אָבֶער** מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט נוֹהֵג בַּיי אוּנְז צוּ לֶערְנֶען כְּסִדְרָן חוּמָשׁ פוּן אָנְפַאנְג בְּרֵאשִׁית בִּיז וְזֹאת הַבְּרָכָה, אַזוי וֶועלְן די קִינְדֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט וויסְן וָואס אִיז די וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, און מֶען דַארְף צוּגֶעוֵוינֶען די קִינְדֶער שׁוין אִין די יוּגְנְט זֵיי זָאלְן וויסְן וָואס אִיז די וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה.

**מֶען** דֶערְצֵיילְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן בֶּעלְזֶער רָב זי"ע דָאס עֶר אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אִין אַ דָארְף לֶעבְּן די שְׁטָאט סַאמְבֶּער אָפְּצוּרוּעֶן זִיךְ זוּמְמֶער, זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע דָארְפְ'ס מֶענְטְשְׁן זִיךְ מַזְכִּיר זַיין, עֶס אִיז שׁוין טִיף אִין זוּמְמֶער און עֶס אִיז קַאלְט און עֶס רֶעגְנְט, און זֵייעֶרֶע פֶעלְדֶער וֶוערְן קַאלְיֶע, הָאט זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זי"ע גֶעפְרֶעגְט וָואס לֶערְנֶען די קִינְדֶער? חוּמָשׁ די וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה? הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט נֵיין זֵיי לֶערְנֶען כְּסֵדֶר פוּן אָנְהֵייבּ בְּרֵאשִׁית וְכוּ', פְרֶעגְט עֶר זֵיי וואוּ הַאלְטְן זֵיי יֶעצְט? הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט פַּרְשַׁת נֹחַ. אָה הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב זי"ע, וָואס ווילְט עֶטְץ, אַז די קִינְדֶערְלֶעךְ לֶערְנֶען פוּן

מַבּוּל אַוַודַאי וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פוּן רֶעגְן, זָאלְן זֵיי לֶערְנֶען פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה וֶועט יֶעצְט זַיין זוּמְמֶער.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם ווִי צַדִיקִים הָאבְּן מַקְפִּיד גֶעוֶוען לֶערְנֶען דַוְוקָא חוּמָשׁ פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְעט פִירְן.

אַז וואוֹיל אִיז דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז זוֹכֶה מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אַזוֹי קֶען עֶר בִּיז פְרַייטָאג עֶנְדִיגְן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וָוארוּם אוֹיבּ מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ בִּיז עֶרֶב שַׁבָּת וֶועט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען צוּגֶעוואוֹינֶען אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה) מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּיבּוּר; פוּן זוּנְטָאג בִּיז פְרַייטָאג קֶען מֶען עֶנְדִיגְן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי תַּלְמִידִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תרצ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ד אֱלוּל ה'תשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם כְּדֵי דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה פוּן דִי וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, אוּן דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם אַפִילוּ דָאס זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה.

דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ פָאלְגְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע'ן, וָוארוּם מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי חָשׁוּבְסְטֶע מִצְווֹת.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיג גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תרצא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ כ"ד אֱלוּל ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נ"י

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, אֱמֶת עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי וָואס דַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ פּוּנְקְט יֶעצְט פַארְלֵייגְט אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פָארְן אוֹיף אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ', וֶוען אִין אַנְדֶערֶע חֲסִידוּתְ'ער פָארְט מֶען אַוֶועק אוֹיף גַאנְצֶע צְוֵויי וָואכְן פוּן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז נָאךְ יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אוּן בַּיי אוּנְז אִיז קוֹים אַ וָואךְ וְכוּ', זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל בַּיי קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁטָא אַזוֹיפִיל מְנִיעוֹת וִוי צוּ פָארְן אִין אוּמַאן וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיךְ, זֶעה צוּ טוּהְן וָואס דוּ וֶועסְט קֶענֶען וְכוּ', אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זֶעהְן אַז עֶס אִיז כֻּלּוֹ כָּל הַקִּיצִין זָאלְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קנ"א:) אָמְרָה תוֹרָה חַלֵּל עָלָיו שַׁבָּת אֶחָד כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמוֹר שַׁבָּתוֹת הַרְבֵּה; אַז מֶען גֶעבְּט נָאךְ אֵיין מָאל וְכוּ', וֶועט שׁוֹין אַ אַנְדֶערְס מָאל גֵיין גְרִינְגֶער. דֶער עִיקָר טָארְסְט נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ בְּגַדְלוּת הַמּוֹחִין, בִּפְרַט דוּ וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין אֵיין וָואךְ אַלֵיין אָפְּדְרִיקְן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט קוּנְטְרֵסִים וָואס דָאס וֶועט צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערְן אִין אוּמַאן, דַארְפְסְטוּ זִיךְ מִיט דֶעם זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט 'פוּן וֶועמֶען אִיךְ נֶעם, דֶעם גֶעבּ אִיךְ' אַוודַאי אוּן אַוודַאי וֶועסְטוּ בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַוח, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן צָרוֹת, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ט"ז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', אַז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת אִיז דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, חַתָ"ךְ, אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיט שִׂמְחָה וֶוערְט נִתְרַחֵב דֶער דַעַת, מִיט שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. אַוודַאי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען טוּן אַלֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ קוּמֶען צוּ שִׂמְחָה - וָואס שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א', ט"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת, נָאר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיג גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תרצב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' בֵּין כֶּסֶא לֶעָשׂוֹר ד' תִּשְׁרֵי ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**טָאהֶרְסְט** נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי דִיךְ דָאס דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָאָרְן דֶעם יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם

הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה נד.) אוֹנֶס רַחֲמָנָא פַּטְרֵיהּ; סוֹף כָּל סוֹף בִּיסְטוּ דָאךְ גֶעוֶוען אַ אוֹנֶס אוּן דַיין וַוייבּ וַוארְט בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת יֶעדֶע שָׁעָה, אִיבֶּערְדֶעם הָאסְטוּ גֶעמוּזְט בְּלַייבְּן, אָבֶּער זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ הָאסְט זִיךְ מְקַשֵּׁר גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן דֶעם פְּלַאץ וואוּ דוּ בִּיסְט.

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָארְטְן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּהְן דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סְ'אִיז גֶעקוּמֶען הֶעכֶער פוּן פוּפְצִיג טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן כֵּן יִרְבּוּ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין פְּלַאץ אִין דֶער וֶועלְט, אֵיין מְדִינָה פוּן דִי וֶועלְט, אֵיין שְׁטָאט פוּן דִי וֶועלְט, וָואס פוּן דָארְטְן אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען מֶענְטְשְׁן צוּם הֵיילִיגְן קִיבּוּץ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**דָאס** שִׂמְחָה וָואס דָארְטְן טוּט זִיךְ, דִי תְּפִילוֹת וָואס מֶען גִיסְט דָארְט אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס זֶעהְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, מַמָּשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִיז אַזוֹי וִוי אַ בִּינֶען שְׁטָאק, מֶען הַאלְט אִין אֵיין קוּמֶען אוּן גֵיין, אוּן גֵיין אוּן קוּמֶען, בְּמֶשֶׁךְ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אִיז דֶער פְּלַאץ בַּאלַאגֶערְט מִיט מֶענְטְשְׁן כֵּן יִרְבּוּ, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶערְצֵיילְט אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ וְכוּ', אוּן בֶּעהְט רַחֲמֵי שָׁמַיִם וְכוּ', אַזַא בִּילְד זֶעהְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**איבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין בַּיי דִיךְ גֶעפַאלְן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס אִיז נִישְׁט וַוייל דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעוָואלְט נָאר דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי מִיט דִי רְצוֹנוֹת אוּן דִי כִּיסוּפִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט אִיז עֶס חָשׁוּב אַזוֹי ווִי דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען דָארְטְן.

**יֶעצְט** הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶם יָאר, בֶּעהְט אִיךְ דִיךְ זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען כְּסִדְרָן מִשְׁנַיוֹת, אוּן זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, אוּן זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**קֵיינְמָאל** זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג, זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף שִׂמְחָה, נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי קִינְדֶער, הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ זֵיי, וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט עֶר גֶעדוּלְד אוּן עֶר קֶען אַלֶעס אִיבֶּערְקוּמֶען, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז טְרוֹיעֶרִיג חָלִילָה וְחַס אִיז דִי סִטְרָא אַחֲרָא שׂוֹרָה אִין אִים, אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ נֶערְוֶועזֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס גֵייט אִים אַלֶעס פַארְקֶערְט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַאכְן יֶעצְט אַ נַייעֶ הַתְחָלָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תרצג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ בֵּין כֶּסֶא לֶעָשׂוֹר ד׳ תִּשְׁרֵי ה׳תשע״ד

**שָׁלוֹם רַב ... תְּחִיֶה**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בִּיטֶערְן בְּרִיוו וְכוּ׳.

**אִיךְ** וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין אַזוֹי פַארְבִּיטֶערְט וְכוּ׳, וואוּ אִיז דֶען דַיין מַאן גֶעפָארְן? עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן קִיבּוּץ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל אַזוֹי לֵייגְן דֶעם דָגוּשׁ אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אוֹיסְפּוּעֶל׳ן אַ יְשׁוּעָה פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי וֶועלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין אַזַא שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי וְכוּ׳, אוּן יֶעדֶעס יָאר דֶערְגֵיין דַיין מַאן דִי יָארְן, אוּן אִים נִישְׁט לָאזְן פָארְן וְכוּ׳, אוּן אַז עֶר פָארְט שׁוֹין יָא וְכוּ׳, בְּלָאזְטוּ וְכוּ׳, אוּן דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז מִיט אִים וְכוּ׳, אוּן דוּ מִישְׁט אַריין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וְכוּ׳, אוּן עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיס מַחְלוֹקֶת וְכוּ׳, וֵוייסְטוּ דֶען נִישְׁט אַז דַיין מַאן אִיז אַ גוּטֶער מַאן? דַיין

מַאן הֶעלְפְט דָאךְ דִיר אַרוֹיס אַגַאנְץ יָאר וְכוּ', דַיין מַאן פְלָאגְט זִיךְ אוֹיף פַּרְנָסָה וְכוּ', אִיז וָואס אִיז אַז עֶר פָאַרְט אֵיינְמָאל אַ יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? עֶר פָּאַרְט אוֹיסְפּוּעֶלְ'ן פַּאר עֶנְק גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן גְרִינְג פַּרְנָסָה, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן נַחַת, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן וְכוּ', וֶועגְן דֶעם קוּמְט אִים קְלָלוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן? אַ אִיד טָאר נִישְׁט שֶׁעלְטְן, מִכָּל שֶׁכֵּן אַ וַוייבּ טָאר נִישְׁט שֶׁעלְטְן דֶעם מַאן. מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וָואס הָאט עֶר דֶען גֶעטוּהְן? עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיסְפּוּעֶלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן יֶעדֶעס יָאר הַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער פוּן נֵיי דוּ לוֹיפְסְט אַהֵיים צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דוּ מִישְׁט אַרַיין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, בְּשָׁעַת דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט אַז בַּאלְד וֶועט זַיין יוֹם הַכִּפּוּרִים, דֶעמָאלְט חַתְמֶ'ט מֶען וָואס מֶען הָאט גֶעמִשְׁפָּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ'.

לֵיידֶער הֶערְט מֶען אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שׁוֹין אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ווִי וַואגְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי צוּ רוֹדֶפְ'ן דַיין מַאן פַאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט? אִין אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער פָארְט מֶען אַוֶועק אוֹיף גַאנְצֶע צְוֵויי וָואכְן, אוּן דִי וַוייבֶּער רִידֶערְן נִישְׁט אַזוֹי וְכוּ', אִין אַנְדֶערֶע חַסִידוּתֶ'ער פָארְן דִי מֶענֶער אוֹיבֶּעט אַוֶועק, אוּן דִי וַוייבֶּער רִידֶערְן נִישְׁט אַזוֹי וְכוּ', נָאר אַז אֵיינֶער וִויל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן, דֶעמָאלְט אִיז הִימְל אוּן עֶרְד אוּן אוּמַאן וְכוּ'. וָואס גֵייט דָא פָאר? זֶעהְסְט נִישְׁט אַז

דִי קְלִיפּוֹת וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן פוּן דַיינֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד ווִיקֶעלֶען דִיךְ אַרוּם וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה דִיךְ שׁוֹין אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט דַיין מַאן, אוּן פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט שֶׁעלְטְן, אַ אִידִישׁ קִינְד טָאר נִישְׁט שֶׁעלְטְן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַ מַאן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל עֶנְק הֶעלְפְן עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ, אוּן פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ אוּן לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְן נָאר גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תרצד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ בֵּין כֶּסֶא לֶעָשׂוֹר ד׳ תִּשְׁרֵי ה׳תשע״ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** הֵייבְּט זִיךְ יֶעצְט אָן אַ נַייעַ יָאר, זַיי מְקַבֵּל אוֹיף דִיךְ דָאס בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט בַּאמוּטְשֶׁען דִי צַייט, נָאר גֵיין שְׁלָאפְן וָואס פְרִיעֶרְט, אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ פְרִי קֶען מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, אוּן וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אִיז דֶער מֹחַ אָפְּגֶערוּהְט, דֶעמָאלְט קֶען מֶען דַאוֶונֶען אָן מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, דֶעמָאלְט קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ לַאנְגֶען טָאג, ווִי אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי דַאוֶונֶען גָאר פְרִי מִכָּל שֶׁכֵּן וָתִיקִין,

זַיי זֶענֶען זוֹכֶה צוּ אֲרִיכוּת יָמִים, דָאס הֵייסְט אַז דִי טָאג אִיז בַּיי זַיי לַאנְג, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַז אֵיינֶער שְׁטֵייט אוֹיף עֶלְף צְוֶועלְף אַזֵייגֶער הָאט עֶר שׁוֹין אַ קוּרְצְן טָאג, בִּיז וָואס וֶוען אִיז שׁוֹין פַּארְנַאכְטְס, אוּן אַזוֹי גֵייט אִים אַוֶועק אֵיין טָאג נָאכְן אַנְדֶערְן אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן זִיךְ צוּ לֵייגְן פְּרִי, אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט בַּאמוּטְשֶׁען דִי צַייט בַּיינַאכְט, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ נָאר אוֹיף דִי נֶעכְט, אַרוּם-פִּיסְטֶעוֶוען מִיט גָארְנִישְׁט, מֶען זֶעהְט אַלֶע טוּמְאוֹת אִיז נָאר בַּיינַאכְט, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זַייעֶר מוֹרָא אַז אַ אִיד שְׁטֵייט אוֹיף פַּארְטָאגְס, מִיט דֶעם הַארְגֶעט עֶר אִים.

אִין בְּרֶסְלֶב'ר חֲסִידוּת אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת לֵייגְן זִיךְ פְּרִי, אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זִי"ע הָאט גֶעדַאוֶונְט שְׁטֶענְדִיג וָתִיקִין, עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶר וויל דַאוֶוענֶען אֵיידֶער דִי וֶועלְט וֶוערְט אָנְגֶעפִּילְט מִיט דִי קְלִיפּוֹת פוּן דִי דִיבּוּרִים פוּן דִי גוֹיִם וְכוּ', פַּארְטָאגְס אִיז דִי לוּפְט לוּיטֶער, אַלֶע עֲרֵלִים וְכוּ' פָּאפֶּען נָאךְ וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם לֵייג זִיךְ פְּרִי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי.

אוּנְזֶערֶע לַייט פְּלֶעגְן זָאגְן אַ סְגוּלָה אוֹיף אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי אִיז זִיךְ צוּ לֵייגְן פְּרִי, אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ פְּרִי קֶען מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי. אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ צְוֵויי דְרֵיי אַזֵייגֶער מִיט פִּיסְטֶע דְבָרִים בְּטֵלִים מִיט שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, אִיז אַוודַאי אוּן אַוַודַאי שְׁוֶוער נָאכְדֶעם אוֹיפְשְׁטֵיין וְכוּ', מֶען שְׁטֵייט אוֹיף עֶלְף צְוֶועלְף אַזֵייגֶער וְכוּ', אוּן מֶען אִיז עוֹבֵר זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זְמַן תְּפִלָּה וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם פָּאלְג מִיר אוּן גֶעוואוֹין

זִיךְ צוּ, זִיךְ צוּ לֵייגְן שְׁלָאפְן וָואס פְּרִיעֶר וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין וָואס פְּרִיעֶרְט, וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין אַן עֶרְלִיכְן אִיד.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תרצה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' בֵּין כֶּסֶא לְעָשׂוֹר ה' תִּשְׁרֵי ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְעֶנְטְפֶערְן פַארְוָואס דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַן אוֹנֶס אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה נד.) אוֹנֶס רַחֲמָנָא פַּטְרֵיהּ; אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, אוּן דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אַדְּרַבָּה דוּ דַארְפְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן דָאס דוּ הָאסְט גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת אוּן בֶּענְקֶענִישׁ אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן.

**וָוארוּם** עֶס אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָאס דֶער רָצוֹן דָאס וֶועלְן, דָאס בֶּענְקֶען, אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**הֵייבּ** אָן אִינְגַאנְצְן פוּן נַיי זִיךְ פִירְן אַנְדֶערְשׁ ווִי דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפִירְט בִּיז יֶעצְט, זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם

שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אוּן זָאלְסְט זֶעהְן זִיךְ צוּגֶעוואוּינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

**וֶוען** עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה קוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר אִים, אוּן בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט זִיךְ צוּגֶעוואוּינֶען זִיךְ אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אוּן מִיט דוּרְכְדֶעם וֶוערְט עֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט אוּן בַּאהָאפְטְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן דָאס סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ אַלֶעם עֶנְדִיגְן לְטוֹבָה.

**גֶעוואוּין** זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶפֶשׁ פוּן אַלֶעם שְׁמוּץ וָואס הָאט זִיךְ אִין אִים צוּגֶעקְלֶעבְּט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוֹיף דִי וֶועלְט.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט זֵיי זָאלְן זָאגְן

יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה), אוּן דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט דָאס וֶוער עֶס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת הַארְגֶעט עֶר דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין אִים, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אוּן זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְץ וָואס הָאט זִיךְ אִין דִיר צוּגֶעקְלֶעבְּט.

**דֶער** עִיקָר אִיז דוּ זָאלְסְט נָאר זַיין פְּרֵייליךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט פְּרֵייליךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:) אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; וֶועלְדִיג דִי שִׂמְחָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט, אַזוֹי אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ הַרְחָבַת הַדַּעַת, אַזוֹי אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער שְׁטוּבּ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

**מֶען** זֶעהְט אַ נֶערְוֶועזְ'ער מֶענְטְשׁ קוּמְט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין מא.) רַגְזָן לֹא עָלְתָה בְּיָדוֹ אֶלָּא רַגְזָנוּתָא; אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ פּוֹעֶל'ט גָארְנִישְׁט מִיט זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְטְ'קֵייט, עֶר וֶוערְט נָאר פָּשׁוּט קְרַאנְק, דִי נֶערְוְון זַיינֶע צוּגֵייעֶן פוּן רוֹב כַּעַס, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, זַיין גֶעלַאסְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן ווִי דֶער לֶעבְּן וֶועט דִיךְ גֵיין אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ.

**מֶען** הָאט גֶעזֶעהְן אַלֶע דוֹרוֹת בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, דִי אַלֶע וָואס זַיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים, און יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט הָאבְּן הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גָאר אַן אַנְדֶערֶע סָארְט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי פְרֵיילִיךְ, און רֶעד צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן רוּחָנִיּוּת אוֹיף דִי וֶועלְט.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיךְ גֶעבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, עֶס זָאל דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶעלְן דֶעם יָאר, און דוּ זָאלְסְט זֶעהְן מְקַיֵּים זַיין דָאס, וֶועסְטוּ זַיין אַ אֱמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תרצו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' בֵּין כֶּסֶא לֶעָשׂוֹר ה' תִּשְׁרֵי ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, און וֶוער נִישְׁט פַארְלָארְן פוּן קַיין שׁוּם אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ.

**דַארְפְסְט** וויסְן דָאס בָּזֶה הָעוֹלָם אִיז דָא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, און וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען בֵּיישְׁטֵיין דִי אַלֶע נִסְיוֹנוֹת און עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן

פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן מִיט דֶעם שַׁאצְט מֶען אַ מֶענְטְשׁ ווִי גְרוֹיס עֶר אִיז אוּן ווִי שְׁטַארְק עֶר אִיז, אוֹיבּ עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן.

**וֶועגְן** לֵייגְן תְּפִילִין דְרַבֵּינוּ תַּם, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז יֶעדֶער בַּר מִצְוָה אִינְגְל זָאל שׁוֹין בַּיי דִי בַּר מִצְוָה אָנְטוּהְן צְוַויי פָּאר תְּפִלִין, רַשִׁ"י אוּן רַבֵּינוּ תַּם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין הֲלָכָה ה' אוֹת כ"ט) אַז יֶעצְט בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא סוֹף דֶעם גָלוּת דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן גֵיין מִיט תְּפִילִין דְרַבֵּינוּ תַּם אַזוֹי ווִי אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן מַזְהִיר גֶעוֶוען, וָוארוּם דֶער אֱמֶתְ'ן אִיז דָא נָאךְ צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז מֶען דַארְף לֵייגְן תְּפִילִין דְרַבֵּינוּ תַּם גְלַייךְ בַּיי דִי בַּר מִצְוָה, אוּן אַזוֹי פִּירְט מֶען זִיךְ בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידִים, דָאס וֶוען דֶער אִינְגְל וֶוערְט בַּר מִצְוָה קוֹיפְט מֶען אִים שׁוֹין אוֹיכֶעט תְּפִילִין דְרַבֵּינוּ תַּם.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, נַחַת פוּן דַיין בַּר מִצְוָה אִינְגְל.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תרצז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' בֵּין כֶּסֶא לֶעָשׂוֹר ה' תִּשְׁרֵי ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהֶערְט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וֶועגְן דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט גֶעוֶועןְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ' וְכוּ'.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, יֶעצְט הָאט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעגֶעבְּן אַ קוּנְטְרֵס וָואס עֶס רֶעכְנְט אוֹיס דֶעם חֶשְׁבּוֹן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן מ"ג) אוֹיבּ סְ'קוּמְט צוּ אֵיין אִיד צוּם קִיבּוּץ אִיז עֶר גוֹרֵם צוּ בִּילְיֵ בִּילְיוֹנֶען צֵירוּפִים אָן אַ גוּזְמָא, נִישְׁט הוּנְדֶערְטֶער אוּן נִישְׁט טוֹיזֶענְטֶער אוּן נִישְׁט הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְטֶער אוּן נִישְׁט אַ מִילְיוֹן אוּן נִישְׁט אַ טְרִילְיוֹן, נָאר טְרִילְיֵ טְרִילְיוֹנֶען, אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס סְ'קוּמְט צוּ. מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז סְ'קוּמֶען צוּ אַזוֹיפִיל אִידְן צוּזַאמֶען וֶוערְט פוּן דֶעם מוֹרָא'דִיגֶע צֵירוּפִים, אוּן עֶס אִיז כְּדַאי אִיבֶּערְצוּקוּקְן דִי שִׂיחָה וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן יֶעדְן אִיד וָואס עֶר קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן'ס צִיּוּן, אוֹיפְן קִיבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וִויפִיל בָּתִּים וֶוערְט, מַמָּשׁ טְרִילְיֵ טְרִילְיוֹנֶען אָן קַיין גוּזְמָא.

**יֶעצְט** אִיז אַ וואוּנְדֶער פַּארְוָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נֶעמְט זִיךְ אוֹיף דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּם קִיבּוּץ? אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז אִיךְ בִּין דָאס דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער

וָואס דו בִּיסְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן און אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעשְׁוִויגְן, וִויפִיל בִּזְיוֹנוֹת אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן, און וִויפִיל צַעַר און עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁוִויגְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') דָאס דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק; אַז מֶען אִיז מְבַזֶה דַארְף מֶען אָפְּשְׁוַוייגְן, וּבִפְרַט אַז דֶער בִּזָיוֹן אִיז פוּן דֶער וַוייבּ דַארְף מֶען אַוַודַאי און אַוַודַאי אָפְּשְׁוַוייגְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיךְ דו זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, ס'וֶועט אַלְס אִיבֶּערְגֵיין וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא אַז גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט יוֹם הַקָּדוֹשׁ, וָוארוּם דֶעמָאלְט בֶּעהְטְ'ן זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אִיבֶּער אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֶעהְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, און נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן.

**און** דָאס וָואס דַיין וַוייבּ וִויל אַז דו זָאלְסְט גֵייט מִיט אִיר צוּ עֶפֶּעס אַ פַארְמִיטְלֶער וְכוּ', אִיךְ הַאלְט גֵיי, וָואס הָאסְטוּ צוּלֵייגְן, חַתְמְ'נֶען זָאלְסְטוּ נִישְׁט חַתְמֶ'נֶען גָארְנִישְׁט, נָאר זָאלְסְט יֶענֶעם זָאגְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הָאבּ אִיךְ דָא גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ בִּין אַ גוּטֶער מַאן, אִיךְ גֶעבּ אִיר פַּרְנָסָה, אִיךְ פְּלָאג זִיךְ אַגַאנְץ יָאר און אִיךְ פַארְמַייד נִישְׁט פוּן אִיר גָארְנִישְׁט, נָאר אֵיינְמָאל אַ יָאר פָאר אִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אִיז הִימְל און עֶרְד און רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ', וָואס אִיז דָאס? וָואס אִיז מַיין פַארְבְּרֶעכְן, וָואס הָאבּ אִיךְ דֶען דָא

גֶעטוּהְן. אִיךְ הַאלְט אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי רֶעדְן, וֶועט אַלֶעס נִמְתָּק וֶוערְן, ווי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ט׳ י״ז) ״דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים״, דוּ זָאלְסְט נָאר זָאגְן דַיינְס, דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט גֶעטוּהְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן ס׳וֶועט אַלֶעס נִמְתָּק וֶוערְן.

דֶער עִיקָר אִיז דֶערְהַאלְט זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק, וָוארוּם דוּ הָאסְט אַ מוֹרָא׳דִיגְן זְכוּת דוּ הָאסְט אָפְּגֶעדְרִיקְט אַפָּאר מָאל הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אוּן עֶס וֶוערְט צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן וויפִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה בְּרֶענְגְסְטוּ אַרַיין בַּיי אִידְן וְכוּ׳, וויפִיל גֶעדַאנְקֶען פוּן אֱמוּנָה בְּרֶענְגְסְטוּ אַרַיין בַּיי אִידְן, אִיז אַ וואוּנְדֶער אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וֶועט דִיךְ אָפְּלָאזְן? אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זַייעֶר אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מַמְתִּיק זַיין פוּן דִיר אַלֶע דִינִים. אוּן מֶען זָאל הֶערְן נָאר גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת בַּיי דִיר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תרצח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב׳ בֵּין כֶּסֶא לֶעָשׂוֹר ה׳ תִּשְׁרֵי ה׳תשע״ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס ס׳גֵייט אוֹיף דִיר יֶעצְט דוּרְךְ וַוייל דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

**אִיךְ** מוז דיר זָאגְן דָאס זֵייעֶר אַסאַךְ אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן דָאס יֶעצְט דוּרְךְ, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְהַאלְטְן.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דִי וַוייבֶּער זֶענֶען אַזֶעלְכֶע מִתְנַגְדִים אוּן זֵיי פַארְמַיידְן זֵייעֶר מֶענֶער צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ צַדִיק אִין דֶער וֶועלְט וָואס זָאל אַזוֹי בֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'גְלֵייבְּט אִין אִים זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה פּוֹעֶל'ט עֶר פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַלְדוֹס גוּטְס, בְּנֵי חַיֵי וּמְזוֹנֵי רְוִיחָא, פַּרְנָסָה בְּנֵיכַל, גֶעזוּנְט, וְכוּ', וְכוּ', מֶען הֶערְט אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן, טְרַאגִישֶׁע גֶעשֶׁעהְנִישְׁן וָואס עֶס פַּאסִירְט אוֹיף דֶער וֶועלְט וְכוּ' וְכוּ', עֶקְסִידֶענְטְס, יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְכַאפְּט מִיט מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים וְכוּ' וְכוּ', מֶען זָאל נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן דָא פָארְט מֶען צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אַ טוֹבָה טוּהְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, וָואלְט דִי אַלֶע וַוייבֶּער גֶעדַארְפְט טְרַייבְּן מִיט אַ שְׁטֶעקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער וְכוּ', נִישְׁט זַיין קַיין אָפְּהַאלְט וְכוּ'.

**בִּפְרַט** דִי פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי מַאכְן סְקַאנְדַאלְן אוּן שֶׁעלְטְן אוּן זִידְלֶען דִי מֶענֶער פַאר דֶעם וָואס זֵיי פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (אִין מִדְרָשׁ חוּפַּת אֵלִיָהוּ שַׁעַר הָעֲשָׂרָה) **אוֹיפְן פָּסוּק** "הַרְחֵק מֵעָלֶיהָ דַרְכֶּךָ" (מִשְׁלֵי ה') עֲשָׂרָה דְבָרִים קָשִׁים

נִבְרְאוּ בָּעוֹלָם, אִשָּׁה רָעָה קָשֶׁה מִכּוּלָן, נִמְשְׁלָה כְּנָחָשׁ וְכוּ', קָשֶׁה אִשָּׁה רָעָה מִמַּלְאַךְ הַמָּוֶת וְכוּ', עֶר רֶעכְנְט אוֹיס דָארְטְן גָאר שַׁארְפֶע זַאכְן אוֹיף אַ פְרוֹי וָואס רוֹדֶפְט דֶער מַאן וֶועגְן אִידִישְׁקֵייט וְכוּ'.

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דַיין וַוייבּ וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן, אוּן וֶועט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דִיר, אוּן סְ'וֶועט אַלֶעס זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן לְטוֹבָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִיק וָואס דָאס וַוייבּ הָאט אִים שְׁטֶענְדִיג גֶערוֹדֶפְט, אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ פַאר אִים, אוּן וָואס מֶער עֶר הָאט גֶעלִיטְן אִיז עֶר מֶער אַנְטְלָאפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, [אוּן וַוייזְן וַוייזְט אוֹיס אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אִים אַלֵיין, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיים אָנְפַאנְג הִתְקַרְבוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צָרוֹת צְרוּרוֹת, מַמָּשׁ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין מְנוּחָה הָאבְּן אַ מִינוּט, אוּן דֶער סוֹף הָאט זִי מִיט אִים מַשְׁלִים גֶעוֶוען, אָבֶּער בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי בִּיטֶער, אַז זִי הָאט זִיךְ נָאר גֶעוָואלְט גֶטְ'ן, אוּן זַיין שְׁוֶוער וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט טָאכְטֶערְ'שֶׁע לֶערְנְט עֶר כָּאטְשֶׁע דַיין מַאן? הָאט זַיין וַוייבּ גֶעעֶנְטְפֶערְט, טַאטֶע אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן עֶר הָאט פְרִיעֶרְט אוֹיבֶעט גֶעלֶערְנְט וָוארוּם עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, אָבֶּער פוּן זִינְט עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ דֶעם רֶבִּי'ן הֶערְט עֶר נִישְׁט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען, הָאט אִיר דֶער פָאטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוֹיבּ אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט

אִינְטֶערְשְׁטַיין צוּ גֶט'ן פוּן אִים, אוּן פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ בְּרֶענְגְן, נִישְׁט עֶר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט אַזוֹיפִיל תּוֹרָה פוּן אִים בֶּעהְט'סְטוּ פַּרְנָסָה? זָאלְסְט נֶעמֶען אַ זַאק מִיט זַאלְץ אוּן זָאלְסְט גֵיין אִין מַארְק אוּן זָאלְסְט דָאס פַארְקוֹיפְן אוּן מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מְפַרְנֵס זַיין, מִיט דִי נָאז זָאלְסְטוּ אַקֶערְן אוּן בְּרֶענְגְן פַּרְנָסָה, נִישְׁט בֶּעטְן פוּן אִים.

**דָאס** אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן'ס שְׁוֶוער וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זי"ע, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ רָב אִין דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט מָאהלִיב אוּן שַׁארִיגְרַאד אוּן קְרֶעמֶענִיץ, וָואס בַּיָמִים הָהֵם אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֲשִׁיבוּת, אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּךְ מִמֶעזְבּוּז זי"ע הָאט מֵעִיד גֶעוֶוען אוֹיף אִים אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֵייט מִיט אִים מִיט שְׁטֶענְדִיג, דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ס שְׁוֶוער, פוּנֶדעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער].

**אַוַודַאי** זֶענֶען אוּנְזֶערֶע פְרוֹיעֶן נִישְׁט אִין דִי מַדְרֵיגָה, אָבֶער עַל כָּל פָּנִים אַ מַאן דַארְף מְכַבֵּד זַיין זַיין וַוייבּ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אוּן עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קַיין שׁוּם סֵפֶר וָואס זָאל אַזוֹי רֶעדְן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן לִיבְשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ ווִי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן זַייעֶר וַוייבּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) אַז דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ נָאר אִין זְכוּת

פוּן זַיין וַוייבּ, אִיבֶּערְדֶעם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט) אוֹקֵיירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶר וַוייבּ כְּדֵי אִיר זָאלְט וֶוערְן רַייךְ.

**שְׁטַארְק** זִיךְ, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דוּ וֶועסְט זֶעהְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אָפְּשְׁוַוייגְן וֶועט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן לְטוֹבָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תרצט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' בֵּין כֶּסֶא לֶעָשׂוֹר ו' תִּשְׁרֵי ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶערְוַוייל** זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זַיין בַּיי דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער בִּיז עֶס וֶועט אַרַיין גֵיין אִין דַיין וַוייבּ אַ רוּחַ טַהֲרָה אוּן זִי וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן.

**זַיי** נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי דִיךְ, זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט הָאבְּן דִי שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת מִיטְן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט מַאכְן צוּטוּהְן מִיט דֶעם.

**נָאר** זֶעה פוּן דַיין זַייט זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם מִיט לִיבְּשַׁאפְט וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט,

וָוארום דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עוּקְצִין פֶּרֶק ג׳) לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָא הַשָּׁלוֹם. שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים כ"ט) "הֲוָיָ"ה עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן הֲוָיָ"ה יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם"; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיבּ מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר וְכוּ׳, אָדֶער מֶען אִיז דִיךְ מְבַזֶּה וְכוּ׳, עֶנְטְפֶער נִישְׁט וְכוּ׳, דוּ כַאפְּסְט גָארְנִישְׁט וָואסֶעְרֶע נֵס דוּ הָאסְט גֶעהַאט דָאס דֶער שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער... הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ אַזֶעלְכֶע שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ׳ס, וָוארוּם דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייטְ׳לֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִכָּל שֶׁכֵּן דִי וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּטֶע פַּארֶעכֶעס וְכוּ׳, פָּשׁוּטֶע לֵיידִיגְגֵייעֶרְ׳ס וכוּ׳, פְּשׁוּטֶע לֵצִים וְכוּ׳, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ דָא מִיט נְפָשׁוֹת וְכוּ׳, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט גֶעפִילְן פוּן טַאטֶע מַאמֶע פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, סְ׳הָאט זֵיי אָפְּגֶעקָאסְט דִי עֶלְטֶערְן אַ וֶועלְט מִיט גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאַ׳חוֹבוֹתְ׳ט כְּדֵי חֲתוּנָה מַאכְן דִי יוּנְג פָּארְפָאלְק, עֶס פַּאסִירְט אַז דִי פָּארְפָאלְק הָאבְּן צְוִוישְׁן זִיךְ אַ מִים-פַּארְשְׁטֶעֶנְדֶענִישׁ וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז נָארְמַאל, וָוארוּם זֵיי קוּמֶען פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעס פוּן גֶעלְט אָדֶער כָּבוֹד וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן פְּרָאבִּירְט צוּ מַאכְן בַּיי זֵיי שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זֵיי אוֹיפְקְלֶערְן זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְויסְט בִּיז יֶעצְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה, סְ׳אִיז נִישְׁט

קַיין בִּזָיוֹן וְכוּ' וְכוּ', דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט וַאֲנִי יָדַי מְלוּכְלָכוֹת בְּדַם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי לְטַהֵר אִשָּׁה לְבַעֲלָהּ; דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אַזֶעלְכֶע פַּארְפָּאלְקְ'ן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי מִיט דִי הָאקֶלְ'סְטֶע עִנְיָנִים וְכוּ', אַלֶעס כְּדֵי מְטַהֵר זַיין אִשָּׁה לְבַעֲלָהּ כְּדֵי סְ'זָאל זַיין שְׁלוֹם בַּיִת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֵייט צוּ אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ שְׁלוֹם בַּיִת מַאכֶעְרְ'ס וְכוּ' וְכוּ', זֵיי זֶענֶען פְּשׁוּטֶע לֵצִים, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטְרֶעסִירְט אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, זֵיי זֶענֶען אִינְטְרֶעסִירְט אַז דִי פַּארְפָּאלְק זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי וָואס מֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען פַּיינִיגְן דָאס פַּארְפָּאלְק, אוּן זֵיי גֶענִיסְן פוּן דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן דִי פַּארְפָּאלְק וְכוּ' וְכוּ', מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין בִּכְתָב, אָבֶער דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת וְכוּ' וְכוּ'.

וֶועגְן מַאכְן אַ דִינֶער וְכוּ', לְדַעְתִּי וֶועט דָאס נִישְׁט גָארְנִישְׁט פּוּעֶלְ'ן נָאר שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הַדְפָּסָה, אוּן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז גֶעלָאזְט צַוָּואָה פִיר טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת דָאס אוּנְזֶער זַאךְ דַארְף זַיין יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי סְפָרִים טוּעֶן אוֹיף, אוֹיף דֶער וֶועלְט, מַמָּשׁ מֶענְטְשְׁן הָאבְן חַיּוּת פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ פוּן דִי סְפָרִים, וָוארוּם עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן צָרוֹת אוּן יִסוּרִים בִּיטֶערְנִישׁ אוּן עֶנְגֶענִישׁ וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאר דִי סְפָרִים גֶעבְּן אַרַיין אִין זֵיי אַ גֵייסְט פוּן הָאפְּפֶענוּנְג וְכוּ', אוּן שְׁטַארְקְט זֵייעֶר גֶעפִילְן זֵיי

זָאלְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן װערְן, אַז װאוּיל אִיז דִיר וָואס דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ה' הֲלָכָה א') הָעוֹסֵק בְּצָרְכֵי צִיבּוּר כְּעוֹסֵק בַּתּוֹרָה; וְוִידֶערְאוּם זָאגְן זֵיי (יוֹמָא כ"ב:) כֵּיוָן שֶׁנִּתְמַנָּה אָדָם פַּרְנָס עַל הַצִּיבּוּר מִתְעַשֵּׁר; אַז אֵיינֶער אִיז עוֹסֵק אִין צָרְכֵי צִיבּוּר הֶעלְפְּט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל וֶוערְן רַייךְ; אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן זֶעה קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, זֶעה נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פז.) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַ פְרֵיילִיךְ יָאר, אַ יָאר מִיט פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אַ יָאר וָואס דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אָפְּדְרִיקְן אַלֶע דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן מֶען וֶועט דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִיבֶּעראַל.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תש

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' מָחֳרַת יוֹם הַכִּיפּוּרִים שֵׁם הַשֵּׁם [י'] ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בִּיטֶערְן בְּרִיוו וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ.

**עֶס** אִיז אַ הִימְל גֶעשְׂרֵיי אַז וֶועגְן אַ אִינְגֶערְמַאן פָּארְט אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף אוּמַאן זָאל מֶען אָנְרֵייצְן דַיין וַוייבּ אַקֶעגְן דִיר, אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶערֵייצְט דַיין וַוייבּ אַקֶעגְן דִיר וֶועלְן דָאס צוּרִיקְבַּאקוּמֶען כֶּפֶל כִּפְלַיִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן" (וַיִּקְרָא א׳ ב׳) מ'כ'ם' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ'דָּה כְּ'נֶגֶד מִ'דָה, דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, וָואס מֶען טוּט שְׁלֶעכְטְס פַאר יֶענֶעם בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק, מֶען צָאלְט אַלֵיין דֶעם קָרְבָּן, דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן צוּבְּרָאכְן דַיין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אוֹיפְגֶעהֶעצְט דַיין וַוייבּ אַקֶעגְן דִיר וֶועלְן זֵייעֶר טֵייעֶר בַּאצָאלְן.

**וְוִיפִיל** אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אַקֶעגְן דִי אַלֶע אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ'ס, וָואס זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּטֶע לֵצִים אוּן זֵיי מֶעלְקְן אוֹיס פוּן יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק גֶעלְט וְוִיפִיל ס'לָאזְט זִיךְ, אוּן זֵיי מַאכְן נָאךְ אַרְגֶער, דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין צוּ אַזֶעלְכֶע פִּיסְטֶע יוּנְגֶען לֵיידִיג-גֵייעֶרְ'ס, וָואס זֵייעֶר פַּרְנָסָה אִיז נָאר פוּן צָרוֹת יִשְׂרָאֵל, צוּבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, דֶער פַּרְשַׁנְדָּתָא וָואס הֶעצְט דַיין וַוייבּ זָאל דִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן וְכוּ' וֶועט טֵייעֶר בַּאצָאלְן פַאר דֶעם.

**יֶעצְט** וְוִיל אִיךְ דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, כָּאטְשֶׁע אִיךְ וֵויים אַז עֶס טוּט זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי, סוֹף כָּל סוֹף הָאסְטוּ גָארְנִישְׁט גֶעטוּהְן, דוּ בִּיסְט אַוֶועקְגֶעפָארְן וְוִינְצִיגֶער וִוי אַ וָואךְ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, בִּשְׁעַת טוֹיזֶענְטֶער

אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ וָואס הוּנְדֶערְטֶער זֶענֶען נָאךְ אִין שָׁנָה רִאשׁוֹנָה פָּארְן אַוֶועק צוּ זֵייעֶר רֶבִּי'ן אוֹיף צֶען טֶעג אָדֶער אוֹיף צְוֵויי וָואכְן וְכוּ', אוּן קֵיינֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין רַעַשׁ וְכוּ', אוּן מֶען צוּבְּרֶעכְט נִישְׁט קַיין שְׁטוּבֶּער וֶועגְן דֶעם, נָאר וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן פָּארְט אַוֶועק רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, קֶערְט מֶען אִיבֶּער אַגַאנְצֶע וֶועלְט, "הִימְל אוּן עֶרְד אוּן אוּמַאן" עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע דַאֲגוֹת וְכוּ' עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ' נָאר דָאס, זֶעהְט מֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ ווִי גְרוֹיס אִיז דָאס זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מֶען פּוֹעֵל'ט דָארְטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר אוּן וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

**לֵיידֶער** הֶערְט מֶען יֶעדְן טָאג אוּמְגְלִיקְן, יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן, יוּנְגֶע קִינְדֶער, יוּנְגֶע פְרוֹיעֶן, וֶוערְן פַארְכַאפְּט מִיט מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וְכוּ', אוּן קֵיינֶער פַּאלְט נִישְׁט אַיין אַז דָאס קֶען פַּאסִירְן בַּיי אִים וְכוּ', וָואס רוֹדֶפְ'סְטוּ יֶענֶעם? וָואס מִישְׁסְטוּ זִיךְ אַרַיין אִין יֶענֶעם'ס גֶעשֶׁעפְטְן? וָואס צוּבְּרֶעכְסְטוּ יֶענֶעם'ס שְׁטוּב? אוֹיף דֶעם טְרַאכְט קֵיינֶער נִישְׁט, נָאר הֶעצְט יֶענֶעם'ס וַוייבּ זָאל אִים אִיבֶּערְלָאזְן, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט דָאס פְּלוּצְלִינְג וֶועט קוּמֶען אוֹיף אִים אַזַא צָרָה וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעחָלוֹם'ט, אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

**אִיךְ** הַאלְט בְּלַייבּ בַּיי דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער וֶועגְן דַיינֶע קִינְדֶער'ס וֶועגְן, אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וְכוּ', כָאטְשֶׁע אִיךְ וֵוייס אוּן שְׁפִּיר דַיין וֵוייטָאג זֵייעֶר שְׁטַארְק, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן

דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, ווִי עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט "הָעִיקָר שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטִין זִיךְ", אוֹיף דֶעם עוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם ווָאס עֶס גֵייט אִיבֶּער, אוּן מֶען מוּז זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אַרָאפְּצוּפַאלְן אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** טוּה אַלֶע פְּעוּלוֹת אִין דֶער ווֶעלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת ווָאס דוּ הָאסְט, ווָארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד') "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ" מַאי רַקָּתֵךְ, אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; אוּן דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ד) ווֶען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת, אֲפִילוּ עֶר אִיז אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ', דָאס שִׂמְחַת הַמִּצְווֹת שְׁלֶעפְּט אִים אַרוֹיס פוּן גַשְׁמִיוּת הָעֲשִׂיָּה אוּן עֶר קוּמְט צוּ דִי הֶעכֶערֶע עוֹלָמוֹת, יְצִירָה, בְּרִיאָה, בִּיז עֶר ווֶערְט נִכְלָל אִין עוֹלָם אֲצִילוּת, ווָאס דָארְטְן אִיז נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט אָן קַיין שׁוּם לְבוּשִׁים, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט שִׂמְחָה, כָאטְשֶׁע אִיךְ ווֵייס אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁווֶער אוּן בִּיטֶער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בִּפְרַט אַז אַ פַּרְשַׁנְדָתָא ווָאס רוּפְט זִיךְ אַ שָׁלוֹם מַאכֶער הֶעצְט דַיין ווַייבּ זָאל דִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אַז דוּ ווֶעסְט זַיין פְרֵיילִיךְ ווֶעסְטוּ זֶעהְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווֶעט דִיךְ נָאךְ בַּאגְלִיקְן, אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בִּיטֶערֶע צָרָה ווָאס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק' ב') "עִבְדוּ אֶת הֲוָיָ"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְּבַר נַשׁ מָשִׁיךְ

לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָּאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט].

**זֶעה** צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, וָוארוּם אַזוֹי דֶערְצֵיילְן דִי חֲזַ"ל (גִּיטִּין ז.) שְׁלַח לֵיהּ מַר עוּקְבָא לְרַבִּי אֶלְעָזָר בְּנֵי אָדָם הָעוֹמְדִים עָלַי וּבְיָדִי לְמָסְרָם לַמַּלְכוּת מַהוּ? שַׁרְטֵט וְכָתַב לֵיהּ (תְּהִלִּים ל"ט ב') "אָמַרְתִּי אֶשְׁמְרָה דְרָכַי מֵחֲטוֹא בִלְשׁוֹנִי אֶשְׁמְרָה לְפִי מַחְסוֹם בְּעֹד רָשָׁע לְנֶגְדִּי", אַף עַל פִּי שֶׁרָשָׁע לְנֶגְדִּי אֶשְׁמְרָה לְפִי מַחְסוֹם, שְׁלַח לֵיהּ קָא מְצַעֲרֵי לִי טוּבָא וְלָא מָצֵינָא דְאֵיקוּם בְּהוּ, שְׁלַח לֵיהּ (תְּהִלִּים ל"ז ז') "דוֹם לַהֲוָיָ"ה וְהִתְחוֹלֵל לוֹ" דוֹם לַהֲוָיָ"ה וְהוּא יַפִּילֵם לְךָ חֲלָלִים חֲלָלִים, הַשְׁכֵּם וְהַעֲרֵב עֲלֵיהֶן לְבֵית הַמִּדְרָשׁ וְהֵן כָּלִין מֵאֵילֵיהֶן הַדָּבָר יָצָא מִפִּי רַבִּי אֶלְעָזָר וּנְתָנוּהוּ לְגִנִּיבָא בְּקוֹלָר וְכוּ', זֶעהְסְטוּ פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְצַעֵר דֶעם צְוֵוייטְן אִיז דִי עֵצָה מַקְפִּיד צוּ זַיין דַאוֶוענֶען עֶרֶב וָבוֹקֶר מִיט אַ מִנְיָן דַיְיקָא, דֶערְמָאלְט הָאבְּן דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים אַ וִויסְטֶע מַפָּלָה אוּן זֵיי וֶועלְן פַאלְן אִין דִי טִיפֶענִישׁ פוּן דֶעם אָפְּגְרִינְד.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן שְׁטַארְק דַיינֶע קִינְדֶער, רֶעד מִיט זֵיי, גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי, בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין גְרוֹיסֶע פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע קִינְדֶער.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר בְּקָרוֹב אָנְזָאגְן אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז סְ'הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעֶנְדִיגְט לְטוֹבָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב**

# תשא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' מָחֳרַת יוֹם הַכִּיפּוּרִים שֵׁם הַשֵּׁם [י'] ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ו) דָאס דֶער מָארְגֶענְדִיגְן טָאג פוּן יוֹם הַכִּיפּוּרִים וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן גָאטְ'ס נָאמֶען, וָוארוּם נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז מוֹחֵל אַ אִיד אַלֶע עֲווֹנוֹת, לַייכְט בַּיי אִים דֶער שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, אִיבֶּערְדֶעם דִי פִּיר טֶעג צְווִישְׁן יוֹם הַקָּדוֹשׁ בִּיז סוּכּוֹת לַייכְט דֶער שֵׁם הֲוָיָ"ה יֶעדְן טָאג מִיט אַן אַנְדֶערְן אוֹת, אוּן דִי פִּיר טֶעג זֶענֶען מוֹרָא'דִיגֶע מְסוּגָל'דִיגֶע טֶעג, וָוארוּם אַ אִיד הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ זִינְדִיגְן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא אֱמוֹר) אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כ"ג מ') "וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן", וְכִי רִאשׁוֹן הוּא וַהֲלֹא ט"ו יוֹם הוּא? וְאַתְּ אוֹמֶרֶת בְּיוֹם הָרִאשׁוֹן, אֶלָּא רִאשׁוֹן הוּא לְחֶשְׁבּוֹן עֲווֹנוֹת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת סוּכָּה הֲלָכָה ב' אוֹת א') אַז דִי פִּיר טֶעג זֶענֶען אַקֶעגְן דִי פִּיר בִּגְדֵי לָבָן פוּן דֶעם כֹּהֵן וָואס הָאט גֶעטוּהְן דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, ווַייל אִין יוֹם כִּיפּוּר הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט אוּנְז מוֹחֵל גֶעוֶוען אַלֶע עֲבֵירוֹת דֶערִיבֶּער זֶענֶען מִיר זוֹכֶה צוּ בְּגָדִים לְבָנִים, וָואס דָאס הֵייסְט בְּגִידִים לְבָנִים וְכוּ', תִּיקּוּן הַבְּרִית תִּיקּוּן הַמּוֹחַ, דִי גִידִים דִי אָדֶערְן זֶענֶען רֵיין פוּן זִינְד.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן דִי פִיר טֶעג טוּהְן אַסאךְ חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט

דָאס דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט עֶרֶב סוּכּוֹת גֶעטֵיילְט צְדָקָה מֶער ווִי אַגאנְץ יָאר, עֶר הָאט פָּשׁוּט אוֹיפְגֶעמַאכְט זַיין בֶּערְזְל און דֶער אָרֶעמַאן זָאל נֶעמֶען ווִיפִיל עֶר ווִיל, און דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אַלֶע פִיר טֶעג וָואס אִיז אוֹיבֶּעט אַ הֲכָנָה צוּ דִי יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "זְמַן שִׂמְחָתֵינוּ", דֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וֶוערְט אוֹיבֶּעט אָנְגֶערוּפְן "חַג הָאָסִיף", וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים, וָוארוּם אִין דֶעם יוֹם טוֹב וֶוערְט צַאמְגֶעקְלִיבְּן אַלֶע נִיצוֹצוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ נֶעבֶּעךְ הָאט פַארְלָארְן אַ גַאנְץ יָאר וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָר מִצְוָה פוּן דִי סְכַךְ אוֹיף דִי סוּכָּה פוּן פְּסוֹלֶת גוֹרֶן וְיֶקֶב וְכוּ', צוּ וַוייזְן דָאס יוֹם הַקָדוֹשׁ הָאבְּן מִיר תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד פוּן אַגַאנְץ יָאר, און יֶעצְט סוּכּוֹת טוּעֶן מִיר תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יוֹמָא פו:) אַז מֶען טוּהְט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, וֶוערְט פוּן דִי אַלֶע זִינְד זְכִיוֹת; דֶערְפַאר וֶוערְט דֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אָנְגֶערוּפְן "חַג הָאָסִיף" עֶס קְלוֹיבְּן זִיךְ צַאם אַלֶע זַיינֶע זִינְד, און עֶס וֶוערְן מִצְווֹת, און דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אַ בֶּענְקֶענִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְפַאר זֶעהְט מֶען דָאס דֶער יוֹם טוֹב פוּן סוּכּוֹת שְׁפִּירְט יֶעדֶע אִיד אַ אַ דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט וֶוען עֶר זִיצְט אִין סוּכָּה, עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט צִילָא דִמְהֵימְנוּתָא, מִיט דֶעם שָׁאטְן פוּן אֱמוּנָה, אַ אִיד זִיצְט אִין סוּכָּה שְׁפִּירְט עֶר אַ דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט, ווִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט דָאס דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס דָאס מֶען גֵייט אִין אִיר אַרַיין אֲפִילוּ מִיט דִי שְׁטִיוְול.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן דִי פִּיר טֶעג נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב סוּכּוֹת מִיט גְרוֹים פְרֵייד, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין דָאס דִי אוּשְׁפִּיזִין דִי ז' רוֹעִים וֶועלְן אַרַיינְקוּמֶען אִין דַיין סוּכָּה, אַלֶעס אִיז תָּלוּי נָאר כְּפִי דִי שִׂמְחָה וָואס מֶען הָאט בַּיי מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת סוּכָּה.

**אוֹיךְ** וֶוען מֶען אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְווֹת ד' מִינִים מִיט דִי נַעֲנוּעִים אוּן מֶען שָׁאקֶעלְט אַלֶע פִּיר זַייטְן אוּן אוֹיבְן אוּן אוּנְטְן, אַלֶעס אִיז צוּ וַוייזְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִזְרָח מַעֲרָב צָפוֹן דָרוֹם מַעֲלָה מַטָה אִיז אַלֶעס גֶעטְלִיכְקֵייט, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה פַארְן מֶענְטְשׁ וִוי וֶוען עֶר אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן עֶר אִיז מְקַיֵּים דָאס מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער שִׂמְחָה.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב**

## תשב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים שֵׁם הַשֵּׁם [י'] ה'תשע"ד**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ וְכוּ', עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט דָאס יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָׁה קוּמְט אָן

זַייעֶר זַייעֶר שְׁוֶוער, וּבִפְרַט וֶוען דָאס הָאט צוּטוּהְן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעמַאכְט דִי לֶעצְטֶע פוּפְצִיג יָאר פוּן תשכ"ד בִּיז יֶעצְט תשע"ד, וָואס אִין דִי אַלֶע יָארְן בִּין אִיךְ עוֹסֵק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אִיךְ דֶערְהַאלְט זִיךְ, אִיךְ פַאל נִישְׁט אַרָאפּ.

מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן טִינוּף וְכוּ', פוּן זַייעֶרע ווִיסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע מַעֲשִׂים וְכוּ' אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעהָאלְפְן חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן שְׁטוּבֶּער, אוּן גֶעלֶערְנְט ווִיאַזוֹי צוּ הַאלְטְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ', אוּן הַיינְט זֶענֶען זֵיי מִיר גְרוֹיסֶע בִּיטֶערֶע מִתְנַגְדִים וָואס זֵיי ווִילְן אֲפִילוּ נִישְׁט שְׁטֵיין אִין מַיין ד' אַמּוֹת וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פַאל אִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, נָאר אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין טְרַאכְטְן נַייעֶ מַחֲשָׁבוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען ווִיאַזוֹי מֶען קֶען אַריינְבְּרֶענְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִין נָאךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן בִּפְרַט אִין בְּנֵי הַנְּעוּרִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"ו) אַז וָואס יוּנְגֶער מֶען אִיז, אִיז גְרִינְגֶער מְקָרֵב צוּ זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם זַיין נְשָׁמָה אִיז נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק גֶעוֶוען אוֹיבְן וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען רֶעדְט מִיט אִים דִיבּוּרֵי יִרְאַת שָׁמַיִם מַאכְט דָאס אַ גְרוֹיסֶע רוֹשֶׁם בַּיי אִים, אָבֶּער ווִי עֶלְטֶער מֶען אִיז פַארְגֶעסְט מֶען פוּן וַואנֶעט מֶען אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין זַייעֶר שְׁוֶוער מִיט אַזַא מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

**איבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט איךְ דִיר אוֹיכֶעט, שְׁטֶעל זִיךְ נִישְׁט אָפּ, נָאר זֶעה צוּ דְרִיקְן וָואס מֶער דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן דֶער זְכוּת הָרַבִּים וֶועט דִיךְ בַּיישְׁטֵיין, אוּן דוּ וֶועסְט אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט וֶועט דִיךְ קַיין שְׁלֶעכְטְס נִישְׁט קֶענֶען טוּהְן, דִי וֶועלְט זָאגְט "אַ הוּנְט וָואס עֶר בִּילְט בַּייסְט נִישְׁט" דִי אַלֶע דַיינֶע שׂוֹנְאִים וָואס בִּילְן אוֹיף דִיר, קֶענֶען בִּילְן וִויפִיל זֵיי ווילְן וְכוּ', אָבֶער זֵיי וֶועלְן דִיר נִישְׁט קֶענֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס טוּהְן.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר קְלוֹיב צוּזַאם אַלֶע אִידִישֶׁע בְּרִיוו וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן, אוּן דְרִיק עֶס אָפּ, וָוארוּם דִי בְּרִיוו זֶענֶען מְחַיֶה אַלֶע צוּבְרָאכֶענֶע גֶעפַאלֶענֶע אוּן צוּשְׁלָאגֶענֶע נְשָׁמוֹת, אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט לְאוֹרֶךְ יָמִים וְשָׁנִים טוֹבוֹת, וֶועט אָבֶער דִי בְּרִיוו בְּלַייבְּן אוּן מְחַיֶה זַיין אָן אַ שִׁיעוּר נְשָׁמוֹת, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ דָאס אָפְּצוּדְרִיקְן, אוּן אוּנְזֶערֶע לַייט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דָאס.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן עֶס זָאל דִיךְ שׁוֹין גוּט זַיין נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, זָאלְסְט זֶעהְן אוּן שְׁפִּירְן דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי אִים (יְחֶזְקֵאל מ"ג) "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פִיל מִיט גֶעטְלִיכְקֵייט, מֶען דַארְף נָאר אוֹיפְמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן גוּט זֶעהְן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפְן צוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב**

# תשג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' עֶרֶב חַג הַסּוּכּוֹת [ה'] י"ד תִּשְׁרֵי ה'תשע"ד

שָׁלוֹם רַב אֶל ... תִּחְיֶה

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ בַּאקְלָאגְסְט זִיךְ אַז דַיין מַאן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיבֶּערְדֶעם לָאזְטוּ אִים אִיבֶּער וְכוּ'.

**אִיךְ** ווִיל דִיר פְרֶעגְן אַ פָּשׁוּטֶע קַשְׁיָא, פוּן אַלֶע חֲסִידוּתֶ'ער פָארְן אַוֶועק דִי מֶענֶער צוּ זֵייעֶרֶע רֶבִּי'ס אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן טֵייל פָארְן אַוֶועק אוֹיבֶעט אוֹיף יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אוּן קֵיינֶער מַאכְט נִישְׁט קַיין גֶערוּדֶער, אוּן עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען ווִי אַ פָּשׁוּטֶע זַאךְ, אָן מַחְלוֹקֶת, אָן וִויכּוּחִים מִיט קְרִיגֶערֵייעֶן, אוּן אֲפִילוּ צְווִישְׁן דִי לִיטְווִישֶׁע פָארְן שׁוֹין הַיינְט דִי מֶענֶער אַוֶועק צוּ זֵייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן קַיין אֵיין פְרוֹי מַאכְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גֶערוּדֶער וְכוּ', אָדֶער אַ קְרִיגֶערֵיי וֶועגְן דֶעם, נָאר וֶוען דֶער מַאן פָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אִיז הִימְל אוּן עֶרְד וֶוערְן גֶעטְרֵייסְלְט, אוּן מֶען מַאכְט פוּן דֶעם אַגַאנְצְן עֵסֶק, אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ וְכוּ', אוּן ווִי נַאטִירְלִיךְ אִיז פֶעלְט נִישְׁט קַיין פַארְדָארְבֶּענֶע יוּנְגֶען וָואס זֵיי הֶעצְן אוֹיף דִי פְרוֹיעֶן אַקֶעגְן דִי מֶענֶער וְכוּ' וְכוּ', אוּן ווִילְן נָאר צוּשְׁטֶערְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת, בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וְכוּ', ווִי קֶען מֶען דָאס מַסְבִּיר זַיין? וֶוער פוּן דִי אַלֶע אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע שָׁלוֹם מַאכֶערְ'ס הָאבְּן אוֹיף דֶעם אַ עֶנְטְפֶער?

**בִּשְׁעַת** קַיין שׁוּם צַדִיק הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי,

קַיין שׁוּם צַדִיק הָאט נִישְׁט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אַ טוֹבָה טוּהְן פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ה) דָאס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִין, דֶעמָאלְטְס מִשְׁפָּט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים אַ גַאנְץ יָאר, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט אִין דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶה תּוֹקֶף" בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן. כַּמָה יַעַבְרוּן וְכַמָה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ, וּמִי לֹא בְּקִצּוֹ, מִי בַמַיִם, וּמִי בָאֵשׁ, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בַחַיָה, מִי בָרָעָב, וּמִי בַצָּמָא, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַגֵּפָה, מִי בַחֲנִיקָה וּמִי בַסְקִילָה, מִי יָנוּחַ, וּמִי יָנוּעַ, מִי יִשָּׁקֵט וּמִי יִטָּרֵף, מִי יִשָּׁלֵו, וּמִי יִתְיַסָר, מִי יֵעָנִי, וּמִי יֵעָשֵׁר, מִי יִשָּׁפֵל, וּמִי יָרוּם; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תס"ו) וִויפִיל צָרוֹת אוּן גְזֵירוֹת וָואס עֶס וֶוערְט נִגְזָר אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסֶער דִי אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, ווִי דֶער נוּסַח גֵייט, אַז דֶער חַזָן זִינְגְט וּמִי וּמִי וּמִי וְכוּ', אָן וֶוערְטֶער, אוּן דָארְטְן אִיז מְרוּמָז נֶעבֶּעךְ אַלֶע גְזֵירוֹת וָואס עֶס אִיז אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף

יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּער דֶעם פָּארְט מֶען צוּם צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וּבִפְרָט פַאר דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִים, אוּן מֶען זֶעט בִּמְצִיאוּת וֶוען סְ'אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס אַ גְזֵירָה וְכוּ', בִּפְרָט גְזֵירַת מָוֶות, לֹא עָלֵינוּ, זוֹכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אַבִּי דֶער גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, וְכוּ', פַארְוָואס זָאל אַ פְרוֹי נִישְׁט הָאבְּן קַיין שֵׂכֶל, אוּן זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס זָאל זִי נִישְׁט שִׁיקְן אִיר מַאן אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן אַדְוָואקַאט וָואס זָאל אִים פַארְטֵיידִיגְן? וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן ת"ג) מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער וִוי אַלְסְדִינְג, אוּן עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ ווּאוּנְדֶער מַיינֶע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט נִזְהָר זַיין צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פֶעלְן, וַוייל מַיין גַאנְצֶע עִנְיָן אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

**פַארְשְׁטֵיי** אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ מַאכְן אַזַא גֶערוּדֶער אוֹיף דַיין מַאן וָואס אִיז גֶעפָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוער וֵוייסְט צוּ סְ'אִיז נִישְׁט נִגְזָר גֶעוָוארְן

אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט בַּאקוּמֶען יֶענֶע מַחֲלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דַיין מַאן הָאט גֶעפּוּעֶלְ'ט בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן עֶס זָאל אָפְּגֶעטוּהְן וֶוערְן פוּן דִיר דִי מַחֲלָה, וָואלְסְטוּ דָאךְ דַיין מַאן גֶעדַארְפְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אַנְשְׁטָאט דֶעם הֶערְסְטוּ אוֹיס דִי אַלֶע רְשָׁעִים וָואס זַיי הֶעצְן דִיךְ אוֹיף אַקֶעגְן דַיין מַאן וְכוּ' דִי טַאטֶע פוּן עֶנְקֶער זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, וואוּ אִיז דַיין שֵׂכֶל אַהִינְגֶעקוּמֶען? זֶעהְסְטוּ נִישְׁט דָאס דַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְ'ס אוּן שְׁוָואגֶערְ'ס וָואס זַיי הָאבְּן דִיךְ אוֹיפְגֶעהֶעצְט אַקֶעגְן דַיין טַייעֶרֶע מַאן וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר דִיר אַגַאנְץ יָאר טוּהֶען דָאס נִישְׁט נָאר פַאר קִנְאָה? זַיי זֶענֶען מְקַנֵא דַיין מַאן דָאס עֶר הָאט פַּרְנָסָה אוּן עֶר פִירְט אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב אוּן גֶעבְּט דִיךְ אַלֶעס נָאךְ.

**בַּארֶעבְן** זִיךְ גוּט, וִוי קֶען מֶען טוּהְן אַזַא אַכְזָרִיוּת אַוֶועקְלוֹיפְן אוֹיף יוֹם טוֹב מִיט אַלֶע קִינְדֶער פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, נָאר וַוייל דֶער מַאן אִיז גֶעפָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן?

**אִיךְ** הָאף דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַרַיינְגֶעבְּן שֵׂכֶל, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן, אוּן דוּ וֶועסְט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דַיין מַאן, אוּן אִיר זָאלְט לֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב**

# תשד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת י״ח תִּשְׁרֵי ה׳תשע״ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואסֶערֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיים לֵיינֶען דַיין בְּרִיוו, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן.

**נָאר** וָואס דֶען, אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דָאס לֵיידֶער דִי אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע פַארְשָׁאלְטֶענֶע שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער׳ס זֵיי זֶענֶען שׁוּלְדִיג אִין אַלֶע גֶט׳ן וָואס עֶס פַּאסִירְן יֶעדֶעס מָאל צְווִישְׁן אַ פָּארְפָאלְק.

**דָאס** עֶרְשְׁטֶע כְּלָל דַארְף מֶען וויסְן אוֹיבּ אֵיינֶער נֶעמְט גֶעלְט כְּדֵי שָׁלוֹם מַאכְן צְווִישְׁן אַ פָּארְפָאלְק אִיז דָאס שׁוֹין אַ גֶעפָאפְּטֶע זַאךְ, וָוארוּם אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אִינְטְרֶעסִירְט צוּ מַאכְן שָׁלוֹם, וַוייל דָאס אִיז זַיין פַּרְנָסָה, וֶועט עֶר עֶס אוֹיסְצִיעֶן ווִילַאנְג עֶר קֶען.

**דָאס** צְוֵוייטֶע זַאךְ דַארְף מֶען וויסְן אַז בְּדֶרֶךְ כְּלַל אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר אִיז עוֹסֵק אִין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ פָּשׁוּטֶער נוֹאֵף, אוּן עֶס צִיט אִים שְׁטֶענְדִיג גֵיין אוֹיף דִי וַוייבּ׳ס זַייט, עֶר הָאט הֲנָאָה צוּ רֶעדְן מִיט אִיר וְכוּ׳, אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אִיר וָואס מֶער אִינְפָארְמַאצְיֶע פוּן זֵייעֶר אִינְטִימֶע לֶעבְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** טָאר קַיין שׁום פָּארְפָאלְק נִישְׁט גֵיין וֶועגְן שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעם נָאר צוּ אַן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס מֵיינְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן וִויל נָאר מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן פָּארְפָאלְק, עֶס אִיז אַ נַאטִירְלִיכֶע זַאךְ אַז עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַ מִיס-פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, וָוארוּם בֵּיידֶע קוּמֶען פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת, אַנְדֶערֶע מִנְהָגִים וְכוּ', אַנְדֶערֶע נַאטוּרְן וְכוּ', אוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד קֶען דָאס אַלֶעם אוֹיסְגְלַייכְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פ') דָאס שָׁלוֹם אִיז שַׁיָּיךְ נָאר וֶוען שְׁנֵי הַפֵּכִים קוּמֶען צוּזַאמֶען, צְוֵויי קֶעגְן-זַייטִיגֶע נַאטוּרְן בְּרֶענְגְט מֶען צוּזַאמֶען, דָאס הֵייסְט שָׁלוֹם. וָוארוּם וֶוען בֵּיידֶע הַאלְטְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וְכוּ' אוּן זֵיי הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע נַאטוּרְן וְכוּ', אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דִי אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ'ס, וָואס זֵיי זֶענֶען פָאלְשֶׁע נוֹאֲפִים.

**עֶס** אִיז אַ וֵויי גֶעשְׁרֵיי וֶוען אַ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער לָאזְט נִישְׁט רֶעדְן אוּן הֶערְן דֶעם מַאנְ'ס צַד, עֶר לָאזְט נָאר רֶעדְן אוּן הֶערְן דָאס וַוייבְּ'ס צַד, דָאס וַוייזְט שׁוֹין אַז עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטֶער נוֹאֵף, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ז:) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים א' ט"ז) "שָׁמֹעַ בֵּין אֲחֵיכֶם וּשְׁפַטְתֶּם צֶדֶק" אָמַר רַבִּי חֲנִינָא, אַזְהָרָה לְבֵית דִּין שֶׁלֹּא יִשְׁמַע דִּבְרֵי בַּעַל דִּין קוֹדֶם שֶׁיָּבוֹא בַּעַל דִּין חֲבֵירוֹ, וְאַזְהָרָה לְבַעַל דִּין שֶׁלֹּא יַטְעִים דְּבָרָיו לַדַּיָּין קוֹדֶם שֶׁיָּבוֹא בַּעַל דִּין חֲבֵירוֹ; אוֹיבּ עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי אַ בֵּית דִּין אַז דֶער דַּיָּין טָאר נִישְׁט הֶערְן אֵיין

צַד פַאר'ן צְווייטְן וְכוּ', אָדֶער עֶר טָאר נִישְׁט הֶערְן אֵיין צַד אֵייֶדער עֶר הָאט גֶעהֶערְט יֶענֶעמְ'ס צַד, אוּן דָאס דַארְף זַיין אִין גֶעגְנְוַוארְג פוּן בֵּייֶדע, אַווַדַאי אוּן אַווַדַאי דֶער וָואס עֶר ווִיל מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַ פָּארְפָאלְק מוּז לָאזְן רֶעדְן בֵּייֶדע'ן, אוּן בֵּייֶדע מוּזְן זַיין צוּזַאמֶען אוּן גֶעגְנְוַוארְג פוּן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער, דֶעמָאלְט קֶען מֶען גְלַייךְ זֶעהְן וֶוער עֶס זָאגְט לִיגְנְט אוּן וֶוער עֶס זָאגְט אֱמֶת וְכוּ', אָבֶער אֵיינֶער וָואס עֶר לָאזְט נִישְׁט רֶעדְן דֶעם צְווייטְן וְכוּ' וְכוּ' וּבִפְרַט וֶוען עֶר לָאזְט נָאר רֶעדְן דֶעם פְרוֹי, דֶער ווַייזְט שׁוֹין אַז עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטֶער נוֹאֵף, וָואס לֵייֶדער זֶענֶען הַיינְט זֵייעֶר אַסַאךְ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ'ס פָּשׁוּטֶע נוֹאֲפִים, אוּן הַלְוַואי וָואלְטְן דִי אֱמֶת'ע רַבָּנִים אוּן אֱמֶת'ע בָּתֵּי דִינִים זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין דֶעם, וָואלְטְן זֵיי גֶעווַאויר גֶעוָוארְן ווִי שְׁמוּצִיג דִי שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ'ס זֶענֶען.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן, פוּן יֶעצְט אָן בְּלַייבּ נָאר בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, וֶועסְט זִיךְ אַלֵיין קָאבְן אוּן אַלֵיין פָּארֶען זִיךְ וְכוּ', כָאטְשֶׁע עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶער אוֹיבּ דֶער שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער ווִילְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן שָׁלוֹם מַאכְן וְכוּ', זֶעהְסְטוּ גְלַייךְ וָואסֶערֶע שֶׁקֶר דָא אִיז וְכוּ', אִיךְ הַאלְט דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן בַּיי דִיר אִין דִי דִירָה, מֶער צוּ קַיין שׁוּם שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט דִיךְ רוּפְן צוּ אַ בֵּית דִין זָאלְסְטוּ גֵיין, אוּן אוֹיסְהֶערְן אִירֶע טַעֲנוֹת, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דוּ זָאלְסְט זָאגְן דֶעם אֱמֶת, דוּ גֶעבְּסְט אִיר אַלֶעס וְכוּ',

דוּ פַארְפֶעלְסְט נִישְׁט פוּן אִיר גָארְנִישְׁט וְכוּ׳, דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער חֵטְא וָואס דוּ הָאסְט אִיז אַז דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אִיךְ מֵיין אַז יֶעדֶער עֶרְלִיכֶער נָארְמַאלֶער בֵּית דִין וֶועט אִיר קַיין גֶערֶעכְטִיגְקֵייט נִישְׁט גֶעבְּן, אוּן אוֹיבּ יָא אִיז דָאס קַיין בֵּית דִין נִישְׁט, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פָארְן אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר צוּ אַ רֶבִּי׳ן, אוּן עֶס אִיז אַ נַאטִירְלִיכֶער זַאךְ, אוּן קֵיינֶער קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט וְכוּ׳, אוּן קֵיינֶער לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק וְכוּ׳, מֶען לֶעבְּט מִיטְן מְצִיאוּת וְכוּ׳, אוּן בִּפְרַט אַז הַיינְט אִיז כִּמְעַט רוֹב חֲסִידוּתֶ׳ער אָפְּגֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי׳עֶן אוּן אַמָאל אוֹיךְ אִין פִיר, לֵיידֶער זֶעהְט מֶען ווִי מֶען הָאט אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט הַאס אֵיינֶער אַקֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן אָךְ אוּן וֵויי אוֹיבּ אֵיין צַד גֵייט צוּ זַיין קֶעגְנֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין הַיינְט דָא בַּיי דִי לִיטְוִוישֶׁע אוֹיבֶעט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיז דָאס אֱמֶת? יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט נָאר זִיךְ וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, סְ׳אִיז טַאקֶע זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען אַ וַוייבּ וֶוערְט אוֹיפְגֶעהֶעצְט קֶעגְן אִיר מַאן פַאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הֶעצְן אוֹיף דִי פְרוֹי אַקֶעגְן אִיר מַאן וֶועלְן טֵייעֶר בֶּאצָאלְן, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין רֵיין, אָדֶער בַּיי זֵיי וֶועט דָאס פַּאסִירְן וְכוּ׳, אָדֶער בַּיי זֵייעֶר קִינְדֶער וֶועט דָאס פַּאסִירְן וְכוּ׳, דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, עֶס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא א׳ ב׳) "אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן" מִ׳כֶּ׳ם׳ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ׳דָה כְּ׳נֶגֶד מִ׳דָה, דִי

װעלט איז נישט הֶפְקֵר, װאס מען טוט שלעכטס פאר יענעם באקומט מען צוריק, מען צאלט אליין דעם קרבן, די אלע װאס זיי האבן צוּבראכן דיין שלום בית און אויפגעהעצט דיין װייב אקעגן דיר װעלן זייער טייער באצאלן.

**דערװייל** שטארק זיך און װער נישט צופאלן, עס איז א ביטער נסיון, און א גרויס װייטאג, פונדעסטװעגן אנטלויף נאר צום בורא כל עולמים, רעד זיך אויס דאס הארץ פאר אים און דערצייל אים אלעס אויס, װעסטו זעהן גרויסע װאונדער װאס דער בורא כל עולמים װעט מיט דיר טוהן.

**איך** האף צום בורא כל עולמים אז דו װעסט מיר בקרוב מבשר זיין א גוטע בשורה.

**נאר** גיי נישט מער צו דיין שװער און שװיגער, בלייב ביי דיר אין שטוב, גיי נישט אפילו צו דיינע עלטערן, זאלסט זיין א עקשן נישט אנקומען צו קיינעם נישט, װעסטו זעהן עס װעט זיך אלעס איבערקערן לטובה, װארום דער הייליגער רבי האט געזאגט "צו מיר האט נאך קיינער נישט דערלייגט" און ער האט געזאגט "איך האב אויסגעפירט, און איך װעל אויספירן".

**איך** האף צו רעדן מיט דיר היינט ביי דעם רבינ'ס הילולא.

**זאלסט האבן א גוטן מועד**

## תשה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מַדְרֵיגָה ווִי צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) דָאס וֶועלְדִיג יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר מַאכְט מִיט אוֹיף דֶעם עוֹלָם וְכוּ', דַארְף עֶר הָאבְּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוֹיף צוּ זַיין פְרֵייליךְ, וָוארוּם דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבֶּעט פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אֱמֶת'ע שִׂמְחָה, פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וָוארוּם וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אִים אִיז עֶר אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת אוּן עֶר אִיז רֵיין פוּן אַלֶע זִינְד, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים ק"ד) "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּהֲוָיָ"ה יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", ווִיפֶער אַ אִיד קוּמְט צוּ דִי מַדְרֵיגָה צוּ פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין חֲטָאִים וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם אַלֶע זִינְד וָואס אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט חָלִילָה אִיז אִים גּוֹרֵם אַ צְווִישְׁנְשֵׁייד צְווִישְׁן אִים אוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ט ב) "כִּי אִם עֲוֹנוֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָּנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ" אוּן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִים כְּפִירָה לְאָדָם; אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אַ אִיד אִיז

שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זָאל עֶר זַיין זִיכֶער אַז מֶען הָאט אִים שׁוֹין מוֹחֵל גֶעוֶוען אַלֶע עֲווֹנוֹת, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין פוּן דִי קְדוּשָׁה, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן נִישְׁט צִי צוּ דִיר עַצְבוּת, דָאס אִיז דִי סִטְרָא אַחְרָא.

אִין אוּמַאן הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' שִׂמְחָה'לֶע (קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט זַיין צְוֵייטְן נָאמֶען) אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, עֶר הָאט זֵייעֶר ווינְצִיג גֶערֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן, וֶוען מֶען הָאט אִים נָאר גֶעזֶעהְן הָאט מֶען גֶעמוּזְט לַאכְן פַאר שִׂמְחָה, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקֶענְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן מֶענְטְשְׁן, זַיין אַרְבֶּעט אִיז גֶעוֶוען עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען יֶעדְן טָאג אִיבֶּער דִי הַייזֶער מִיט אַ זַאק צַאמְעֶנְמֶען צְדָקָה פַאר אָרֶעמֶעלַייט, דֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, דֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ צִיבֶּעלֶע, אוּן דֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ קְנָאבִּיל וְכוּ' וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט עֶפֶּעס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זַאק, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ הָאט עֶר עֶס אוֹיסְגֶעגָאסְן אוֹיפְן טִישׁ, אוּן דִי אַלֶע אָרֶעמֶעלַייט הָאבְּן גֶענוּמֶען יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט, אוּן עֶר הָאט פָּשׁוּט מְחַיֶה גֶעוֶוען אִידְן, וַוייל דִי אָרוּמְקֵייט אוּן דֶער נוֹיט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בַּיי אַ גְרוֹיסְן גְבִיר אִין שְׁטוּב בֶּעטְן אוֹיב מֶען קֶען עֶפֶּעס גֶעבְּן צְדָקָה אַרַיינְלֵייגְן אִין זַאק? הָאט דֶער גְבִיר אִים אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן 'אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט', הָאט זִיךְ ר' שִׂמְחָה'לֶע נִישְׁט פַארְלָארְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם זַאק

וָואס אִיז דָארְטְן גְעוֶוען וָואס עֶר הָאט צַאמְגֶענוּמֶען, אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן אַ גִים אוֹיס אוֹיפְן טִישׁ אִין זַיין רַייכְן דֵיינוּנְג רוּם פוּן דֶעם גְבִיר, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט 'הָאסְט נִישְׁט'? דָא הָאסְטוּ דִי גַאנְצֶע פַּאר דִיר יֶעצְט וֶועסְטוּ הָאבְּן בְּשֶׁפַע! אוּן דֶער גְבִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן נֶעם עֶס שְׁנֶעל צוּזַאם וַוייל בַּאלְד וֶועט מַיין וַוייבּ קוּמֶען אוּן זִי וֶועט מִיךְ אָנְשְׁרֵייעֶן, אוּן עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַסַאךְ עֶסְנְוַוארְג אַבִּי עֶר זָאל צַאמְנֶעמֶען וָואס עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעגָאסְן אוֹיפְן טִישׁ, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אָן וֶוען ר' שִׂמְחָה'לֶע אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט עֶסְן אִין זַאק, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער אִיד מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, אוּן צוּ דִי מַדְרֵיגָה אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט מְחַיֶה גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע אִידְן בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחָנִיוּת, אוּן צוּם סוֹף אִיז עֶר גֶעפָארְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן וִוי נָאר עֶר אִיז אַרָאפּ פוּן שִׁיף הָאט עֶר שׁוֹין גֶענוּמֶען אַ זַאק אוּן גֶעגַאנְגֶען פוּן טִיר צוּ טִיר בֶּעטְן עֶסְנְוַוארְג פַּאר אָרֶעמֶעלַייט, אוּן וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזַא פְרֵיילִיכֶע אִיד הָאט אִים יֶעדֶער אֵיינֶער מְקַרֵב גֶעוֶוען אוּן גֶעגֶעבְּן בְּשֶׁפַע, אוּן עֶר הָאט עֶס אוֹיסְגֶעטֵיילְט פַּאר אָרוּמֶעלַייט. פוּן דֶעם אַלֶעם זֶעהְט מֶען, אַז וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֵייט עֶר אַרוּם מִיט גַדְלוּת הַמּוֹחִין, אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט זָארְגְן אוּן בָּארְגְן וְכוּ' וְכוּ', נָאר עֶר הָאט שֶׁפַע אוּן עֶר גֶעבְּט נָאךְ פַּאר אַנְדֶערֶע אוֹיכֶעט.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן חוֹדֶשׁ**

## תשו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה אִיךְ הָאבּ אַז עֶס אִיז בַּיי דִיר דָא שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ', וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד), אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז מְכַבֵּד זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן זַיין וַוייבּ. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "בַּאטְרַאכְט זִיךְ וִויפִיל צַעַר אוּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים לַיידְן דִי פְרוֹיעֶן: צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵּידָה, וְהַגִידוּל, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶס קוּמְט זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען". אוּן וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן, בַּיי אוּנְז אִיז אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר הִיטְן אוּן מְקַיֵּים זַיין דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט הַאלְטְן חָשׁוּב דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט אַרוּם טַעֲנָה'ן. וָוארוּם וָואס ווִיל זִי פוּן דִיר? זָאלְסְט

אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער. אִיז וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער? בַּאטְרַאכְט זִיךְ, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער - לֵייג צוּ אַ הַאנְט אוּן הֶעלְף אִיר. אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (חוּלִין פד:), לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמָה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, שֶׁהֵן תְּלוּיִין בּוֹ וְהוּא תָּלוּי בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם.

דִי חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה כ.) רוֹצָה אִשָּׁה בְּקַב וְתִיפְלוּת מִתִּשְׁעָה קַבִּין וּפְרִישׁוּת; ווִי רַשִׁ״י זָאגְט, זִי וִויל עֶנְדֶערְשׁ בַּאגֶענִיגְן זִיךְ מִיט אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט אָבֶּער דֶער מַאן זָאל זַיין מִיט אִיר, ווִי אֵיידֶער עֶס זָאל אִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן אוּן דֶער מַאן זָאל נִישְׁט זַיין מִיט אִיר; אוּן דָאס אִיז אַ עִיקָר וָואס מֶען דַארְף ווִיסְן, וָוארוּם לֵיידֶער לֶערְנְט מֶען דָאס נִישְׁט אוֹיס פַאר חֲתָנִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס נָאכְדֶעם קִלְקוּלִים אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען בִּיז חַס וְשָׁלוֹם מֶען גֶט זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מַאן זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין אַ וַוייבּ, אוּן שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַ גוּט וָוארְט פַאר אִיר, מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ׳, וָואס דָאס בַּאהֶעפְט צְווִישְׁן זֵיי, אוּן וֶוען עֶס אִיז דָא אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אִין שְׁטוּבּ דֶעמָאלְט רוּהְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, אוּן וואוּ דִי שְׁכִינָה רוּהְט דָארְטְן אִיז דִי בְּרָכָה פַארְהַאנְדְן.

דִי חֲזַ״ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:) אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; אַ פְרוֹי דַארְף דֶער מַאן אִיר מְשַׂמֵּחַ זַיין שְׁטֶענְדִיג.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין בַּיי דִיר שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין אַ מְזַכֶּה

אֶת הָרַבִּים, ווייל דָאס אִיז דֶער הֶעכְסְטֶער זַאךְ, ווי לַאנְג לֶעבְּט אַ מֶענְטְשׁ אויף דֶער וֶועלְט? זִיבֶּעצִיג אָדֶער אַכְצִיג יָאר, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צ׳) "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה" אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין קְלוּג אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אויף זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן נִישְׁט קְרִיגְן זִיךְ וְכוּ׳, וָוארוּם דִי צַייט לוֹיפְט, אָט אִיז טָאג אָט אִיז נַאכְט, אָט אִיז אַ וָואךְ, אָט אִיז אַ חוֹדֶשׁ, אוּן אָט אִיז שׁוֹין אַ יָאר וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע הָאט גֶעזָאגְט עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן דֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי״ע אַז עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶעבְּן זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר אויף דֶער וֶועלְט אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טוּהְן אֲפִילוּ אֵיינְמָאל אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד אִיז שׁוֹין כְּדַאי.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן חוֹדֶשׁ**

## תשז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו ה׳תשע״ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**דֶער** אִינְגֶערְמַאן ... נֵרוֹ יָאִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז דוּ בִּיסְט אִים שׁוּלְדִיג אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט צוּ צָאלְן דִירָה גֶעלְט, אוּן מֶען הָאט אִים שׁוֹין גֶערוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן עֶר ווייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן וְכוּ׳, אוּן עֶר ווִיל אָפְּלָאזְן דִי אַרְבֶּעט וְכוּ׳, מִיר דַאכְט זִיךְ ס׳אִיז אַ גְרוֹיסֶער שָׁאד אִים אָפְּצוּלָאזְן, וָוארוּם עֶר טוּט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע אַרְבֶּעט

עֶר זֶעצְט אִיבֶּער דִי אַלֶע סְפָרִים אוֹיף אִידִישׁ אוּן עֶר אִיז מְסַדֵר דִי אַלֶע דְרָשׁוֹת אוֹיף קוּנְטְרֵסִים, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרוֹת, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מַמָשׁ אָן אַ קָאפּ, מֶען אִיז מְבוּהָל אוּן מְבוּלְבָּל וְכוּ' פִיל מִיט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, בִּפְרַט דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין דִי כְּלֵי מַשְׁחִית אֵיי-פוֹן, בְּלֶעקְבֶּערִי, אֵיי פַּאד, אֵיי פֶּעד, עֶנְדְרוֹאוֹיד, וָואס דָאס אַלֶעס אִיז מְחוּבָּר צוּ דִי אִינְטֶערְנֶעט מֶען זֶעהְט דָארְטְן צַאם אַלֶע שְׁמוּץ פוּן דֶער וֶועלְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָואס וֶוער ס'גֵייט אַרַיין אִין דֶעם וֶוערְט מְקוּיָים בַּיי אִים (מִשְׁלֵי ב׳) "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן, וְלֹא יַשִּׂיגוּ אוֹרְחוֹת חַיִים", וָוארוּם דָאס אִיז אַרְגֶער פוּן דְרָאגְס, וֶוער ס'וֶוערְט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין דֶעם קֶען זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט אָפְּטְשֶׁעפֶּען, אוּן דֶער מֹחַ וֶוערְט אִים פַארְטַאמְט וְכוּ', אוּן דָאס הַארְץ וֶוערְט אִים פַארְדְרֵייט מִיט פִיל קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דָאס נִיאוּף בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן לֵיידֶער זֶענֶען גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין דֶעם בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וְכוּ' וְכוּ', אוּן אֵיינְמָאל מֶען פַאלְט אִין דֶעם אַרַיין אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם, אַזוֹי וִוי אַ פְלִיג וֶוערְט גֶעכַאפְּט אִין אַ שְׁפִּינֶען וֶועבֶּעבְץ וְכוּ', אוּן וִוי נִישְׁט אִיז דָאךְ יֶעדֶער אִיד אַ חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַעַל, קוּמְט אִים שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיף אוֹיפְן גֶעדַאנְק מַחְשָׁבוֹת פוּן חֲרָטָה, אוּן אוֹיךְ שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ שׁוּלְדִיג, וִוי הָאט עֶר גֶעקֶענְט אַרַיינְפַאלְן אִין אַזַא שְׁמוּץ,

וָואס דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע קַאלְטְקֵייט אִין אִידִישְׁקֵייט, בִּיז מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ לֵייגְן תְּפִילִין, אוּן אַוודַאי אוּן אַוודַאי הֶערְט מֶען אוֹיף צוּ דַאוְוענֶען, בִּיז עֶס קוּמְט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן צוּ חִילוּל שַׁבָּת וְכוּ', אוּן מַחֲמַת דִי נְשָׁמָה צִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם שׁוֹרֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', וֶוערְן זֵיי מֶער צוּבְּרָאכְן, זוּכְן זֵיי חִיזוּק, אוּן חִיזוּק טְרֶעפְט מֶען נָאר אִין דִי סְפָרִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד אַוֶועק צוּ לָאזְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר טוּט אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן דִי פְּרֵייז וָואס דוּ צָאלְסְט אִים אִיז נִישְׁט אַזוֹיפִיל, וֶועגְן דֶעם זֶעה אִים נִישְׁט אַוֶועקְצוּלָאזְן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט הָאבְן אַ גְרוֹיסֶע הַרְחָבָה בִּזְכוּת דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַהנוּנְג ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי סְפָרִים, דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אוֹיף דֶעם עוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם עֶנְגֶענִישׁ וְכוּ', חוֹבוֹת וְכוּ' אוֹיף שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, אוּן דוּ בָּאטְשֶׁע בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין עֶנְגֶענִישׁ אוּן חוֹבוֹת פוּן אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן, וֶועט דִיר בְּוַודַאי דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן דֶער וֶועלְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן, נָאר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן חוֹדֶשׁ**

## תשח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו ה׳תשע״ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם אַרְבֶּעט, עֶר וֶועט דִיךְ בַּאצָאלְן בִּיז פְּרוּטָה אַחֲרוֹנָה, עֶר אִיז יֶעצְט גֶעעֶנְגְט אִין גֶעלְט, אוּן בְּקָרוֹב מְאֹד וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע הַרְחָבָה וֶועט עֶר דִיר אוֹיסְצָאלְן אַלְסְדִינְג, מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וּבִפְרַט דוּ וָואס דוּ בִּיסְט אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס דוּ טוּהְסְט אוֹיף מִיט דִי סְפָרִים וָואס דוּ זֶעצְט אִיבֶּער אוֹיף אִידִישׁ אוּן דוּ בִּיסְט מְסַדֵּר דִי קוּנְטְרֵסִים, דוּ בִּיסְט פָּשׁוּט מְחַיֶּה אִידְן.

אֱמֶת דֶערְוַוייל דַארְפְסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה, וָואלְט אִיךְ דִיר גֶערָאטְן דוּ זָאלְסְט גֵיין נָאךְ צְדָקָה, וָוארוּם אַזוֹי וֶוערְט גֶעפַּסְקֶנְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט מֶעג עֶר גֵיין נָאךְ צְדָקָה, אוּן דֶערְוַוייל בִּיסְטוּ מְזַכֶּה אִידְן צוּ גֶעבְּן פַאר אַ אֱמֶת׳ע צְדָקָה, פַּאר אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס זִיצְט אִין לֶערְנְט אוּן אִיז מְפַרְסֵם דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וואוּ אִיז דֶען דָא נָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע צְדָקָה ווי צוּ גֶעבְּן פַאר דִיר? אוּן דוּ בִּיסְט פָּשׁוּט מְזַכֶּה אִידְן צוּ גֶעבְּן אַ אֱמֶת׳ע צְדָקָה, וֶועגְן דֶעם שֶׁעהְם דִיךְ נִישְׁט, גֵיי נָאךְ צְדָקָה אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ גֶעבְּן חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ,

און עֶר וֶועט דיךְ בַּאגִיסְן מִיט גֶעלְט, נָאר זַיי זיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, און מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, זָאלְסְט מִשְׁתַּדֵל זַיין צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ט"ז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', אַז דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת אִיז דִי שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה, חַתְ"ךְ, אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיט שִׂמְחָה וֶוערְט נִתְרַחֵב דֶער דַעַת, מִיט שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה זיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. אַוַודַאי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען טוּהְן אַלֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ קוּמֶען צוּ שִׂמְחָה - וָואס שִׂמְחָה דָאס אִיז דִי קְדוּשָׁה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א', ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", אִיבֶּערְדֶעם זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, און דָאס וֶועט דיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת, נָאר פַארְלִיר זיךְ נִישְׁט.

**אָבֶּער** ווִיסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדָה, אַ מֶענְטְשׁ קֶען עֶנְדֶערְשׁ פַאסְטְן אַפָּאר טֶעג אָדֶער טוּהְן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת און סִיגוּפִים וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שִׂמְחָה אִיז דָאס שְׁוֶוערֶער פוּן אַלֶע תַּעֲנִיתִים און סִיגוּפִים, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) אַז מֶען מוּז זיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן גְרִינְג.

**אֵיינֶער** פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִיד וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, הָאט עֶר אִים

פְּרוּבִּירְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן, הָאט אִים יֶענֶער אִיד גֶעעְנְטְפֶערְט וָואס ווילְסְטוּ פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה וְויַאזוֹי קֶען אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ? הָאט אִים דֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעעְנְטְפֶערְט עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פוּן בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ זי"ע אַז שִׂמְחָה אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה, אִיבֶּערְדֶעם זַיי פְרֵיילִיךְ, דוּ זָאגְסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט, גֶעדֶענְק וָואס טוּט דֶען נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר פַּרְנָסָה, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַיין דֶעם לֶעבְּן קְרִיכְט אוֹיף דֶעכֶער אוּן אוֹיף גְרֶאדֶע וֶוענְט עֶר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, עֶר טוּט מְסוּכָּנְדִיגֶע אַרְבֶּעט עֶר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, אוּן דָא בֶּעהְט מֶען דִיר יֶעצְט גָארְנִישְׁט, נָאר זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שְׁטֶענְדִיג שְׁמֵייכְלֶען, אוּן דָאס קוּמְט דִיךְ אוֹיבֶעט אָן אַזוֹי שְׁוֶוער? הָאט זִיךְ דֶער אִיד זַייעֶר צוּלַאכְט, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ קֶען גְרֶאדֶע דֶעם אִיד.

זֶעה אָנְגֵיין מִיטְן אַרְבֶּעט וָוארוּם דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

אוּן גְלַייכְצַייטִיג דַארְף אִיךְ דִיךְ זָאגְן דָאס מִיר הָאט מֶען אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז צוּ בַּאצָאלְן דִירָה גֶעלְט אָדֶער מָארְדְגֶעטְשׁ פַאר'ן הוֹיז קוּמְט פַארְן עֶסְן אֲפִילוּ, וָוארוּם עֶסְן קֶען מֶען עֶסְן בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה אָדֶער בַּיי יֶעדְן בְּרִית וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אוֹיבּ מֶען צָאלְט נִישְׁט דִירָה גֶעלְט וַוארְפְט מֶען אַרוֹיס אָן רַחֲמָנוּת פוּן דִי דִירָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז אֵיינֶער הָאט אַ הוֹיז אוּן עֶר צָאלְט נִישְׁט קַיין מָארְדְגֶעטְשׁ

נֶעמְט דִי בַּאנְק צוּ דִי הויז, אִיבֶּערְדֶעם דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז צָאלְן דִירָה גֶעלְט, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט דִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן מִיט דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן גַאס.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ זַיין, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פְרֵייליךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו') אִשָּׁה בַּעְלָהּ מְשַׂמְחָהּ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵייליכְן חוֹדֶשׁ**

## תשט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ד) אַ סְגוּלָה צוּ קוּמֶען צוּ אֱמוּנָה אִיז שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פ"ט) "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" מִיט דֶעם אַלֵיין וָואס מֶען רֶעדְט אֱמוּנָה קוּמְט מֶען צוּ אֱמוּנָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קט"ז) "הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר" דִי אֱמוּנָה קוּמְט פוּן דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם שְׁטֶענְדִיג.

עֶם אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט אַ אִיד וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי זוּשָׁא, עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן נָאךְ רֶבִּי נָתָן'ס הִסְתַּלְקוּת, דִי שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים גֶערוּפְן רֶבִּי זוּשָׁא גָאט, וַוייל עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן יֶעדֶער קוֹנֶה וָואס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס קוֹיפְן הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא וֶועט דִיר דָאס גֶעבְּן, דֶער הָאט גֶעוָואלְט בְּרוֹיט, דֶער הָאט גֶעוָואלְט מִילְךְ וְכוּ' וְכוּ', אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא וֶועט דִיר דָאס גֶעבְּן, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דֶעם צוּנָאמֶען רֶבִּי זוּשָׁא גָאט, עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אִין גֶעשֶׁעפְט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ עֵין יַעֲקֹב, אוּן וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קָאסְטֶעמֶערְס אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט, אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, אוּן וֶוען עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ קָאסְטֶעמֶער, הָאט עֶר אִים עֶנְטְפַאנְגֶען מִיט אַ פְרֵיילִיכְקַייט, אוּן צוּגֶעזָאגְט זַיין פִּזְמוֹן, יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט דִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ מִיר, וָואס ווילְסְטוּ קוֹיפְן? אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט מִיט אַ גְרוֹיס תְּמִימוּת, כָאטְשֶׁע עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, וָוארוּם מִיט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע גְלִיקְן הָאט עֶר צוּפִיל פַּרְנָסָה נִישְׁט גֶעהַאט וְכוּ', עֶר הָאט גֶעווּאוֹינְט אַלֶע יָארְן אִין דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, נָאר אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אִים אַ סִיבָּה אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט פְלֵיטָה לוֹיפְן, הָאט עֶר זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין דִי שְׁטָאט טְשֶׁעהְרִין, אוּן דָארְטְן אוֹיפְגֶעפְנְט אַ

גֶעוועלְב, און מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה כַּךְ הָיָה די סִיבָּה פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעמוּזְט פְּלֵיטָה לוֹיפְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ גֶעהֶערִיג פֶּעלְץ אוֹיף ווִינְטֶער ווִי סְ'אִיז בַּאוואוּסְט דָאס אִין רוּסְלַאנְד און אוּקְרֵיינָא אִיז בִּיטֶער קַאלְט דָארְטְן, אַסַאךְ מָאל אִינְטֶער נָאל וְכוּ', אֵיינְמָאל הָאט אַ גַנָב גֶעגַנְבֶעט פוּן אַ פָּרִיץ גָאר אַ טַייעֶרְן פִּיטֶער מַאנְטְל, אַ פֶּעלְץ, און וֶוען דֶער פָּרִיץ הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶס פֶּעלְט אִים דִי פֶּעלְץ דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר טַייעֶר, הָאט עֶר שְׁנֶעל גֶעשִׁיקְט זַיינֶע בַּאדִינֶער וָואס זֵיי הָאבְן גֶערִיטְן אוֹיף פֶערְד, זֵיי זָאלְן שְׁנֶעל לוֹיפְן אוֹיף דֶעם וֶועג און כַאפְּן דֶעם גַנָב, און ווִי דֶער גַנָב הָאט בַּאמֶערְקְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַ מֶען לוֹיפְט אִים נָאךְ, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז עֶר דַארְף פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי גְנֵיבָה וָואס עֶר הָאט גֶעגַנְבֶעט וַוייל סְ'וֶועט אִים זַיין בִּיטֶער און פּוּנְקְט דֶעמָאלְט אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דֶער רֶבִּי זוּשָׁא, הָאט אִים דֶער גַנָב גֶעזָאגְט, דוּ גֵייסְט דָאךְ אָן אַ מַאנְטְל און עֶס אִיז בִּיטֶער קַאלְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מַאנְטְל, הָאט דֶער גַנָב אִים אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם פֶּעלְץ און דֶערְוַוייל אִיז עֶר פְּלֵיטָה גֶעלָאפְן, און רֶבִּי זוּשָׁא הָאט פוּן רוֹב תְּמִימוּת גֶעזָאגְט יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ פֶּעלְץ, און דֶערְוַוייל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען דִי רַייטֶערְס און זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דֶער אִיד גֵייט מִיטְן פֶּעלְץ פוּן זֵייעֶר הַאר, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעכַאפְּט און גֶעטְרָאגְן צוּ דִי פָּאלִיצֵיי אַז זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט דֶעם גַנָב, און רֶבִּי זוּשָׁא הָאט גְלַייךְ גֶעכַאפְּט וָואס

דָא טוּט זִיךְ, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אִים רַאטֶעוֶוען וָוארוּם עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג גָארְנִישְׁט, אוּן דֶערְוַוייל זֶענֶען זַיי אָנְגֶעקוּמֶען דִי צְוֵויי רַייטֶערְס צוּ אַ קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן זַיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען עֶפֶּעס טְרִינְקֶען ווִי דִי שְׁטֵייגֶער פוּן גוֹיִים, אוּן דֶעם רֶבִּי זוּשָׁא הָאבְּן זַיי צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם פֶערְד עֶר זָאל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן, אוּן דֶערְוַוייל הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל אִים רַאטֶעוֶוען פוּן דִי צָרָה וָואס אִיז אוֹיף אִים אַרוֹיפְגֶעפַאלְן, אוּן סְ'אִיז אִים גֶעלִינְגֶען זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן דִי שְׁטְרִיק וָואס מֶען הָאט אִים גֶעבִּינְדֶען אוּן עֶר אִיז פְּלֵיטָה גֶעלָאפְן, אוּן פַארְפַאר הָאט עֶר גֶעמוּזְט עוֹקֵר זַיין פוּן דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אוּן זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן זֵייעֶר וַוייט צוּ דִי שְׁטָאט טְשֶׁערִין, אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דֶעם נֵס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן עֶר פְלֶעגְט זָאגְן יָא יָא גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט, אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַלֶעם, אַז אַ אִיד גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, הִיט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְץ אוּן עֶר לֶעבְּט דוּרְךְ זַיין לֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיכֶער אוּן אַ פְרֵייליכֶער, וָוארוּם וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דֶער לֶעבְּט זִיךְ דוּרְךְ אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם תָּם (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט') אַז דֶער תָּם אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ

גֶעוֶוען, אִיז עֶר צוּם סוֹף גֶעוָוארְן אַ מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן, אוּן מִיט זַיין תְּמִימוּת הָאט עֶר דוּרְכְגֶעלֶעבְּט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, מַה שֶׁאֵין כֵּן דֶער חָכָם אִיז פַארְשְׁוַוארְצְט גֶעוָוארְן פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְ'ן סוֹף, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַלֶעם ווִי גְלִיקְלִיךְ אַ אִיד אִיז אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר רֶעדְט צוּ אִים אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס זַיין גַאנְץ הַארְץ אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן עֶר לֶעבְּט דוּרְךְ דֶעם לֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיכֶער.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט ווִי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל ווִיסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּהְן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי ווִי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן חוֹדֶשׁ**

# תשי

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ג׳ כִּסְלֵיו ה׳תשע״ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואסֶערֶע שִׂמְחָה דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מַיין הַארְץ מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ הָאסְט גֶעֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְסַיֵּים אֲפִילוּ אֵיין מָאל אַ מַסֶכְתָּא שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר בַּאקוּמְט מֶען אַ גַאנְצְן עוֹלָם פַּאר דֶעם. (תִּיקוּנֵי זוֹהַר, הַקְדָּמָה י״ד:) כָּל מַאן דְזָכֵה לַהֲלָכָה חַד יָרִית עָלְמָא חַד, כָּל שֶׁכֵּן מַאן דְזָכֵה לְמַסֶכְתָּא חֲדָא; מִכָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (חֲגִיגָה ט:) אֵינוֹ דוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה וְאֶחָד; וָוארוּם אַז מֶען עֶנְדִיג אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל אִיז מֶען מְבַטֵל דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין אִים, וָואס זַיין רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז סִ׳יוֹם מַ׳סֶכֶת אֵ׳ין לַ׳עֲשׂוֹת, עֶר לָאזְט נִישְׁט מְסַיֵּים זַיין אַ מַסֶכְתָּא, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל אִיז מֶען מְבַטֵל זַיין טוּמְאָה אִינְגַאנְצְן פוּן אִים.

**נֶעם** זִיךְ צוּ אַ נַייעֶ מַסֶכְתָּא, אַז דוּ קֶענְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען מַסֶכֶת בְּרָכוֹת הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וֶועט

דָאס דִיר גוּט צוּנִיץ קוּמֶען, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאךְ אַ מְסֶכְתָּא, אַזוֹי נָאךְ אַפָּאר יָאר וֶועסְטוּ קֶענֶען מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוּן מֶען קֶען דָאס בַּאוַוייזְן אוֹיבּ מֶען הָאט אַ גוּטְן רָצוֹן.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, דוּ זָאלְסְט נָאר קוּקְן וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר דִיר, וָוארוּם וָואס בְּלַייבְּט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר וָואס עֶר לֶערְנְט. בִּפְרַט לִימּוּד גְמָרָא, וָואס דָאס אִיז מְבַטֵל דֶעם סִטְרָא אַחֲרָא אִינְגַאנְצְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רי"ד) דָאס דִי קְלִיפָּה וָואס עֶס מַאכְט זִינְדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עַל שֵׁם יְלָלָה, וָואס אִיר נָאמֶען בַּאטְרֶעפְט תַּלְמוּ"ד, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מְבַטֵל דִי קְלִיפָּה.

זֶעה צוּ פַארְפְלַייסִיגְן זִיךְ, אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען נָאכְאַמָאל מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אוּן נָאכְאַמָאל מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל וֶועט דִיר גוּט זַיין, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט וָואס עֶר שְׁפֶּעט דִיר.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# תשיא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ג' כִּסְלֵיו ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** הָאט מִיר גֶעבַּאפְּט אַ שׁוֹידֶער צוּ הֶערְן דָאס אַ יוּנְגֶע מְלַמֵד הָאט אָנְגֶעפְּרַאסְקֶעט דַיין יוּנְגל וָואס אִיז אַלְט אִינְגַאנְצְן זִיבְּן אוּן אַהַאלְבּ יָאר אִין פָּנִים מִיט דִי גְרֶעסְטֶע רְצִיחָה וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ מֵיין אַז דוּ דַארְפְסְט רֶעדְן מִיטְן מְנַהֵל פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מַאכְן פוּן דֶעם אַ גֶערוּדֶער.

**גֵיין** צוּ דִי פָּאלִיצַיי הַאלְט אִיךְ נִישְׁט פוּן דֶעם, וַוייל דָאס אִיז מְסִירָה אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג.

**אָבֶּער** ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַ מְלַמֵד וָואס עֶר שְׁלָאגְט מִיט אַזַא רְצִיחָה אִיז עֶר אַ פָּשׁוּטֶע רוֹצֵחַ אוּן עֶר טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן, בִּכְלַל ווָאוּ הֶערְט מֶען דָאס אִין דִי עוֹלָם הַחִינוּךְ אַז אַ מְלַמֵד זָאל שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, וּבִפְרַט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיוּת מִיט אַזַא רְצִיחָה.

**אַזַא** מְלַמֵד דַארְף גֵיין נָאר אַרְבֶּעטְן אִין סֶענִיטֶעישְׁן, אוֹיסְלֵיידִיגְן דִי מִיסְט בְּלֶעכְן, (דִי גַארְבִּיטְ"שׁ קֶענְ"ס) דָאס קֶען עֶר וַוארְפְן אַרַיין אִין טְרָאק מִיט דִי גְרֶעסְטֶע רְצִיחָה, אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ זַיין קַיין מְלַמֵד.

**אַ** מְלַמֵד דַארְף זַיין גֶעדוּלְדִיג אוּן עֶר טָאר נִישְׁט הֵייבְּן קַיין הֶענְט אוֹיף קִינְדֶער, אוּן דֶער מְלַמֵד וָואס שְׁלָאגְט קִינְדֶער וּבִפְרַט מִיט רְצִיחָה, אִיז אַ פָּשׁוּטֶער רוֹצֵחַ, אוּן מֶען דַארְף אִים מְפַרְסֵם זַיין אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט זִיךְ אָפְּזָאגְן פוּן מְלוּמְדוּת, עֶס אִיז אַ פַארְבְּרֶעכְן צוּ הַאלְטְן אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אַ מְלַמֵד וָואס שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער מִיט אַזַא רְצִיחָה, בִּפְרַט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוֹיסְפְּרַאסְקֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳, וואוּ הָאט מֶען דָאס גֶעהֶערְט?

**זָאלְסְט** נִישְׁט לָאזְן צוּרוּהַ דִי מְנַהֵל, אוּן דוּ זָאלְסְט אִים סְטְרַאשְׁן אַז דוּ וֶועסְט אִים גֵיין מֶעלְדְן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן דֶעם מְלַמֵד, אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט נִישְׁט גֶעבִּיטְן וֶוערְן, לְדַעְתִּי מֶעג מֶען פוֹטוֹגְרַאפִירְן דֶעם מְלַמֵד אוּן צוּשְׁפְּרֵייטְן זַיין בִּילְד אַז עֶר אִיז אַ רוֹצֵחַ.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז שִׁיקְן אֱמֶת׳ע גֶעטְרַייעֶ מְלַמְדִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער, אוּן זֵיי לָאזְן זִיךְ אַרָאפּ צוּ קִינְדֶער, אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן קִינְדֶער, אוּן זֵיי גֶעבְּן אַרַיין אַ חֵשֶׁק אִין דִי קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוֹות.

**הַיינְט** וַוייזְט זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיס דָאס רוֹב רוּבָּם פוּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע מְלַמְדִים רוֹצְחִים וָואס זֵיי הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁלָאגְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע רְצִיחָה, אַ מְלַמֵד וָואס שְׁלָאגְט קִינְדֶער קוּמְט דָאס פוּן נֶערְוֶועז׳קֵייט, אוּן אוֹיבּ עֶר אִיז נֶערְוֶועז זָאל עֶר זִיךְ קְלַאפְּן דֶעם קָאפּ אִין וַואנְט, אָבֶּער

נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ גֶעוואַלְדִיגֶע עַוְולָה פוּן אַ מוֹסָד וָואס הַאלְט אַזַא מְלַמֵד.

**עֶם** אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אַקֶעגְן דִי וָואס זֵיי שְׁלָאגְן קִינְדֶער.

**עֶם** אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַמָאל פְּלֶעגְן זִיךְ דְרֵייעֶן אָרִימֶעלַייט פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, אוּן שְׁלָאפְן אִין הֶקְדֶשׁ'ן, אוּן שַׁבָּת פְּלֶעגְן זֵיי קוּמֶען אִין שוּהְל, אוּן יֶעדֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אַריינְגֶענוּמֶען אַ אָרֶעמַאן צוּ זִיךְ עֶסְן אוֹיף שַׁבָּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְּלֶעגְט זִיךְ פִירְן עֶר הָאט גֶעוואַרְט בִּיז אַלֶע הָאבְּן שוֹין גֶענוּמֶען אָרִימֶעלַייט, אוּן אַז סְ'אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ אָרֶעמַאן אַ בָּזוּי וְכוּ' אַ קְרֶעצִיגֶער וְכוּ' וָואס קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען, הָאט עֶר אַריינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אוֹיף שַׁבָּת, אֵיינְמָאל הָאט עֶר אַריינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אַ אָרֶעמַאן זֵייעֶר קְרֶעצִיג וְכוּ', אוּן עֶקְלְדִיג וְכוּ', הָאט זַיין זוּהְן ר' יִצְחָק נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן בַּיים טִישׁ, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גִיעֶקְלְט פוּן אִים, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעבְּן אַ פְּרַאסְק, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט אִים פַארְצֵיילְט דֶעם סִיפּוּר, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים, "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען"? וִוי דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַ וואוּנְדֶער וִוי קוּמְט דָאס אַז מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, אוּן דָאס אִיז אַ טַאטֶע פַאר אַ זוּהְן, מִכָּל שֶׁכֵּן אַ מְלַמֵד, אַ

אִינְגֶערְמַאן, אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער, וָואס אִיז בְּוַודַאי פָּגוּם אִין פְּגַם הַבְּרִית, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמ"ט) אַז אֵיינֶער אִיז אַ כַּעְסָן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ פָּגוּם מִיט דֶעם חֵטְא פוּן מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, דֶערְפַאר אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט! אוּן עֶר שְׁלָאגְט נָאךְ קִינְדֶער אוֹיכֶעט?

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן אָרְדֶענוּנג, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן דִי קִינְדֶער פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשיב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ג' כִּסְלֵיו ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פַאר קֵיין שׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זי"ע הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה פַאר זַיין זוּהְן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען פוּנְף יָאר, זָאלְסְט פַאר קֵיינֶעם קֵיין מוֹרָא נִישְׁט הָאבְּן נָאר פַאר גָאט בָּרוּךְ הוּא אַלֵיין, אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר אִים בֶּעטְן, אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז זַיין נְשָׁמָה אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען,

אוּן מִיט דִי הַקְדָמָה אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע אוֹיפְגֶעוָואקְסְן צוּ וָואס עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן.

**דָאס** אִיז נִישְׁט סְתַם אַ סִיפּוּר, נָאר מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דֶעם, אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרַע אוּן קַיין רְכִילוּת אוּן קַיין לֵיצָנוּת, נָאר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**שְׁטַארְק** זִיךְ וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּהְן, וּבִפְרַט אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִים אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר אַלֶע פְּחָדִים, דוּ וֶועסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיָה שֶׁבָּעוֹלָם, אוּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשי"ג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיִשְׁלַח ז' כִּסְלֵיו ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן כְּדֵי צוּ רַאטֶעוֶועןְ בְּנֵי הַנְּעוּרִים הַיינְטִיגֶע צֵייטְן, אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, נָאר מְקַרֵב זַיין אוּן זֵיי

שְׁטַארְקְן, און אויב זֵיי זֶענֶען גָאר שְׁוַואךְ אִין לֶערְנֶען וְכוּ' דַארְף מֶען זֵיי נִישְׁט צְווינְגֶען לֶערְנֶען שְׁוֶוערֶע לִימוּדִים, נָאר דֶער עִיקָר לֶערְנֶען מִיט זֵיי הֲלָכוֹת וְויאַזוֹי זִיךְ פִּירְן אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, און אויךְ לֶערְנֶען מִיט זֵיי עֵין יַעֲקֹב וָואס דָאס אִיז אַגַדְתָּא פוּן דִי חֲזַ"ל, און מַסְבִּיר זַיין אויף אַ גְרינְגֶען אוֹפָן, גֶעפְלָאכְטְן מִיט סִיפּוּרֵי צַדִיקִים, און דֶער עִיקָר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן אַ תַּלְמִיד, נָאר אויפְבּוֹיעֶן, און טְרֶעפְן דִי גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס דִי הֶפְקֵירוּת אִיז אַזוֹי גְרוֹיס וְכוּ' וְכוּ', אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ פוּן זָאגְן מוּסָר תַּלְמִידִים, נָאר זֵיי שְׁטַארְקְן און דֶערְנֶענְטֶערְן זֵייעֶר הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און אַלְץ מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, עֶס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע אַחֲרָיוּת אויף רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת און אויף מְחַנְכוֹת וְויאַזוֹי זִיךְ פִּירְן מִיט תַּלְמִידִים אָדֶער תַּלְמִידוֹת, דִי וֶועלְט אִיז יֶעצְט הֶפְקֵר רַחֲמָנָא לִיצְלָן, און דִי יוּגְנְט צִיט נָאר צוּם שְׁלֶעכְטְס וְכוּ', דַארְף מֶען זַיין אַ חָכָם און נָאר מְקָרֵב זַיין און זֵיי אַרוֹיסְוַוייזְן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס עֶס פַארְשְׁטֵייט זֵיי, און אַזוֹי גֶעווינְט מֶען זֵייעֶר הַארְץ. און דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן מִיט קַיין גֶעלְט. וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י"א.) כָּל הַמְקַיֵים נֶפֶשׁ אַחַת מִיִשְׂרָאֵל כְּאִילוּ קִיֵים עוֹלָם מָלֵא; הַלְוַואי וָואלְטְן מְלַמְדִים זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט מֶער רַחֲמָנוּת מִיט דִי תַּלְמִידִים, נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אויף זֵיי, און נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן זֵיי, און מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט שְׁלָאגְן זֵיי, דֶער עִיקָר אִיז אויפְצוּבּוֹיעֶן דָאס זֵיי

זָאלְן זִיךְ שְׁפִּירְן דֶערְוַואקְסְן, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען זֵיי צוּגְרֵייטְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן פִירְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

**אַ** רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָדֶער אַ מְחַנֶכֶת מִיט גְרוֹיסֶע בָּחוּרִים אָדֶער גְרוֹיסֶע מֵיידְלֶעךְ, דַארְפְן ווִיסְן אַז עֶס לִיגְט אוֹיף זֵיי אַ גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת, וָוארוּם דִי צוּקוּנְפְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת אִיז תָּלוּי אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, אָדֶער מֶען קֶען זֵיי גוּט אוֹיפְבּוֹיעֶן, אָדֶער חָלִילָה וְחַס מֶען קֶען זֵיי צוּבְּרֶעכְן אִינְגַאנְצְן, גְרוֹיסֶע בָּחוּרִים אוּן גְרוֹיסֶע מֵיידְלֶעךְ דַארְף מֶען זֶעהְן נָאר אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אוֹיסְרִימֶען וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי בַּאקוּמֶען זֵיי אַ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען זֵיי דַארְפְן חֲתוּנָה הָאבְּן זֶענֶען זֵיי שׁוֹין צוּגֶעגְרֵייט צוּ דֶעם.

**דֶער** עִיקָר אִיז לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידִים אָדֶער מִיט תַּלְמִידוֹת הַלָכוֹתְ'ער זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִיאַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן, אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי מִדוֹת טוֹבוֹת ווִיאַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּקוּמֶען מִיט מֶענְטְשְׁן, וָוארוּם דָאס אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז צוּגֶעגְרֵייט אַ "סֵפֶר הַמִדוֹת" וָוארוּם דִי מִדוֹת אִיז דֶער עִיקָר פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָדֶער אַ מְחַנֶכֶת וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וֶועט עֶר אוֹיפְשְׁטֶעלְן הֵיילִיגֶע שְׁטוּבֶּער, אַז וואוּיל אִיז זֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תשיד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח ז׳ כִּסְלֵיו ה׳תשע״ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ הָאסְט גֶעפָּאלְגְט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין דִי שְׁטוּבּ, און וָואס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס רָצוֹן אִיז, ווִי סְ׳וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רס״ד) אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז מְכַבֵּד זַיין און טַייעֶר הַאלְטְן זַיין וַוייבּ. און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, ״בַּאטְרַאכְט זִיךְ ווִיפִיל צַעַר און גְרוֹיסֶע יִסוּרִים לַיידְן דִי פְרוֹיעֶן: צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵּידָה, וְהַגִּידוּל, וְכוּ׳, וְכוּ׳, און עֶס קוּמְט זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוּת הָאבְּן, און זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען״. און ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן, בַּיי אוּנְז אִיז אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר הִיטְן און מְקַיֵּים זַיין דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי׳ן, זָאלְסְט הַאלְטְן חָשׁוּב דַיין וַוייבּ, און זָאלְסְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט אַרוּם טַעְנֶה׳ן. וָוארוּם וָואס ווִיל זִי פוּן דִיר? זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער. אִיז וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער? בַּאטְרַאכְט זִיךְ, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער - לֵייג צוּ אַ הַאנְט און הֶעלְף אִיר. און דִי חֲזַ״ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (חוּלִין פד:), לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמָה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, שֶׁהֵן תְּלוּיִין בּוֹ וְהוּא תָּלוּי

בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם; זָאלְסְט וויסְן דָאס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִיז נִישְׁט סְתָּם גֶערֶעדְט וְכוּ', נָאר דָאס אִיז אַ הַדְרָכָה אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

וָוען אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, אִיז אִים דֶער מֹחַ רֵיין פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, אוּן עֶר קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען מִיט אַ רֵיינֶעם מוֹחַ, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת.

וָוען רֶבִּי נָתָן זי"ע אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעהַאט אַסַאךְ צָרוֹת פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן פוּן זַיין וַוייבּ וְכוּ', אוּן זַיינֶע גוּטֶע חֲבֵרִים הָאבְּן אִים גֶ'עֵצָה'ט אַז עֶר זָאל אִיר גֶטְ'ן וְכוּ', אוּן כָאטְשׁ עֶר הָאט גֶעלִיטְן וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן הָאט עֶר בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ גֶטְ'ן, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס הָאט אִים אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אַזַא גֶעדַאנְק נִישְׁט גֶטְ'ן זִיךְ, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז כְּדֵי מְקַבֵּל צוּ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דַעַת מוּז מֶען הָאבְּן אַ וַוייבּ, אוּן דֶער עִיקָר שָׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹי הָאט מֶען אַ כְּלִי מְקַבֵּל צוּ זַיין דֶעם לֶעבְּט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ אִינְגֶערְמַאן זֶעהְן אַלֶעם מְוַותֵּר צוּ זַיין, דֶער עִיקָר אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אִים אוּן זַיין וַוייבּ, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן הַצְלָחָה זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

זֶעה זיךְ צוּ מַאכְן אַ קְבִיעוּת לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אֲרִיכוּת יָמִים. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה, אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְן גְרִינְג פַּרְנָסָה, וְעַל כּוּלָם זֶעה זיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשטו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיִשְׁלַח ז' כִּסְלֵיו ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

עֶם אִיז שׁוֹין אַ וָואךְ וָואס אִיז אַרוֹיס אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה אִין דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע מְדִינָה פוּן דִי עֵרֶב רַב דָאס מֶען טָאר נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְן פַאר דִי אַכְצְן יָאר, וִוי בַּאוואוּסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְן וָואס יוּנְגֶער, כְּדֵי אָפְּגֶעהִיטְן צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת

און חַטֹּאות נְעוּרִים וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טָאג אָדֶער אַ וָואךְ וָואס עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין נַייֶע גְזֵירוֹת אַקֶעגְן אִידִישְׁקֵייט פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים וָואס זֵיי זֶענֶען פוּן דִי עֵרֶב רַב, וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט כַּמָּה פְּעָמִים אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז אֵיידֶער עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה וֶועט זִיךְ דִי עֵרֶב רַב צוּשְׁפְּרֵייטְן און גוֹזֵר זַיין גְזֵירוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִיז אַז אֵייגֶענֶע וְכוּ' וְכוּ' הָאבְּן אַ שַׁייִכוּת צוּ דִי טוּמְאָה, און זֵיי חַבֶר'ן זִיךְ מִיט דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים.

דִי גְזֵירָה פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן שְׁפֶּעט, אִיז אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, וָואס מֶען כַאפְּט גָארְנִישְׁט וָואס עֶס לִיגְט אוּנְטֶער דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און עֶס זָאל שׁוֹין נִתְקַיֵים וֶוערְן "כִּי תַעֲבִיר מֶמְשֶׁלֶת זָדוֹן מִן הָאָרֶץ", כְּלַל יִשְׂרָאֵל לַיידְן שׁוֹין פוּן זֵיי פִינְף און זֶעכְצִיג יָאר מִיט דִי אַרְגְסְטֶע גְזֵירוֹת, און אַלֶעס בְּשֵׁם 'יִשְׂרָאֵל', אִיבֶּערְדֶעם וֶוען מֶען בֶּעהְט דְרֵיי מָאל אִין טָאג אִין דִי תְּפִלָּה 'וְכָל אוֹיְבֵי עַמְּךָ מְהֵרָה יִכָּרֵתוּ' דַארְף מֶען אִינְזִינֶען הָאבְּן אוֹיף דִיעֶ רְשָׁעִים, און אוֹיךְ וֶוען מֶען זָאגְט בַּיינַאכְט תִּיקּוּן חֲצוֹת, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּהְן און עֶס זָאל בָּטֵל וֶוערְן דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, און מִיר זָאלְן דֶערְלֶעבְּן צוּ זֶעהְן שׁוֹין דִי מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

# תשטז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב ט"ו כִּסְלֵיו ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**זֶעה** צוּ טוּהְן אַלֶעס וָואס אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ דְרִיקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוֹיף אִידִישׁ, וָוארוּם דָאס טוּט אוֹיף וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, לֵידֶער גֵייט אִיבֶּער הַיינְטִיגֶע צַייטְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים רַאטֶעוֶוען, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י"א.) כָּל הַמְקַיֵּים נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא; אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן סְ'אִיז נִישְׁט נָאר אֵיין נֶפֶשׁ, נָאר טוֹיזֶענְטֶער נְפָשׁוֹת, וִוי דִי רַמְבַּ"ם זָאגְט אַז אַ זַאךְ וָואס מֶען דְרִיקְט אִיז אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעדַרְשֶׁנְ'ט פַאר צֶען טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן.

**דֶער** טְשֶׁערִינֶער רַב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן זי"ע דָאס עֶר הָאט אַסַאךְ אַרַיינְגֶעטְרַאכְט וִויאַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הֶאָרָה אוֹיף לְדוֹרוֹת וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי הַחְלָטָה צוּ שְׁרַייבְּן סְפָרִים גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי הַקְדָמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מֶען זֶעהְט בְּחוּשׁ וֶוען נִישְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן וְכוּ', וִוי וָואלְטְן מִיר גֶעווּיסְט פוּן אַזַא גְרוֹיסְן אוּן פָארְכְטִיגְן רֶבִּי'ן? אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זַיי מְסַדֵּר אַלֶע בְּרִיוו, אוּן גְרֵייט דָאס אָן צוּם דְרִיק, וָוארוּם דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, לֵיידֶער פַאלְן אַוֶועק יֶעדְן טָאג בְּנֵי הַנְעוּרִים טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע

נְשָׁמוֹת פון אִידִישְׁקֵייט, וָוארום זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל רֶעדְן מִיט זֵיי אַ גוּט וָוארְט, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן דִי צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַּאלֶענֶע נְשָׁמוֹת וֶוערְן לֵיידֶער פַּארְלוֹירְן וְכוּ', אוּן נָאר דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים בְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַרַיין אַ הָאפְּֿענוּנְג אוּן אַ שְׁטַארְקֵייט צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם טוּה אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נִישְׁט אָפְּלָאזְן אֲפִילוּ אֵיין טָאג מְסַדֵר זַיין סַיי דִי בְּרִיוו אוּן סַיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן דִי אַלֶע לֵיל שִׁישִׁי'ס, אוּן דֶער זְכוּת זָאל דִיר מִיט דַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער בַּיישְׁטֵיין עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן, אוּן עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט פֶעלְן קַיין פַּרְנָסָה, זָאלְסְט גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן מִיט אַלֶדֶעם גוּטְס.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשיז

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב ט"ו כִּסְלֵיו ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר פְּלַייסִיג, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, נָאר דָאס וֶועט בְּלַייבְּן

פַארְן מֶענְטְשׁ, ווי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) אֵין מְלַוִין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָלִיוֹת, אֶלָא תוֹרָה וּמִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד; אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ גְרוֹיסֶער נַאר אוּן אַ טִיפֵּשׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער עִיקָר אִיז גֶעלְט אוּן ווידֶער גֶעלְט אוּן וַוייטֶער גֶעלְט, וְכוּ׳, וְכוּ׳, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט דָאס אוֹיף דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (תְּהִלִים י״ט) ״הַנֶחֱמָדִים מִזָהָב וּמִפַּז רָב וּמְתוּקִים מִדְבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים״ ס׳אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערְס ווי לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, עַד כְּדֵי כַּךְ דָאס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מַסֶכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף כא.) אָמַר לָהֶן הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִכֵּיוָן שֶׁקִיבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן תּוֹרָה אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲווֹנוֹת, אִיבֶּערְדֶעם פְרַיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דָאס סוֹף כָּל סוֹף הָאסְטוּ אִין זִיךְ אַרַיינְגֶענוּמֶען דֶעם לִימוּד וָואס אִיךְ רֶעד שְׁטֶענְדִיג פוּן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן דֶעם רֶבִּי׳ן, אוּן כָאטְשֶׁע ס׳אִיז דָא טִיפְּשִׁים וָואס זֵיי זָאגְן אַז דֶער פְּשַׁט אִיז נִישְׁט אַזוֹי וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶער וָואס דַארְף מֶען זִיךְ גֵיין מִתְוַוכֵּחַ זַיין מִיט זֵיי, עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם ״הַמִתְנַבֵּל עִם מְנוּבָל נַעֲשֶׂה כָּמוֹהוּ״ סוֹף כָּל סוֹף וָואס בְּלַייבְּט אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶר אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י מִיט תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, עֶס קוּמְט פְרַייטָאג הָאט עֶר שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען עֶר הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען דִי סֶדְרָה, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר

פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס דֶערְוואַרֶעמְט דִי הַארְץ, וָוארוּם מִשְׁנָ״ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ״ה, סְאִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו אוּן זְכוּת פוּן לִימוּד מִשְׁנַיוֹת גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל׳) הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָ״ה, אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, וֶוען אַ אִיד זָאל ווִיסְן וָואס הֵייסְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דִי מִשְׁנַיוֹת, עֶר וָואלְט אַרַיינְגֶעכַאפְּט נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, אִיז וָואס דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ זַיין מִיט יֶעדְן טִיפֵּשׁ, מִיט יֶעדְן אֵייזְל וְכוּ׳ וְכוּ׳, פַארְוָואס רֶעד אִיךְ אַזָא שְׁפְּרַאךְ? ווַייל סְ׳טוּט מִיךְ זֵייעֶר וֵויי, עֶס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדְן טָאג נַייעֶ צַייטוּנְגֶען ווִי שְׁוֶועמְלֶעךְ נָאךְ אַ רֶעגְן וְכוּ׳, אוּן אַלֶעס קוּקְט מֶען אוּן מֶען לֵיינְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאר דֶעם מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט מֶען נִישְׁט אִין דִי הֶענְט אַרַיין, בְּשַׁעַת דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַלְאַךְ אַ מַגִּיד מִן הַשָּׁמַיִם וָואס הָאט אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, נָאר דוּרְךְ לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, אוּן בַּיים סוֹף זָאגְט מֶען אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, לֵיינֶען אַלֶע טְרֵייף פָּסוּל מִיט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַלֶע זְשׁוּרְנַאלְן בָּאקְס וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַלֶע פִּיקְטְשֶׁערְלֶעךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס הָאט מֶען צַייט, אוּן אוֹיף זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, זָאגְט מֶען דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט. עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה, אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אֵיין דַף גְּמָרָא,

דָאס אִיז דָאךְ אִים מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַרָאפּ דִי פִיר מַלְאָכִים וָואס זֵיי הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס זֵייעֶר רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז גְ׳מָ׳רָ׳א׳ גַ׳בְרִיאֵל מִ׳יכָאֵל רְ׳פָאֵל א׳וּרִיאֵל, וֶוען אַ אִיד זָאל ווִיסְן וָואס הֵייסְט אַרוֹיסְכַאפְּן יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא, וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעהַאזֶרְט דֶעם דַף כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים, אוּן עֶר וָואלְט גֶעוֶוען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ, אוּן לֵיידֶער מַאכְט מֶען לֵיצָנוּת פוּן דֶעם. אוּן וְעַל כּוּלָם לֶערְנֶען הֲלָכָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כ״ט) אַז אַ יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען סוֹף כָּל סוֹף אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען

בִּין אִיךְ דִיר זֵייעֶר מְקַנֵּא, אִיךְ רֶעד שׁוֹין פוּן דֶעם קָרוֹב צוּ פוּפְצִיג יָאר, אוּן דֶער וָואס הָאט גֶעפָאלְגְט וואוּיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוּיל וֶועט אִים זַיין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אוּן דִי אַלֶע טִיפְּשִׁים וַחֲמוֹרִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט פוּן דֶעם לֵיצָנוּת, הָאבְּן זֵיי דוּרְכְגֶעלֶעבְּט זֵייעֶר לֶעבְּן, אוּן זֵיי זֶענֶען אַוֶועק, אוּן וָואס גֶעמֶען זֵיי מִיט מִיט זִיךְ? אַ גַאנְצְן קַאסְטְן מִיט צֵייטוּנְגֶען אוּן זְשׁוּרְנַאלֶען וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֵיינְט בְּזֶה הָעוֹלָם הָעוֹבֵר וְכוּ׳, עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט ״וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע, דוּ בִּיסְט נִישְׁט וֶוערְד מֶען זָאל אִין דִיר אַ קְרֶעכְץ גֶעבְּן״ מֶען זֶעהְט מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוּם מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, מִיט קַטְנוּת הַמּוֹחִין וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶער הָאט גֶעלְט וְכוּ׳, דֶער הָאט

כָּבוֹד וְכוּ', דֶער הָאט הַייזֶער וְכוּ', דֶער הָאט פַארְבְּרִיקְן וְכוּ', דֶער הָאט מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט וְכוּ', אֵיי דוּ נַאר אֵיינֶער, וֶוען דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואלְסְטוּ דָאךְ גֶעזֶעהְן אַז דוּ הָאסְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, וָואס דַארְפְסְטוּ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. נָאר גֵיי רֶעד מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל. אִיבֶּערְדֶעם פְרַייא אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן דוּ לֶערְנְסְט. זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן אוּן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין מְסַיֵים צוּ זַיין שַׁ"ס בַּ'בְלִי יְ'רוּשַׁלְמִי אוּן תּ'וֹסֶפְתָּא, וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בַּ'יְ'תְ' דָאס אִיז אַ אֵייבִּיגֶער נִצְחִיוּת'דִיגֶער הוֹיז, אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן אִיז מְסַיֵים שַׁ"ס אֵיינְמָאל נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דָאס בְּלַייבְּט אִים, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי אַלֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וָואס עֶר אִיז מַזְכִּיר זֵייעֶר נֶעמֶען בִּשְׁעַת'ן לֶערְנֶען, קוּמֶען אִים אַקֶעגְן וֶוען זַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי וֶועלְט, מִמֵילָא וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין מִיט אַן אַנְדֶערְן?

**זָאלְסְט** זֶעהְן צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט אַ מִנְיָן דַייקָא אוּן פוּן סִידוּר, וָוארוּם אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (אֶסְתֵּר ט) "אָמַר עִם הַסֵפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט אִין סִידוּר וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, עֶר דַארְף צוּקְלֶעבְּן דֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, דֶעמָאלְט קֶען עֶר דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ שְׁנֶעל, אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר זָאגְט, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט וָואס עֶר רֶעדְט. וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זֶעהְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס

הַאַרְץ פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, דָאס אַ אִיד קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַן אֱמֶתְן גוּטְן פְרֵיינְד, אוּן וֶוער זָאגְט אַז מֶען לָאזְט טְרֶערְן פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) אַף עַל פִּי שֶׁשַּׁעֲרֵי תְּפִלָּה נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי דְמָעוֹת לֹא נִנְעָלוּ; וָוארוּם וֶוען אַ אִיד כַאפְּט זִיךְ אִין וָואס פַאר אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע עֶר לִיגְט, אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן שְׁרֵייט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע, אִיךְ וִויל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען דַיין תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אִיךְ וִויל מְקַיֵּים זַיין דַיינֶע מִצְווֹת וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר אִיז מַאֲרִיךְ בְּדִיבּוּר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בֶּענְקֶענִישׁ אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תְּשׁוּקָה וְכוּ' וְכוּ', דָאס קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי דִי נְשָׁמָה זַיינֶער וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אוֹר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן עֶר שְׁפִּירְט שְׁטֶענְדִיג נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס אִיז אַ תַּעֲנוּג מֶער פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים, וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס הֵייסְט אֵיין מִינוּט זַיין דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל נִישְׁט זֶעהְן אוּן עֶר זָאל נִישְׁט הֶערְן אוּן עֶר זָאל גָארְנִישְׁט שְׁפִּירְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, עֶס וֶועט דִיךְ לַייכְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ לַייכְטְן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## תשיח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב ט״ז כִּסְלָיו ה׳תשע״ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטְן אוּן דַיין מַאמֶען, וַוייל מִצְוַות כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי) חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ; דָאס אִיז דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוָה, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן אוֹיךְ (קִידּוּשִׁין ל:) שְׁלשָׁה שׁוּתְּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאָבִיו, וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי; אִיבֶּערְדֶעם שַׁאץ נִישְׁט פַּאר גְרִינְג דִי מִצְוָה, אַדְרַבָּה וַוייל דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְפְּסְטוּ מֶער מְכַבֵּד זַיין דֶעם טַאטְן אוּן מַאמֶען, אוּן דָאס וָואס זַיי לָאזְן דִיר נִישְׁט קוּמֶען צוּ אוּנְזֶערֶע לַייט בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידִים וְכוּ' אִיז

וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס עֶס טוּהְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב וְכוּ׳, ווי אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וֶוערְט עֶר מֶער עֶרְנְסְטֶ׳ער אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אוּן פְּלַייס, אוּן דַאוֶוענְט עֶרְלִיךְ, אוּן פִּירְט זִיךְ גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיף, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, "וֶוען קֵיסָרִין אוּן מְלָכִים וָואלְטְן גֶעוִויסְט וִוי אַזוֹי אִיךְ לֶערְן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרע קִינְדֶער צוּ מִיר לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ" וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן גֶעוֶוען דֶער עִיקָר דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אַייְנְקוֹיפְן זִיךְ מִדוֹת טוֹבוֹת, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "סֵפֶר הַמִּדוֹת" וָואס דָאס אִיז אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ פַאר מִדוֹת, אֶמֶת דָאס וֶועגְן דִי בְּחִירָה אוּן נִסָיוֹן צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט אַלֶע סָארְטְן מְשׁוּגָעִים אוּן מְטוּרָפִּים וְכוּ׳ וְכוּ׳, וִוי צוּם בַּיישְׁפִּיל דִי וָואס זֵיי טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אוּן זֵיי זִינְגֶען נַ׳ נַח׳ וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם דָאס מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִתְרַחֵק וֶוערְן פוּן בְּרֶסְלֶבֶ׳ר חֲסִידִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ע׳) אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דוּרְךְ זֵייעֶרע מַעֲשִׂים אוּן זֵייעֶרע דִיבּוּרִים זֶענֶען זֵיי גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִתְרַחֵק וֶוערְן פוּן צַדִיק, אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדוֹת אוֹת צַדִיק סִימָן ס"ט) מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַדִיק צָרִיךְ לִשְׁמוֹר אֶת הַצַדִיק שֶׁלֹא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע, אוּן דִי מְשׁוּגָעִים אוּן מְטוּרָפִּים זֶענֶען גוֹרֵם אַ שֵׁם רַע אוֹיפְן צַדִיק, אִיבֶּערְדֶעם אִיז נִישְׁט קֵיין וואוּנְדֶער אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן

וָואס זֵיי טוּעֶן דִיךְ שְׁטֶערְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּ בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידִים, אוּן אַזוֹי גֶעשֶׁעהְט אוֹיךְ פוּן אַנְדֶערֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ', וָוארוּם קַיין שׁוּם טַאטֶע מַאמֶע וִויל נִישְׁט אַז זַיין זוּהְן זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן מְשׁוּגָעִים, אוּן זֵיי זֶענֶען אַוודַאי אוּן אַוודַאי גֶערֶעכְט וְכוּ', אָבֶער אוֹיבּ זֵיי וָואלְטְן גֶעוְויסְט וָואס הֵייסְט אֶמֶת'ע בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידִים, דָאס זֵייעֶר גַאנְצֶער שְׁטְרֶעבּוּנְג אִין לֶעבְּן אִיז נָאר גָאט בָּרוּךְ הוּא צוּ דִינֶען, אוּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּהַתְמָדָה רַבָּה שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אִין מִשְׁנַיוֹת, אִין גְמָרָא, אוּן אִין ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן ע"ו) דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד', אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן זֵייעֶר עֶרְלִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְטְס וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, נָאר זֵיי וָואלְטְן דֶעם זוּהְן גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיט אַ גָאלְדֶענֶעם טַאץ. אִיבֶּערְדֶעם זֶעה מְכַבֵּד צוּ זַיין טַאטֶען אוּן מַאמֶען, אוּן זָאלְסְט זֵיי נִישְׁט מְצַעֵר זַיין, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זָאגְט (שְׁמוֹת כ' י"ב) "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר הַוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ".

מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן אַ טַאטֶע'ן אָדֶער אַ מַאמֶע'ן מִיט עַזוּת, מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ, אוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג, וֶועט מֶען מִיט דֶעם טוּהְן אַ גְרוֹיסְן נַחַת פַאר טַאטֶע'ן אוּן מַאמֶע'ן, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְטוּ מִיךְ פָאלְגְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ שַׁבָּת שָׁלוֹם**

# תשיט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב ט״ז כִּסְלֵיו ה׳תשע״ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בִּיטֶערְן בְּרִיוו, וָואס דוּ גִיסְט אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ ווִי דוּ זִינְקְסְט אִין חוֹבוֹת אוּן אִין צָרוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אוֹיף דֶעם עוֹלָם מוּז מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, וָוארוּם וֶוער עֶס אִיז אַ סַבְלָן דֶער אִיז מְנַצֵּחַ דִי מִלְחָמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ אִיד אִיז בְּזֶה הָעוֹלָם הָאט עֶר אַ טֶעגְלִיכְן מִלְחָמָה, מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (אָרְחוֹת צַדִּיקִים שַׁעַר הַגַּאֲוָה) אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע חֲסִידִים הָאט גֶעטְרָאפְן מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן אַ מִלְחָמָה אוּן זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ אַסַאךְ פַּארְמֶעגְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט פוּן ווִי זֵיי הָאבְּן אַיינְגֶענוּמֶען, הָאט זֵיי גֶעזָאגְט דֶער גְרוֹיסֶער חָסִיד, אִיר זֶענְט יֶעצְט צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן אַ קְלֵיינֶע מִלְחָמָה אָבֶּער עֶס וַוארְט עֶנְק נָאךְ גָאר אַ גְרוֹיסֶער מִלְחָמָה, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט וָואסְפַארַא גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה? הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁוֶוערְן בִּיטֶערְן יֵצֶר הָרַע, וָואס אִים אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער בֵּייצוּקוּמֶען, סְתָם מֶענְטְשְׁן אַז מֶען הָאט אַ מִלְחָמָה מִיט זֵיי, אוּן מֶען אִיז זֵיי מַכְנִיעַ אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, דְרֵיי מָאל, לְבַסּוֹף וֶוערְן זֵיי מִיד אוּן מֶען לָאזְט דִיךְ אָפּ, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרַע לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ דִי וֶועסְט אִים מְנַצֵּחַ זַיין הוּנְדֶערְט מָאל קוּמְט

עֶר אַלְץ צוּרִיק צוּם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וְוִי דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ב') וְאַל תַּאֲמֵן בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ; דָאס אִיז אַ שְׁטֶענְדִיגֶער מִלְחָמָה, אוּן דֶער עִיקָר וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מֶענְטְשׁ אִיז כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ב) אַז דֶער עִיקָר יֵצֶר הָרַע דָאס אִיז פוּן כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין מֶענְטְשׁ, אוּן פוּן דָארְטְן נֶעמְט זִיךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְלָארְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֵצָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען וויל שְׁטְרָאפְן אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט מֶען אִים צוּ דִי אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר שׁוֹין אַ גֶעשְׁטְרָאפְטֶער, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען אִים קֵיינֶער קַיין שְׁלֶעכְטְס נִישְׁט טוּהְן, וָוארוּם מִיט אֱמוּנָה זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) קוֹיפְט מֶען זִיךְ אַיין דִי מִדָה פוּן סַבְלָנוּת, אֲרִיכוּת אַפַּיִם, גֶעדוּלְד, אוּן דֶעמָאלְט קֶען קַיין שׁוּם שְׁטוּרֶעם וְוינְט אִים נִישְׁט אוֹיסְרַייסְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ גוּט גֶעדֶענְקְן, דָאס יֶעדֶער אִיד הָאט יֶעדְן טָאג נַייֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךָ, אֲפִילוּ בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס אוּן קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, דָאס אִיז אַלֶעס פוּן דִי כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת וָואס

עֶס הָאט זִיךְ אַרייִנְגֶעכַאפְּט אִין דִיר פוּן דַיינֶע עֲווֹנוֹת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם; אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט חָלִילָה וְחַס וֶוערְט אַ צְווִישְׁן שֵׁייד צְווִישְׁן אִים אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נ"ט ב') "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵיכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ", אוּן פוּן דֶעם ווָאס עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַלְסְדִינְג אִיז גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְט אוֹיס יֶעדֶער וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר מַחֲמַת אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט קוּמְט אִין אִים אַרייִן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת בִּיז עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אוּן פוּן דָארְטְן נֶעמְט זִיךְ דִי אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס דֶער מֶענְטְשׁ לַיידְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, מִיט מִדַּת הַסַּבְלָנוּת, זָאלְסְט הָאבְּן גֶעדוּלְד, אוּן זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת סב.) קַבָּלָה דְיִסוּרֵי שְׁתִיקוּתָא; וֶוען עֶס קוּמְט פַארְן מֶענְטְשׁ יִסוּרִים אִיז דִי עֵצָה עֶר זָאל שְׁוַוייגְן אוּן חָלִילָה וְחַס נִישְׁט רֶעדְן דֶעמָאלְט אַקֶעגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווָארוּם עֶס אִיז בְּווַדַּאי אַלֶעס לְטוֹבָה, אַוַודַּאי אוּן אַוַודַּאי אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער

צוּ לַיידְן יִסוּרִים, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה ט' סִימָן ח') טוֹב מְאֹד זוֹ מִדַּת יִסּוּרִין שֶׁעַל יָדֶיהָ הַבְּרִיּוֹת בָּאִין לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יִסוּרִין אוּן זַיין הַארְץ אִיז צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזֶענְט שְׁטִיקֶער, אוּן עֶר קוּמְט דֶעמָאלְט וֵויינֶען פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר גִיסְט זִיךְ אוֹיס זַיין שְׁוֶוערְן בִּיטֶערְן הַארְץ פַאר אִים, אוּן בֶּעהְט זִיךְ עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע שְׁוֶוערֶע עֶנְגֶענִישׁ, דָאס בְּרֶענְגְט אִים עֶס זָאל נִמְשַׁךְ וֶוערְן אוֹיף אִים נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט הֶאָרַת הָעוֹלָם הַבָּא, לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן יֶענֶע וֶועלְט, עֶר זָאל שְׁפִּירְן גֶעטְלִיכְקֵייט אוֹיף יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט, וָואס צוּ דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין נָאר וֶוען מֶען הָאט אַן אֱמֶת'ן לֵב נִשְׁבָּר, אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן דַיינֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וְכוּ' וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן מִיט סַבְלָנוּת, וָוארוּם חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט בְּרֵאשִׁית רֶמֶז קנ"ב) אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְיַיחֵד שְׁמוֹ עַל בְּרִיָּה כְּשֶׁהוּא חַי אֶלָּא עַל בַּעֲלֵי יִסּוּרִין; וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוּן אִיז צוּשְׁטִיקְלְט אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי לַייכְט אִין אִים אַרַיין עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אוּן עֶר וֶוערְט אַ כִּסֵּא לִשְׁכִינַת עוּזּוֹ יִתְבָּרַךְ, אִיבֶּערְדֶעם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (תַּנְחוּמָא כִּי תֵצֵא) צָרִיךְ אָדָם לְהַחֲזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִים עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא; עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וָואס עֶס צִיט דֶעם

מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווי יִסוּרִין, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אָפְּרֶעדְן זִיךְ אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת וְכוּ', שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', וָוארוּם אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי פָּרָשָׁה מ"ח) **אַשְׁרֵי אָדָם שֶׁנָּגְעוּ בּוֹ יִסוּרִין, וְכָבַשׁ רַחֲמָיו וְלֹא קָרָא תַּגָּר;** גְלֵייבּ מִיר דָאס יֶעדְן עֶרְלִיכְן אִיד פְּרוּבִּירְט מֶען אוּיס מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', נָאר זֵיי דֶערְהַאלְטְן זִיךְ בֶּעסֶער, אִיבֶּערְדֶעם קוּמֶען זֵיי נָאכְדֶעם צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

**רֶבִּי** יִצְחָק ז"ל הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין פָּאטֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן ז"ל 'טַאטֶע מֶען מוּטְשֶׁעט מִיר זֵייעֶר' (דָאס הֵייסְט עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת) הָאט אִים זַיין הֵיילִיגֶער פָּאטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט 'גְלֵייבּ מִיר מֶען מוּטְשֶׁעט אִיטְלִיכְן, מִיךְ הָאט מֶען אַסַאךְ גֶעמוּטְשֶׁעט', זֶעהְט מֶען ווי יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ מַיין זַאךְ? וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. אַז ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער טִיף אִין הַארְצְן אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע יִסוּרִים וָואס אוֹיף אִים גֵייט דוּרְךְ.

**זָאלְסְט** ווִיסְן דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אוּן זַיינֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', אַ בָּחוּר אוֹיף אִים אִיז אַ בִּיטֶערְן רַחְמָנוּת, וָוארוּם עֶר אִיז אַ

פְּלַג גוּף עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ, גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בִּיטֶערֶע שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן חֲטָאוֹת נְעוּרִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן וִוי דֶער נָבִיא יִרְמְיָהוּ קְלָאגְט אוֹיף אִים (אֵיכָה א׳) ״קָרָא עָלַי מוֹעֵד לִשְׁבֹּר בַּחוּרָי״, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם מַאכְט אַ יוֹם טוֹב צוּ צוּבְרֶעכְן אַ בָּחוּר, מִיט דֶעם וָואס עֶר כַאפְּט אִים אַרַיין מִיט שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע זִינְד וְכוּ׳ וְכוּ׳, [קָ׳רָא עָ׳לַי מ׳וֹעֵד לִ׳שְׁבֹּר בַּ׳חוּרָי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בִּלְעָ״ם עֲמָלֵ״ק, וָוארוּם זֵיי צוּבְרֶעכְן אַ בָּחוּר מִיט תַּאֲוַות נִיאוּף] אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת מִיט פַּרְנָסָה וְכוּ׳, עֶס פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אָרֶעמְקֵייט וְכוּ׳, עֶר פַאלְט אַרַיין אִין שְׁוֶועֶרֶע חוֹבוֹת וְכוּ׳, עֶר דַארְף הָאבְן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁוֶועֶרֶע מַצָּבִים, דֶער מִיט קִינְדֶער אוּן דֶער מִיט גֶעזוּנְט, אוּן דֶער מִיט שְׁכֵנִים, אוּן דֶער מִיט מִשְׁפָּחָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לַיידְט נִישְׁט, נָאר ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אַנְטְלוֹיפְט שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט קוֹיפְט עֶר זִיךְ אַיין דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת גֶעדוּלְד, אוּן עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, דֶעמָאלְט קֶען עֶר קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת פוּן בִּיטוּל אֶל אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, בִּיז עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן נִכְלָל אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף זַיין בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים, אוּן רֶעדְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מוֹיל חָלִילָה וְחַס אַ דִיבּוּר רַע כְּלַפֵּי מַעֲלָה חַס וְשָׁלוֹם, דִי חֲזַ״ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז (יַלְקוּט אִיּוֹב רֶמֶז תתקכ״ח) אָמַר רַבִּי חֲנִינָא בַּר פָּפָּא אִיּוֹב אִלּוּלֵי לֹא קָרָא תַּגָּר כְּשֶׁבָּאוּ

עָלָיו יִסּוּרִין כְּשֵׁם שֶׁאוֹמֵר עַכְשָׁיו אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב כַּךְ הָיוּ אוֹמְרִים אֱלֹקֵי אִיּוֹב, וְלֹא עָשָׂה, אֶלָּא כֵּיוָן שֶׁבָּאוּ עָלָיו יִסּוּרִין הִתְחִיל מְבַעֵט וְאוֹמֵר "מִי יִתֵּן יָדַעְתִּי וְאֶמְצָאֵהוּ", מִיַּד אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִיּוֹב הֶחְשַׁכְתָּ הָעֵצָה שֶׁנָּטַלְתִּי וְגוֹ'; וֶוען אִיּוֹב וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן כְּלַפֵּי מַעֲלָה וָואלְט מֶען יֶעדְן טָאג בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מַזְכִּיר גֶעוֶוען אוֹיבֶּעט 'אֱלֹקֵי אִיּוֹב' נָאר עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן גֶעמוּזְט רֶעדְן פַּאר גְרוֹיס צַעַר, הָאט עֶר אַלֶעס פַאַרְלוֹירְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, פָאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַאַרְלִיר זִיךְ נִישְׁט אִין דַיין שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער, דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט מִדַּת הַסַבְלָנוּת, זָאלְסְט הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, וֶוער נִישְׁט אִין כַּעַס וָואס דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ צָרָה לָאזְט עֶר אוֹיס זַיין כַּעַס אוֹיף וֶועמֶען עֶר קֶען נָאר וְכוּ', אוֹיף זַיין וַוייבּ, אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיף סְתָם מֶענְטְשְׁן, פוּן רוֹב צָרוֹת גֵייט עֶר אַרָאפּ פוּן זִינֶען, אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג בֵּייז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן לוֹיפְט נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ.

**אִין** שְׁטָאט טְבֶרְיָה הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' שְׁמַעְיָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ סְלוֹנִימֶ'ער חָסִיד, אַ תְּמִימוּת'דִיגֶער אִיד וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעלִיטְן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט

יֶעדְן טָאג אַסַאךְ תְּהִלִּים, און גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶר הָאט לֵיידֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, פְּלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים סד:) כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ בָּנִים חָשׁוּב כְּמֵת; אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין לֵיידֶער אַ מֵת, אִיבֶּערְדֶעם לֶערְן אִיךְ אַסַאךְ מִ'שְׁנַיוֹת און זָאג אַסַאךְ תְּ'הִלִּים, (וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מֵ"ת) און עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַלְט גֶעוֶועזְן פִּינְף און דְרַייסִיג יָאר אִיז אִים לֵיידֶער זַיין ווַייבּ אַוֶועק פוּן דֶער ווֶעלְט אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אַן אַלְמָן, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן, און אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, און מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועזְן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת און זָאגְן תְּהִלִּים, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, וַיְהִי הַיּוֹם מֶען הָאט אִים גֶערֶעדְט אַ שִׁידוּךְ און מֵחֲמַת זַיין גְרוֹיס תְּמִימוּת הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט נָאכְגֶעפְרֶעגְט ווֶער זִי אִיז וְכוּ', אַז מֶען הָאט אִים צוּגֶערֶעדְט מֶען דַארְף חַתוּנָה הָאבְּן, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אַלֵיין, הָאט עֶר חַתוּנָה גֶעהַאט מִיט נִישְׁט נָאכְפְּרֶעגְן ווֶער זִי אִיז, און גְלַייךְ נָאךְ דִי חַתוּנָה אִיז עֶר גֶעוָואר גֶעוָוארְן אַז לֵיידֶער זִי אִיז אַ גְרוּשָׁה, און אַ טוֹיבֶּע הֶערְט גָארְנִישְׁט, פְּלֶעגְט זִי זֵייעֶר שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים, (ווִי דֶער טֶבַע פוּן אַ טוֹיבֶּער אַז עֶר שְׁרֵייט, עֶר מֵיינְט אַז אַלֶע הֶערְן נִישְׁט) און אַז עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶענוּג, הָאט זִי אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט נִכְסֵי מִלוֹג, אַ זוּהְן וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶועזְן קְרַאנְק, טוֹיט מְשׁוּגָע וְכוּ', און עֶר פְלֶעגְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַלְסְדִינְג וָואס אִיז נָאר גֶעוֶועזְן אִין שְׁטוּבּ, צוּבְּרֶעכְן וָואס עֶס אִיז נָאר גֶעקוּמֶען אִינְטֶער זַיינֶע הֶענְט וְכוּ', און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אֲפִילוּ עֶר אִיז

אַרײַנְגֶעפַאלְן אִין אַזַא בִּיטֶערֶע צָרָה אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט זַיין עֲבוֹדָה זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִּים אוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי וִוי סְ'וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען, [עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ אִיד וָואס זַיין זֵיידֶע הָאט אוֹיךְ גֶעווּאוֹינְט אִין טְבֶרְיָה אוּן הָאט גֶעקֶענְט דֶעם אִיד ר' שְׁמַעְיָה, אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶעהְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת וִוי דֶער ר' שְׁמַעְיָה הָאט גֶעהַאט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעוֶוען דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעטְרֵייסְט אַנְדֶערֶע צוּבְרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן], אַז וואויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין זַיין בִּיטֶערְן מַצָּב.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ה) דָאס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט בִּיטֶערֶע צָרוֹת מִיטְגֶעמַאכְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט (תְּהִלִּים ד) "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי" דָאס רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִין מַיינֶע צָרוֹת הָאסְטוּ מִיר שְׁטֶענְדִיג מַרְחִיב גֶעוֶוען, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי תַּעֲנִית פֶּרֶק ב' הֲלָכָה ט') אָמַר דָוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹן הָעוֹלָמִים כָּל צָרָה שֶׁהָיִיתִי נִכְנָס לָהּ אַתָּה הָיִיתָה מַרְחִיבָה לִי, נִכְנַסְתִּי לְצָרָתָהּ שֶׁל בַּת שֶׁבַע וְנָתַתָּ לִי אֶת שְׁלֹמֹה, נִכְנַסְתִּי לְצָרָתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל וְנָתַתָּ לִי אֶת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; וָואס אוֹיף אִים אִיז נָאר נִישְׁט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן גֶעטְרָאפְן אִין זַיינֶע צָרוֹת גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן

(בְּרָכוֹת ז:) וֶוען עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן זַיין זוּהְן אַבְשָׁלוֹם'ן הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען אַ גֶעזַאנְג פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס זַיין זוּהְן רוֹדֵף'ט אִים, און נִישְׁט אַ גוֹי אָדֶער אַ קְנֶעכְט אָדֶער אַ מַמְזֵר רוֹדְפְט אִים וְכוּ', אַזוֹי וַוייט הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין זַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת און נִסְיוֹנוֹת וָואס אוֹיף אִים אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָאס מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיבֶעט שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אוּנְז דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע און בִּיטֶערֶע צָרוֹת און נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', זָאלְן מִיר זָאגְן "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי", דָאס הֵייסְט מֶען זָאל טְרֶעפְן אִין דִי צָרוֹת גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת, ווי נִישְׁט וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין אַסַאךְ אַרְגֶער חָלִילָה וְחַס, און מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען קֶען זָאגְן דָאס בַּ'צַּר הִ'רְחַבְתָּ לִ'י אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת הֶבֶּ"ל, דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְן תַּכְלִית אַז עֶר וֶועט דַארְפְן צוּרִיקְגֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים צוּרִיקְגֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה, אִיז אַלֶע צָרוֹת וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, הַ'בֵ'ל' הֲבָלִים, ווִי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט "וֶועלְטֶעלֶע וֶועלְטֶעלֶע בִּיסְט נִישְׁט וֶוערְד אַז מֶען זָאל אֲפִילוּ אַ קְרֶעכְץ גֶעבְּן אִין דִיר" אַז ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּ דִי דַרְגָא אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן פוּן זַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מַצָּבִים, און צוּפַאלְט נִישְׁט וְכוּ', נָאר עֶר אִיז נָאךְ מְחַזֵק אַנְדֶערֶע צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אָפְן אַלֶע הִימְלֶען, אַז ווָאוּיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרײַנְלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער גוּט אִין הַארְצְן אַרײַן, אוּן דוּ וֶועסְט אִיבֶּערְחַזֶר'ן דִי בְּרִיוו עֶטְלִיכֶע מָאל, וֶועט דָאס דִיר צוּנִיץ קוּמֶען, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דַיין יִאוּשׁ אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן תָּמִיד**

## תשכ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב י"ז כִּסְלֵיו ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרָאפּ פַאלְן בַּיי דִיר, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פְּרָאבִּירְט יֶעדְן אֵיינֶעם אַרײַנְוַוארְפְּן אִין אַ טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט אִין אַ בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ', כְּדֵי עֶר זָאל אַרײַנְפַאלְן אִין אַ יִאוּשׁ, אָבֶּער עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ טִיפְן קוֹל (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) גֶעוואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַאֵשׁ, קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין; אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, אַ אִיד דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') דָאס מִיט דֶעם קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן,

וָוארום וויאַזוֹי אִיךְ בִּין וְכוּ', אָבֶּער אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט וְכוּ', אִיךְ בִּין גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן אַ אִיד וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ פוּן סַאסוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט "אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ זָאג דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶענוּמֶען מַיינְ'ס אוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג" אוּן עֶר הָאט גֶעטַאנְצְט אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דֶעם, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס מְחַיֶה זַיין נָאר מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה אַזֶעלְכֶע נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן ווִי אוּנְז, דַארְפְן מִיר זִיךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פְרֵייעֶן מִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן דָאס יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ אַסַאךְ מִצְוֹת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד') "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ" מַאי רַקָּתֵךְ, אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; דָאס יֶעדֶער אִיד אִיז פִיל מִיט מִצְוֹת, צִיצִית, תְּפִילִין, מְזוּזָה, כַּשְׁרוּת הַמַאֲכָלִים, שַׁבָּת, יָמִים טוֹבִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו; וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס עֶר פְרֵיידְט זִיךְ בִּשְׁעַת עֶר אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ לוֹיטֶערֶע הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מְקַיֵים דִי מִצְוֹת פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דוּ בִּיסְט גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן אַ אִיד,

און נִישְׁט קַיין גוֹי, און מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ פְּרֵייעֶן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן, און וויסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס וֶוען אַ אִיד פְרֵייְדְט זִיךְ דָא אִינְטְן מִיט דִי מִצְווֹת, פְרֵייְדְט זִיךְ זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְן, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק׳ ב׳) ״עִבְדוּ אֶת הַוַי״ה בְּשִׂמְחָה״, חֶדְוָה דְּבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיה חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָּאָה; וֶוען אַ אִיד פְרֵייְדְט זִיךְ דָא אוֹיף דֶעם עוֹלָם, צִיט עֶר אוֹיף זִיךְ אַ שִׂמְחָה פוּן דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נָאר זַיין פְרֵייליךְ, כָאטְשֶׁע אִיךְ ווֵייס אַז דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ צוּ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, ווָארוּם דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אַריינְוַוארְפְן יֶעדְן אִיד אִין אַ עַצְבוּת און אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם מוּז מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ נָאר זַיין פְרֵייליךְ.

אִיךְ בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר, שְׁטִיפ נִישְׁט אָפּ דִי שִׂמְחָה אוֹיף מָארְגְן, ווָארוּם דִי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי) לְפִי שֶׁאֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לְאָדָם לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר וְלֹא כָּל מִי שֶׁמֵּיצֵר הַיּוֹם מֵיצֵר לְמָחָר לְפִי שֶׁאֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לְאָדָם; אִיבֶּערְדֶעם זֶעה שׁוֹין אָנְצוּהֵייבְּן צוּ זַיין פְרֵייליךְ מִיט דַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת ווָאס דוּ הָאסְט, און בִּזְכוּת דִי שִׂמְחָה וֶועסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף דִיךְ דִי שְׁכִינָה, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת ל:) שֶׁאֵין שְׁכִינָה שׁוֹרָה לֹא מִתּוֹךְ עַצְבוּת וְלֹא מִתּוֹךְ עַצְלוּת וְלֹא מִתּוֹךְ שְׂחוֹק וְלֹא מִתּוֹךְ קַלּוּת רֹאשׁ וְלֹא מִתּוֹךְ שִׂיחָה וְלֹא מִתּוֹךְ דְּבָרִים בְּטֵלִים, אֶלָּא מִתּוֹךְ דְּבַר שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה, שֶׁנֶּאֱמַר (מְלָכִים ב׳ ג׳) ״וְעַתָּה קְחוּ

לִי מְנַגֵּן וְהָיָה כְּנַגֵּן הַמְנַגֵּן וַתְּהִי עָלָיו יַד הֲוָיָ"ה"; און אַזוי וֶוערְט אויבֶעט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוהַר (וַיֵּשֶׁב קפ"ט:) דְּהָא חֲמִינָן דִּשְׁכִינְתָּא לֹא שַׁרְיָא בַּאֲתַר עֲצִיבוּ אֶלָּא בַּאֲתַר דְּאִית בֵּיהּ חֶדְוָה. אִי חֶדְוָה לֵית בֵּיהּ לֹא שַׁרְיָא שְׁכִינְתָּא בְּהַהוּא אֲתַר. כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר (מְלָכִים ב' ג' ט"ו) "וְעַתָּה קְחוּ לִי מְנַגֵּן וְהָיָה כְּנַגֵּן הַמְנַגֵּן וַתְּהִי עָלָיו יַד הֲוָיָ"ה" דְּהָא שְׁכִינְתָּא וַדַּאי לֹא שַׁרְיָא בַּאֲתַר עֲצִיבוּ; דָאס דִי שְׁכִינָה רוּהְט נִישְׁט, נָאר אִין אַ פְּלַאץ ווִי סְ'אִיז דָא שִׂמְחָה, וָוארוּם וואוּ עֶס אִיז דָא עַצְבוּת שְׁטִיפְּט מֶען אַוֶועק דִי שְׁכִינָה פוּן זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיךְ אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, און זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז אַלֵיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, און מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע.

**הַמְאַחֵל לְךָ שַׁבָּת שָׁלוֹם**

## תשכא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט"ו שְׁבָט ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ וְכוּ', דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אֵיידֶער מֶען גֵייט שְׁלִיסְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ טָאכְטֶער, דַארְף מֶען זִיךְ גוּט נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף דִי מִדּוֹת פוּן דֶעם בָּחוּר,

וָוארום דֶער עִיקָר אִיז מִדות, לֶערְנֶען קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג צוּלֶערְנֶען זִיךְ, אָבֶּער מִדות הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי"ע גֶעזָאגְט, בִּיז דִי אַכְצְן יָאר קֶען מֶען טוּישְׁן דִי מִדות, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז שׁוין זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיבֶּערְדֶעם מוּז מֶען בְּעִיקָר פְרֶעגְן אוֹיף מִדות, וָוארום לֵיידֶער אִיז דָא בָּחוּרִים מִיט פַארְדָארְבֶּענֶע מִדות, און דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אִיבֶּערְבַּייטְן, און וְוִיסְן דַארְפְסְטוּ וְוִיסְן אַז דִי פוּפְצְן מִינוּט וְוִיפִיל סְ'נֶעמְט אַ חוּפָּה, טוּישְׁט נִישְׁט קַיין בָּחוּר, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אַסַאךְ נָאכְפְרֶעגְן פוּן בַּאקַאנְטֶע וָואס זֵיי קֶענֶען דֶעם בָּחוּר, וָואסֶערֶע מִדות עֶר הָאט.

**עֶם** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן דָאס אַז מֶען וְויל זֶעהְן דָאס עֶרְלִיכְקֵייט פוּן אַ בָּחוּר, דַארְף מֶען זֶעהְן וְויאַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט, זֶעצְט עֶר זִיךְ אַוֶועק אִין אַ וְוינְקְל און דַאוֶוענְט אִין סִידוּר וָוארְט בַּיי וָוארְט וְכוּ' וְכוּ', אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ עֶרְלִיכֶע בָּחוּר, און תּוֹכוֹ כְּבָרוֹ וְכוּ', אָבֶּער אוֹיב עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען און כַאפְּט אַ שְׁמוּעֶס מִיט דֶעם אָדֶער מִיט יֶענֶעם וְכוּ', און קוּקְט נִישְׁט אַרַיין אֲפִילוּ אִין סִידוּר, נָאר עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם וְוי בַּיי זַיין טַאטֶע'נְס וַוייְנְגָארְטְן וְכוּ', דָאס וַוייזְט שׁוין אַז עֶר אִיז אַ קַל שֶׁבַּקַלִים, און מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן מִיט אַזַא בָּחוּר, וַוייל דָאס וַוייזְט אַז דֶער בָּחוּר הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, און אַזַא בָּחוּר וָואס הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט אַוַודַאי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ טוּהְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וְכוּ'

וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען וויל וויסְן דִי מִדוֹת פוּן אַ בָּחוּר, אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ צוּ גֵיין קוּקְן וויאַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט, אוּן דָאס ווייזְט שׁוֹין אַלְסְדִינְג.

**עֶם** אִיז הַיינְט חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה לָאִילָנוֹת, זָאל דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַרוֹיסְגֶעבְּן שֵׁיינֶע אוּן לֶעבְּטִיגֶע אוּן זִיסֶע פֵּירוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשכב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט"ו שְׁבָט ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגְען בְּרִיוו.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַהְנוּנְג דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט אָפְּגֶעדְרִיקְט נֵייעֶ טוֹיזֶענְטֶער קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶה אוּן מְפַרְסֵם דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עַל פִּי דַעַת רַבֵּינוּ ז"ל בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת גָמוּר.

**אַזוֹי** ווִי הַיינְט אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה לָאִילָנוֹת, אוּן עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים כ) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אוּן כְּדֵי דָאס בּוֹים זָאל וַואקְסְן אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת מוּז מֶען דָאס שְׁטֶענְדִיג

בַּאוואסֶערְן און אָפְּגֶעבְּן זִיךְ מִיט דֶעם, אַזוֹי אוֹיכֶעט יֶעדֶע איד דַארְף זִיךְ בַּאוואסֶערְן יֶעדְן טָאג מִיט תּוֹרָה און תְּפִלָּה, וָואס בֵּיידֶע הֵייסְן וואסֶער, תְּפִלָּה הֵייסְט וואסֶער אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (אֵיכָה ב׳) ״שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי הֲוָיָ״ה״ און תּוֹרָה הֵייסְט וואסֶער אַזוֹי וְוִי עֶס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא קַמָּא פ״ב.) אֵין מַיִם אֶלָּא תוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה נ״ה א׳) ״הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם״; אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק דַאוְוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, און מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט לִימּוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגּוּם מִיט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת מִיט אַ דַף גְּמָרָא וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס בַּאוואסֶערְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וואקְסְן הוֹיךְ הוֹיךְ הוֹיךְ אִין רוּחְנִיוּת.

זְוַויְדֶער דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת - מַעֲשֶׂה ג׳) אַז דֶער חָכָם הָאט גֶעלָאזְט צַוָואָה פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן אָנְטְרֶעפְן בֵּיימֶער, אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טוּהְן, אָנְצוּטְרֶעפְן בֵּיימֶער; וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף הַדְפָּסַת וְהַפָּצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ זַ״ל, וָואס עֶס טְרִינְקְט אָן בֵּיימֶער, וָואס דָאס אִיז הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת, ״כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה״, און מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְקָרֵב זַיין אַ אִיד צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תְּרוּמָה קכ״ח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בִּידָא דְחַיָּיבָא, [קוּם און זֶעה, יֶעדֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵּל בֵּיהּ

לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, [און עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם] אִידְהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא] וְגָרִים דְּאִסְתַּלָּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, [און עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כִּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טַייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא, [און עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און זֵיי אַיינֶערְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב׳) "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְּאָתֵי, [און אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים און עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן און דֶער שָׁלוֹם, און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְּאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דִּימְחֵי בִּידֵיהּ [און עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן

אַלֶע צְווֶעלֶעף שְׁבָטִים, און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [און אויף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי"ב) "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ הוֹן וָעֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ'. אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הַדְפָּסַת וַהֲפָּצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ זַ"ל, דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים, זָאל דִיר דִי מִצְוָה בַּיישְׁטֵיין שְׁטֶענְדִיג, זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, און אַ אֱמֶתְ'ן שָׁלוֹם בַּיִת, און בְּרֵייט פַּרְנָסָה, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען טֵיילְן אַסַאךְ צְדָקָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשכג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט"ו שְׁבָט ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**הַיינְט** אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְאִילָנוֹת, און עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים כ') "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען אַ מוּסַר הַשְּׂכֵּל פוּן אַ בּוֹים, מֶען לֵייגְט אַרַיין אַ קֶערְנְדְל אִין דֶער עֶרְד וְכוּ', און עֶס וֶוערְט דָארְטְן פַּארְפוֹילְט וְכוּ', און מֶען מֵיינְט אַז סְ'אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ וְכוּ', און דֶערְוַוייל וָוארְצְלְט

עֶס זִיךְ אַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶער עֶרְד, בִּיז עֶס הֵייבְּט אָן אַרוֹיסְצוּשְׁפְּרָאצְן אַ קְלֵיין בֵּיימֶעלֶע, אוּן עֶס וַואקְסְט, אוּן עֶס וַואקְסְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער בּוֹים מִיט הוּנְדֶערְטֶער צְוַוייגְן אוּן טוֹיזֶענְטֶער בְּלֶעטֶער, אוּן עֶס גֶעבְּט אַרוֹיס שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אַז מֶען בַּאטְרַאכְט גוּט אַ בּוֹים זֶעהְט מֶען ווִי סְ׳אִיז נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג פוֹיגֶלְדִיג פַארְן בּוֹים וְכוּ׳, אַגַאנְצְן ווִינְטֶער אִיז עֶר אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אָן בְּלֶעטְלֶעךְ וְכוּ׳, אָן פֵּירוֹת וְכוּ׳, דִי ווִינְטְן אוּן דִי רֶעגְנְ׳ס, דִי קֶעלְט אוּן דִי שְׁנֵייעֶן צוּשְׁלָאגְן אִים אִינְגַאנְצְן, בִּיז מֶען מֵיינְט אַז פוּן דֶעם בּוֹים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, אָבֶער ווִי נָאר סְ׳קוּמְט חוֹדֶשׁ נִיסָן הֵייבְּט עֶס אָן צוּ שְׁפְּרָאצְן, אוּן מֶען מַאכְט אוֹיף אִיר אַ בְּרָכָה, ״שֶׁלֹּא חִיסֵּר בְּעוֹלָמוֹ כְּלוּם וּבָרָא בּוֹ בְּרִיוֹת טוֹבוֹת וְאִילָנוֹת טוֹבוֹת לְהַנּוֹת בָּהֶם בְּנֵי אָדָם״ אוּן עֶס הֵייבְּט אָן אַרֵיינְצִיוַואקְסְן אַלֶע בְּלֶעטְלֶעךְ, אוּן עֶס וַואקְסְט שֵׁיינֶע זִיסֶע פֵּירוֹת וְכוּ׳, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ אָן אַ שִׁיעוּר פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי שְׁרָצִים וָואס זֵיי קְרִיכְן אוֹיף דִי בְּלֶעטֶער אוּן אוֹיף דִי פְּרוּכְט, אוּן אוֹיךְ אַלֶע סָארְטְן פֵייגֶעלֶעךְ וְכוּ׳, בִּיז מֶען מֵיינְט אַז זֵיי וֶועלְן שָׁאדְן מַאכְן פַארְן בּוֹים מִיט דִי פֵּירוֹת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן לֶעבְּט אִיבֶּער דֶער בּוֹים אַלֶעס, אוּן עֶס קוּמְט אַרוֹיס זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע פֵּירוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן דָאס עֶר אִיז אַ טִיפָּה סְרוּחָה וְכוּ׳, אָבֶער פוּן אִים וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ׳, אוּן אַוַודַאי גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶער אוֹיב עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן פוּן

קַיין שׁוּם זַאךְ, דֶעמָאלְט אִיז עֶר מוֹרָא'דִיג מַצְלִיחַ, וָוארוּם אוֹיף דֶעם עוֹלָם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת, וָוארוּם עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען פְּרָאבִּירְט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיס, אוּן אוֹיבּ עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייְלִיכְן תָּמִיד**

## תשכד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט"ו שְׁבָט ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**רַאטְעוֶוען** דִי יוּגְנְט אִין אוּנְזֶער דוֹר אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, עֶלְטֶערְן טָארְן נִישְׁט גֵיין מִיט דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁטַארְקְן הַאנְט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַ קִינְד טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן, מֶען דַארְף נָאר גֵיין מִיט גוּטְן.

**אוֹיךְ** דַארְף מֶען זֶעהְן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער, ווִי דִי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (פְּסִיקְתָּא זוּטְרְתָא) שֶׁיַּעֲקֹב אָבִינוּ יָדַע שֶׁהַמִּצְרִים שְׁטוּפִים זִימָּה הֵם, וְהָיָה יָרֵא שֶׁמָּא יִלְמְדוּ בָּנָיו מִמַּעֲשֵׂיהֶם הַמְכוֹעָרִים חַס וְשָׁלוֹם, לְפִיכָךְ הִשִּׂיאָם קוֹדֶם שֶׁיָּרַד לְאֶרֶץ מִצְרַיִם, וְכֵן מוּבָא (יַלְקוּט שְׁמוֹת רֶמֶז קס"ב) שֶׁאַף הַיְלָדִים הַקְטַנִּים כְּפֶּרֶץ חֶצְרוֹן וְחָמוּל שֶׁהָיוּ כִּבְנֵי שָׁנָה שְׁנָתַיִם, שִׁידֵךְ

לָהֶם יַעֲקֹב אָבִינוּ נָשִׁים טֶרֶם יָצְאוּ לְמִצְרַיִם, וְכָתַב עַל זֶה רַבֵּינוּ חַיִּים פַּלְטִיאֵל בְּבֵיאוּרוֹ עַל הַתּוֹרָה שֶׁלֹּא רָצָה שֶׁיִּתְחַתְּנוּ לְנוֹכְרִיּוֹת וְיִהְיוּ מְסוּבָּבִים עִם חוֹמָה שֶׁהֲרֵי אָמְרוּ חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים (יְבָמוֹת ס"ב) כָּל שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא חוֹמָה, וְעַל כֵּן דָּאַג יַעֲקֹב אָבִינוּ שֶׁיִּהְיֶה לְכָל אֶחָד מִצֶּאֱצָאָיו אִשָּׁה כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ שְׁמוּרִים מִן הַחֵטְא, וְזֶה מְרוּמָז בְּמַה שֶּׁנֶּאֱמַר (שְׁמוֹת א') "אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ" שֶׁכָּל אֶחָד בָּא לְמִצְרַיִם עִם אִשְׁתּוֹ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים (יוֹמָא ב.) בֵּיתוֹ זוּ אִשְׁתּוֹ. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם ווִי ווִיכְטִיג ס'אִיז הַיינְטִיגֶע צַייטְן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אַז וואוּיל אִיז דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי גֶעבְן זִיךְ אָפּ מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ זֵיי, אוּן דֶער עִיקָר אַז עֶר מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה וָואס יוּנְגֶער, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שְׁמִירָה הַיינְטִיגֶע צַייטְן פַאר דִי קִינְדֶער.

**וָוארוּם** לֵיידֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פַארְדָארְבֶּענֶע יוּנְגֶען וְכוּ',
אוּן זֵיי קֶענֶען זֵייעֶר לַייכְט אִיבֶּערְרֶעדְן דִי לֶעבְּטִיגֶע
אָפְּגֶעהִיטֶענֶע קִינְדֶער, דֶערְפַאר אִיז וואוּיל צוּ דִי עֶלְטֶערְן
וָואס זֵיי מַאכְן יוּנְג חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תשכה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט"ו שְׁבָט ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אוֹיבּ** דוּ ווילְסְט הָאבְּן רֶעכְטִיג שָׁלוֹם בַּיִת, דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ, אַ פְּרוֹי הָאט לִיבּ דֶער מַאן רֶעדְט צוּ אִיר, אוּן טֵיילְט זִיךְ מִיט אִיר זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן דֶערְצֵיילְט אִיר וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן וואוּ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם וויסְן דַארְפְסְטוּ וויסְן אַז אַ בָּחוּר הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט עֶר אֵיינְס מִיט זַיין וַוייבּ, אוּן אַנְשְׁטָאט זִיךְ דְרֵייעֶן פִּיסְט אוּן פַּאר מִיט חֲבֵרִים וְכוּ', אִיז בֶּעסֶער זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיטְן וַוייבּ, וָוארוּם דוּ דַארְפְסְט גֶעדֶענְקְן דָאס דַיין וַוייבּ בְּלַייבְּט מִיט דִיר, אוּן דִי חֲבֵרִים וֶועלְן דִיר מָארְגְן אַוֶועקְוַוארְפְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד), אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז מְכַבֵּד זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן זַיין וַוייבּ. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "בַּאטְרַאכְט זִיךְ וויפִיל צַעַר אוּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים לַיידְן דִי פְרוֹיעֶן: צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵּידָה, וְהַגִידוּל, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶס קוּמְט זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת הָאבְּן, אוּן זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען". אוּן ווִיסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן, בַּיי אוּנְז אִיז אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר הִיטְן אוּן מְקַיֵּים זַיין דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט הַאלְטְן חָשׁוּב דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט אַרוּם טַעֲנָה'ן.

וָוארום וָואס וויל זִי פון דִיר? זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער. אִיז וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער? בַּאטְרַאכְט זִיךְ, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס אויךְ דַיינֶע קִינְדֶער - לֵייג צוּ אַ הַאנְט אוּן הֶעלְף אִיר. אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (חולין פד:), לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, שֶׁהֵן תְּלוּיִין בּוֹ וְהוּא תָּלוּי בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן, וֶועסְטוּ הָאבְן אַ זִיס לֶעבְן, אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן עֶנְק שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, לֶעבְּטִיגֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשכו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים י"ח שְׁבָט ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אוֹיף** דֶעם עוֹלָם מוּז מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, וָוארוּם עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, וְכוּ', יֶעדְן אֵיינֶעם פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס אוֹיף אַן אַנְדֶערְן וֶועגְן, זֶעהְן וִויאַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט שֵׂכֶל, וֵוייסְט עֶר דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אוּן עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם

בַּאזוּנְדֶער, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּהְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן וְכוּ', אִיז זַיין רַחְמָנוּת זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, וְוִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים י"ח) "אֶרְחָמְךָ הֲוָיָ"ה חִזְקִי" מִיט דֶעם וָואס אִיךְ וֵויים וָואס דוּ הָאסְט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, דָאס אִיז מַיין גַאנְצֶע הִתְחַזְּקוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) עֶס אִיז גָאר קַיין יֵאוּשׁ נִישְׁט פַּארְהַאנְדִין, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ אָב הָרַחֲמָן, אוּן הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם קֶען יֶעדֶער אִיד אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּ אִים, נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לֵייגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ', אַ פִינְסְטֶערְנִישׁ וְכוּ', עֶס זָאל אִים דַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, עֶר הָאט שׁוֹין קַיין הָאפְּעֶנוּנְג נִישְׁט וְכוּ', דָאס אַלֵיין אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, דִי טוּמְאָה, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא טז.) הוּא שָׂטָן הוּא יֵצֶר הָרַע הוּא מַלְאָךְ הַמָּוֶת; קוֹדֶם רֶעדְט עֶר אִים צוּ זִינְדִיגְן, אוּן נָאכְדֶעם הַארְגֶעט עֶר אִים, אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּ גֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אִים, אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, דֶעמָאלְט אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גְלַייךְ אִים מוֹחֵל, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁמִּיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים אֲנִי מוֹחֵל לָהֶם; וָוארוּם בַּיי דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב ווידוּי דְבָרִים, אַ אִיד זָאל אוֹיסְדֶערְצֵיילְן פַאר אִים דָאס גַאנְצֶע הַארְץ, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה ל"ח סִימָן ד') אֵינִי מְבַקֵּשׁ מִכֶּם לֹא זְבָחִים וְלֹא קָרְבָּנוֹת אֶלָּא דְבָרִים שֶׁנֶּאֱמַר (הוֹשֵׁעַ י"ד)

"קְחוּ עִמָּכֶם דְבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל הֲוָיָ"ה"; וָואס דָאס אִיז דֶער טִיפֶער לִימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוינֶען מֶען זָאל זִיךְ אוּיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס בִּיטֶער הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ, אֲפִילוּ סְ'אִיז שׁוֹין אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִיר וָואס עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, אוּן עֶר קֶען זוֹכֶה זַיין אַז זַיינֶע עֲווֹנוֹת וֶועלְן נִתְהַפֵּךְ וֶוערְן צוּ זְכוּיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דֶער הֶענְט אוּן הֵייבּ אָן פוּן נַיי, זָאלְסְט זִיךְ מִיךְ מְבַשֵּׂר זַיין גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת שְׁטֶענְדִיג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשכו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים י"ח שְׁבָט ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן פוּן דַיין זַייט זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין שָׁלוֹם

און לִיבְּשַׁאפְּט אִין שְׁטוּבּ, וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין דֶעם צוּזַאמְלֶעבְּן, קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן זִיךְ, און קֵיינְמָאל נִישְׁט זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ זַיין, אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה דַארְף מֶען זֶעהְן בֵּיידֶע זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען מְוַותֵּר זַיין, מֶען קֶען נִישְׁט פִירְן אַ שְׁטוּבּ מִיט אָנְגֶעצוֹיגֶענְקֵייט וְכוּ' וְכוּ', וּבִפְרַט אַז מֶען הָאט קִינְדֶערְלֶעךְ און זֵיי זֶעהְן ווי טַאטֶע און מַאמֶע פַארְטְרָאגְן זִיךְ נִישְׁט, דָאס אִיז מַמָּשׁ סַם הַמָּוֶת פַאר זֵיי, קִינְדֶער ווי קְלֵיין זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין, פַארְשְׁטֵייעֶן וָואס עֶס גֵייט פָאר אִין שְׁטוּבּ, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף יֶעדֶער טַאטֶע און מַאמֶע אַכְטוּנְג גֶעבְּן וויאַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, וָוארוּם אַז נִישְׁט וֶועט עֶס מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִי קִינְדֶער, קִינְדֶער רֶעדְן אִיבֶּער נָאר וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אִין שְׁטוּבּ, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוּכָּה נ"ו:) שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵיהּ; מַה שֶׁהַתִּינוֹק מְדַבֵּר בַּשּׁוּק, זֶה שָׁמַע אוֹ מֵהָאַבָּא אוֹ מֵהָאִמָּא; וָואס קִינְדֶער רֶעדְן אוֹיפְ'ן גַאס, הָאבְּן זֵיי דָאס גֶעהֶערְט אִין שְׁטוּבּ. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף יֶעדֶער פָארְפָאלְק זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, נִישְׁט צוּ זִידְלֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן וְכוּ', און נִישְׁט צוּ קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְ'ן אַנְדֶערְן וְכוּ', וָוארוּם דָאס שַׁאדְט פַאר דֶעם חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַוח, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נ"ט) אוֹקֵיירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין עֶנְקֶערֶע פְרוֹיעֶן כְּדֵי אִיר זָאלְט וֶוערְן רַייךְ, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) אַז דָאס עֲשִׁירוּת פוּן אַ

מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דֶעם וַוייבּ, אוּיבּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת, אִיז דָא פַּרְנָסָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תשכח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר בְּחוּקוֹתַי י״א אִיָּיר ה׳תשע״ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וָואס דָאס אִיז מְקַרֵב אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל הָאט אוּנְז גֶעלָאזְט צַוָואָה פִיר טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט מִיט דֶעם לָשׁוֹן, ״אֵייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיְינוֹתֶיךָ חוּצָה, אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק אִין גֶעלְט אִין טִירְחָא אוּן אִין רָצוֹן״ וָואס דֶער אֱמֶתְ׳ן אַרַיין גֶעלְט אַלֵיין אִיז נִישְׁט גֶענוּג, אַ מֶענְטְשׁ קֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס הֵייסְט הַדְפָּסָה אוּן הָפָּצָה, וָואס דָאס אִיז הַצָּלַת נְפָשׁוֹת פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּבְרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקֶער וְכוּ׳, ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְבִּיטֶערְט וְכוּ׳ פוּן דֶעם אַלֶעם וָואס זֵיי מַאכְן מִיט אִין לֶעבְּן וְכוּ׳, אוּן דַוְיקָא דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים רַאטֶעוֶועט זֵיי, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶס גֶעבְּט אַרַיין

אִין זֵיי אַ הָאפְּפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן וְכוּ', מֶענְטְשְׁן הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דִי זַאכְן, עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם צוּבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס עֶס גֵייט זֵיי שְׁוֶוער אַ שִׁידוּךְ צוּ טְרֶעפְן, אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז זֵייעֶר פַארְבִּיטֶערְט, פִיל מִיט יִאוּשׁ מִיט מָרָה שְׁחוֹרָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן דַיְיקָא דִי סְפָרִים דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים גֶעבְּט אִין זֵיי אַרַיין אַ הָאפְּפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לַיידְן צָרוֹת צְרוּרוֹת פוּן דַחֲקוּת אִין פַּרְנָסָה וְכוּ', אוּן אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לַיידְן פוּן זֵייעֶרע קִינְדֶער וָואס זֵיי זֶענֶען אָרָאפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן אִידִישְׁן וֶועג רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוּן נָאר דִי סְפָרִים גֶעבְּט זֵיי אַרַיין חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה וְויאַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן גֶעבְּט זֵיי עֵצוֹת וְויאַזוֹי גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה') דָאס דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן אִיז צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַון עֶר טַייטְשְׁט דִי פָּסוּק "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת", דָאס הֵייסְט 'צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם', וָואסְפַארַא צְדָקָה בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג? 'וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת' אַז מֶען גֶעבְּט צוּ דְרִיקְן דִי סְפָרִים פוּן דֶעם אֱמֶתְ'ן צַדִיק; גֶעוֶוענְדְלִיךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט צְדָקָה אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, מֶען גֶעבְּט אֵיינֶעם עֶסְן, הָאט עֶר אָפְּגֶעגֶעסְן אוּן שְׁפֶּעטֶער דַארְף עֶר נָאכְאַמָאל עֶסְן, מָארְגְן דַארְף עֶר נָאכְאַמָאל עֶסְן, אָבֶער צְדָקָה וָואס מֶען גֶעבְּט צוּ דְרִיקְן אַ סֵפֶר, דִי סֵפֶר בְּלַייבְּט אוֹיף דוֹרֵי דוֹרוֹת, דֶערְפַאר זָאגְן דִי

חֲזַ"ל (מִדְרָשׁ תְּהִלִּים קו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קו) "עוֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת, זֶה הַכּוֹתֵב סְפָרִים וּמַשְׁאִילָן לַאֲחֵרִים", אֵיינֶער שְׁרַייבְּט סְפָרִים אוּן עֶר צֶעשְׁפְּרֵייט דָאס פַאר אַנְדֶערֶע, דָאס בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג, אוּן דָאס גֵייט מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעהֶען דִי קוּנְטְרֵסִים, ס'אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעדְרִיקְט הַיינְט אוֹיף צְוֶועלְף שְׁפְּרַאכְן, אוּן עֶס גֵייט אִיבֶּערָאל אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק מִיט דֶעם, אִיבֶּערְדֶעם אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַסַאךְ גֶעלְט דַארְף עֶר הָאבְּן אוֹיבֶּעט אַ רָצוֹן אוּן זַיין גְרֵייט זִיךְ מַטְרִיחַ זַיין צוּ דְרִיקְן אוּן צוּ צוּשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים ווָאס זֵיי רַאטֶעוֶועןן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מֶען זֶעהְט עֶס אִיז דָא הַיינְט זֵייעֶר אַסַאךְ גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי צְדָקָה, אָבֶּער אִין אַלֶע זַאכְן פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי, נָאר נִישְׁט אִין דְרִיקְן אוּן צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים ווָאס דָאס אִיז הַצָּלַת נְפָשׁוֹת מַמָּשׁ פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פַארְבִּיטֶערְט אוּן פַארְוֵוייטָאגְט וְכוּ' וְכוּ', בִּיז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן ווָאס ווָאוּנְטְשְׁ'ן זִיךְ דֶעם טוֹיט נֶעבֶּעךְ, ווָאס נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים רַאטֶעוֶועט זֵיי.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין אַז דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן דוּ רַאטֶעוֶועסְט אִין דִי טוֹיזֶענְטֶער, הֵיילִיגֶע צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת, זָאל דִיר דִי זְכוּת בַּיישְׁטֵיין, אוּן דוּ זָאלְסְט גֶעהָאלְפְן ווֶערְן מִיט פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תשכט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר דְבָרִים כ״ט תַּמּוּז ה׳תשע״ד

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, ווִיאַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ לָאזְן וַוארְטְן מִיט אֵיין טָאכְטֶער וָואס זִי אִיז שׁוֹין אַלְט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן אַ צְוֵוייטֶע טָאכְטֶער אִיז אַלְט צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן נָאךְ דְרֵיי זוּהְן וָואס זֶענֶען שׁוֹין הֶעכֶער אַכְצְן יָאר אַלְט, וָואס זֵיי דַארְפְן שׁוֹין אַלֶע חֲתוּנָה הָאבְן, וואוּ קֶען אַ אִיד פוֹעֶלְן בַּיי זִיךְ זֵיי לָאזְן יֶערְן וֶוען דִי חֲזַ״ל זָאגְן אוּנְז בְּפֵירוּשׁ (סַנְהֶדְרִין ע״ו.) אֵיזֶהוּ רָשָׁע עָרוּם? זֶה הַמַּשְׁהֶה בִּתּוֹ בּוֹגֶרֶת, וּפֵירוּשׁ רַשִׁ״י שֶׁמַּשְׁהֶא אוֹתָהּ בִּשְׁבִיל מְלָאכָה, עַיֵין שָׁם. דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ ווִיל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן זַיין טָאכְטֶער וַוייל עֶר דַארְף אִיר הָאבְן זִי זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן עֶר זָאל נֶעמֶען אִיר גֶעלְט, עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע. בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דַארְף מֶען זֶעהְן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי טֶעכְטֶער וָואס פְרִיעֶר׳ט אוּן נִישְׁט זוּכְן אַ בָּחוּר וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן וְכוּ׳, דָאס אִיז סְתָּם תֵּירוּצִים נִישְׁט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי טָאכְטֶער, וַוייל עֶר ווִיל נֶעמֶען אִיר גֶעלְט וְכוּ׳, אָדֶער עֶר זוּכְט עֶפֶּעס אַ יִחוּס וְכוּ׳, אוּן עֶר כַּאפְּט נִישְׁט אַז דֶערְוַוייל אִיז זַיין טָאכְטֶער אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה זִי זָאל קַאלְיֶע וֶוערְן, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פָּרָשָׁה י״א סִימָן ה׳) וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת שֶׁצְּרִיכוֹת שְׁמִירָה; אוֹיךְ זָאגְן דִי

חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין ק:) בַּת לְאָבִיהָ מַטְמוֹנֶת שָׁוְא, מִפַּחְדָּהּ לֹא יִישַׁן בַּלַּיְלָה, בְּקַטְנוּתָהּ - שֶׁמָּא תִתְפַּתֶּה, בְּנַעֲרוּתָהּ - שֶׁמָּא תִזְנֶה, בָּגְרָה - שֶׁמָּא לֹא תִנָּשֵׂא, נִשֵּׂאת - שֶׁמָּא לֹא יִהְיוּ לָהּ בָּנִים; פַאֲרְשְׁטֵיי אִיךְ דִיר נִישְׁט, ווי קֶען אַ אִיד פוּעֶלְן בַּיי זִיךְ נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן גְלַייךְ דִי טֶעכְטֶער, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַז עֶס וֶוערְן אָפְּגֶעהַאלְטְן נָאךְ דְרַיי זוּהְן וֶועגְן דִי טֶעכְטֶער, דָאס וַוייזְט אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר מִיט דִיר אָדֶער מִיט דַיין וַוייבּ.

**נִישְׁט** אוּמְזִיסְט גֵייעֶן אַרוֹיס בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ לְתַרְבּוּת רָעָה, נָאר וַוייל מֶען מַאכְט זֵיי נִישְׁט חֲתוּנָה יוּנְג, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע סִיבָּה וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, וָואס עֶלְטֶערְן ווילְן אֲפִילוּ נִישְׁט הֶערְן אַז מֶען דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן קִינְדֶער יוּנְג וְכוּ', אוּן דֶערְוַוייל וֶוערְן זֵיי נִכְשָׁל מִיט אַלֶעם שְׁלֶעכְטְן אִינְטֶער דִי רוּקְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', אוּן וֶוען זֵיי זֶעהֶען דָאס דִי עֶלְטֶערְן הַאלְטְן זֵיי נִישְׁט בַּיים חֲתוּנָה מַאכְן פַאר וָואסֶערֶע סִיבָּה עֶס זָאל נָארְנִישְׁט זַיין וְכוּ' וֶועגְן דֶעם גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶלְטֶערְן דַארְפְן ווִיסְן דָאס קִינְדֶער דַארְפְן חֲתוּנָה הָאבְן וָואס פְרִיעֶר, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:) הַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִרְקָן, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיּוֹב ה') "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (קִידּוּשִׁין ל:) שֶׁהָאָב חַיָּיב לְהַשִּׂיא אֶת בְּנוֹ, דִּכְתִיב (יִרְמְיָה כ"ט ו') "קְחוּ נָשִׁים וְהוֹלִידוּ בָּנִים וּבָנוֹת וּקְחוּ לִבְנֵיכֶם נָשִׁים וְאֶת בְּנוֹתֵיכֶם תְּנוּ לַאֲנָשִׁים", בִּשְׁלָמָא בְּנוֹ בְּיָדוֹ, אֶלָּא בִּתּוֹ בְּיָדוֹ הִיא? הָכִי קָאָמַר לְהוּ נִיתֵּן לָהּ מִידֵי וּלְבַשְׁיֵיהּ

וּנְכַסְיֵיהּ כִּי הֵיכִי דְקָפְצוּ עֲלָהּ אִינְשֵׁי; דָאס הֵייסְט פַאר אַ טָאכְטֶער דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ נָדָן כְּדֵי מֶען זָאל אִיר וֶועלְן. אוּן דֶער חִידוּשֵׁי הָרַ"ן שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם מֵהָא מַשְׁמַע דִכְשֵׁם שֶׁהָאָב חַיָּיב לְהַשִּׂיא אֶת בְּנוֹ, כַּךְ חַיָּיב לְהַשִּׂיא אֶת בִּתּוֹ, אוּן אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (כְּתוּבוֹת נ"ב:) שֶׁהַמִּצְוָה לְהַשִּׂיא הַבַּת הִיא מִדְאוֹרַיְיתָא, אוּן אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (מְכִילְתָּא מִשְׁפָּטִים) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ"א י') "אִם אַחֶרֶת יִקַּח לוֹ" מִכַּאן אָמְרוּ חֲכָמִים חַיָּיב אָדָם לְהַשִּׂיא אֶת בְּנוֹ, אוּן דִי פּוֹסְקִים שְׁרַייבְּן אוֹיף דֶעם, וְכֵן הוּא לְהַשִּׂיא אֶת בִּתּוֹ שֶׁהוּא חַיָּיב, עַיֵּין שָׁם.

**אִיבֶּערְדֶעם** עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי ווילְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ מוּזְן זֶעהְן צוּ טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס פְרִיעֶר, אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן כָּבוֹד וְכוּ', יִחוּס וְכוּ', גֶעלְט וְכוּ', מֶען דַארְף קוּקְן וָואס אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער.

**הַיינְטִיגֶע** צַייטְן וָואס דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער, אוֹיךְ דַארְפְן עֶלְטֶערְן וויסְן, אוֹיבּ זֵיי ווילְן הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן ווַייזְן אַ בַּיישְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוּכָּה נ"ו:) שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵיהּ; וָואס אַ קִינְד רֶעדְט אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר דָאס גֶעהֶערְט אָדֶער פוּן דֶעם טַאטֶע'ן אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע'ן. מֶען קֶען נִישְׁט פַארְלַאנְגֶען פוּן אַ טָאכְטֶער זִי זָאל זִיךְ אוֹיפְפִירְן בִּצְנִיעוּת וְכוּ', וֶוען זִי

אַלֵיין גֵייט נִישְׁט מִיט קַיין צְנִיעוּת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבוֹת ס"ג.) הַיְינוּ דְאָמְרֵי אִינְשֵׁי רְחֵילָא בָּתַר רְחֵילָא אָזְלָא כְּעוֹבְדֵי אִמָּהּ כַּךְ עוֹבְדֵי בְּרַתָּא; ווִיאַזוֹי דִי מַאמֶע גֵייט, אַזוֹי טוּט נָאךְ דִי טָאכְטֶער.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם טַאטֶע'ן מִיט דִי מַאמֶע'ן וָואס זֵיי וֶועלְן אַרַיינְלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, וֶועלְן זֵיי הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי וֶועלְן דֶערְלֶעבְּן פוּן זֵיי גְרוֹיס נַחַת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשל

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר דְּבָרִים כ"ט תַּמּוּז ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן, אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, גָאר קַיין יִאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדִין; אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן וָואס עֶר גֵייט אִיבֶּער וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה זִיךְ אַרָאפְּצִיוַוארְפְן וְכוּ' עֶס אִיז אַ חָכְמָה ווִיאַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק

א׳ סִימָן רפ״ב) דָאס אַ אִיד דַארְף זִיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן זוּכְן דָאס גוּטְס וָואס עֶס אִיז דָא אִין אִים, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ גוּטְס, וְוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ״ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד׳) "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ" מַאי רַקָּתֵךְ, אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; נָאר מֶען דַארְף זוּכְן בַּיי זִיךְ דֶעם גוּטְס, וֶועט מֶען טְרֶעפְן אַז מֶען הָאט אִין זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גוּטְס, אוּן מֶען כַאפְּט גָארְנִישְׁט, וְוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט׳ הֲלָכָה ה׳) תָּנִי בְּשֵׁם רַבִּי מֵאִיר אֵין לְךָ אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה מֵאָה מִצְוֹת בְּכָל יוֹם. קוֹרֵא אֶת שְׁמַע וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וְאוֹכֵל אֶת פִּתּוֹ וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וּמִתְפַּלֵּל שְׁשָׁה פְּעָמִים שֶׁל שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וְחוֹזֵר וְעוֹשֶׂה שְׁאָר מִצְוֹת וּמְבָרֵךְ עֲלֵיהֶן. וְכֵן הָיָה רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר אֵין לְךָ אָדָם בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין הַמִּצְוֹת מַקִּיפוֹת אוֹתוֹ. תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ, וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ, מִילָה בִּבְשָׂרוֹ, אַרְבַּע צִיצִיּוֹת בְּטַלִּיתוֹ מַקִּיפִין אוֹתוֹ. הוּא שֶׁדָּוִד אָמַר (תְּהִלִּים קי״ט) "שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ". וְכֵן הוּא אוֹמֵר (תְּהִלִּים ל״ד) "חוֹנֶה מַלְאַךְ הֲוָיָ״ה סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם"; אוּן דָאס הָאט יֶעדֶער אִיד. נָאר דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם פַארְדֶעקְט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ דָאס גוּטְס וָואס עֶר הָאט יֶעדְן טָאג, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין אִין אַ יֵאוּשׁ אוּן אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן אַ טְרוֹיעֶרִיגְקַייט אַזוֹי וְוי עֶר וָואלְט גֶעוֶוען דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ׳, וָואס דָאס אִיז עֶרְגֶער פוּן אַלְסְדִינְג, וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל הָאט גֶעזָאגְט דָאס דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם ווִיל נִישְׁט אַזוֹי מַאכְן זִינְדִיגְן אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ׳, וְוי אִים אַרַיינְוַוארְפְן דֶערְנָאךְ

אִין עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישְׁט וְכוּ', עֶר זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן זַיין לֶעבְּן. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף יֶעדֶער אִיד זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט וָואס עֶר קֶען, נָאר נִישְׁט קוּמֶען צוּ עַצְבוּת וָואס דָאס אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה.

**אַ** אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ זַיין, אֲפִילוּ וֶוען עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין דֶער עֶרְגְסְטֶער, פוּנֶדעסְטְוֶועגְן זָאל עֶר זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי". ווִי מֶען דֶערְצֵיילְט נָאךְ אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי בְּרָכוֹת יֶעדְן טָאג הוֹיעךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט, "רֶבִּי אֵיין בְּרָכָה הָאט אִיר אוֹיסְגֶעלָאזְט", הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע גֶעווִינְקֶען מִיט דִי הַאנְט, ווִי אֵיינֶער זָאגְט, "וָואסֶערֶע בְּרָכָה?" הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעזָאגְט", הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הַיינְט צוּבְּרָאכְן, אִיךְ הָאב גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט ווֶערְד, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט מִיךְ צוּבְּרָאכְן אִינְגַאנְצְן, הָאב אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אוּן אִיךְ הָאב גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי' מִיט דֶעם בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ מִסַּאסוֹב זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן, "וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אוּן זָאג דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי' הָאב אִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶענוּמֶען אַלֶעס. וָוארוּם מִיט דֶעם בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה אַגַאנְצְן טָאג, נָאר מִיט דֶעם וָואס אִיךְ ווֵייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ גּוֹי, דָאס

אִיז מַיין גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה". און ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י'), אוֹיף דֶעם קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, וַוייל ווִי נִישְׁט בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, און מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ זַייעֶר זַייעֶר פְרֵייעֶן. און וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִין אֱמוּנָה, אַ אִיד הָאט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. און אוֹיף דֶעם פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זַייעֶר שְׁטַארְק, דָאס אַ אִיד זָאל נִישְׁט פְרֵייליךְ זַיין, און מִמֵּילָא בְּרֶענְגְט עֶר אִים אַרַיין אַלֶע מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן. און אַלֶע תַּאֲווֹת פוּן שְׁמוּץ קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ט), אַז אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע גֶעמֵיינֶע תַּאֲווֹת קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ נָאר פוּן עַצְבוּת, טְרוֹיעֶרְדִיגְקֵייט, מָרָה שְׁחוֹרָה, פַארְבִּיטֶערְנִישׁ.

**דֶערְפַאר** דַארְף אַ אִיד דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעטְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיף שִׂמְחָה, עֶר זָאל פְרֵייליךְ זַיין. כָאטְשׁ עֶס קוּמְט גְלַייךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם און פְרֶעגְט אִים "וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי פְרֵייליךְ?", און דֶערְמַאנְט אִים אַלֶע זַיינֶע עֲווֹנוֹת וַחֲטָאִים חַטֹּאות נְעוּרִים וְכוּ' וְכוּ', אוֹיף דֶעם דַארְף עֶר גְלַייךְ נוּצְן דֶעם מִדָּה פוּן שִׁכְחָה, "אִיךְ ווֵייס גָארְנִישְׁט! אִיךְ בִּין אַ אִיד, גֶעבּוֹירְן אַ אִיד, און פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד - שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", וָואס אוֹיף דֶעם קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גָארְנִישְׁט טוּהְן. אִיבֶּערְדֶעם זֶעהְט מֶען ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם

פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶער לֶענְג אוּן אוֹיף דֶער בְּרֵייט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגְן אִין דֶעם מֶענְטְשׁ עַצְבוּת, טְרוֹיעֶרְקֵייט אוּן דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זֶעהְן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשלא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְּבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַ** אִיד דַארְף זִיךְ זֶעהְן מְחַזֵק זַיין אוּן נִישְׁט לָאזְן זִיךְ אַרָאפְּפַאלְן, אוּן אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מַצָּבִים אִין לֶעבְּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פַארְלִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "הָעִיקָר שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ" אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאוֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, וְתָמִיד נוֹתֵן תּוֹדָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ

הוּא עַל הַחֲסָדִים וְהָרַחֲמִים גְמוּרִים שֶׁעוֹשֶׂה אִתּוֹ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז פַאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן, דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן עוֹלָם הַבָּא. דָאס הֵייסְט אַז עֶר שְׁפִּירְט עוֹלָם הַבָּא שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט, וָוארוּם דָארְטְן אוֹיבְן אִיז אַלֶעס גוּט. אִיבֶּערְדֶעם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז אַלֶעס גוּט, דַאנְקְט עֶר אוּן עֶר לוֹיבְּט שְׁטֶענְדִיג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, אוּן דָאס פַארְבְּרֵייטֶערְט אִים דָאס הַארְץ אַז עֶר זָאל קֶענֶען בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ נַייֶעם וֶועג וָואס דָאס אִיז דֶער אַלְטֶער וֶועג פוּן דִי אָבוֹת, אוּן דִי לְוִיִּים אוּן דִי תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים וְכוּ׳ דָאס מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת׳ן גוּטְן פְרַיינְד. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי תְּפִילוֹת אוּן תְּחִינוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת וָואס אַ אִיד בֶּעהְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם שְׁפְּרַאךְ וָואס דָאס טוּט אוֹיף אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ׳. אִיבֶּערְדֶעם אִיז זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מִתְרַשֵׁל נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס וֶוערְט פוּן זַיין תְּפִלָה, אָבֶער וֶוען עֶר וָואלְט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט וָואס דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט אַ רוֹשֶׁם אִין אַלֶע וֶועלְטְן וְכוּ׳ וָואלְט עֶר זִיךְ בַּאפְלַייסִיגְט רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס אַ אִיד דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם. ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ל' סִימָן ג') בְּדוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא לֹא כֹּהֵן וְלֹא אוּרִים וְתוּמִּים וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבַד אָמַר דָוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם (תְּהִלִּים ק"ב) "תִּכָּתֵב זֹאת לְדוֹר אַחֲרוֹן" מִכָּאן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְקַבֵּל הַשָּׁבִים, "וְעַם נִבְרָא יְהַלֶּל יָהּ" שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בּוֹרֵא אוֹתָן בְּרִיָּה חֲדָשָׁה; אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אוּן זַיי נִישְׁט גֶעפַאלְן בַּיי דִיךְ, זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט, אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֲפִילוּ אַפָּאר דִיבּוּרִים אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב אִין אַלֶע וֶועלְטְן. אוּן אוֹיב דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּ דֶעם צוּגֶעוואוֹינֶען וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט אַרָאפְּגֵיין אַ שְׁוֶוערְן שְׁטֵיין פוּן דַיין הַארְץ, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחָנִיוּת, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.

**שְׁטַארְק** זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, נָאר פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

# תשלב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְּבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַ** אִיד דַארְף זַייעֶר מַקְפִּיד זַיין גֵיין יֶעדְן טָאג אִין שׁוּהְל און דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח) דָאס כָּל זְמַן אַ אִיד דַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת דַארְף עֶר ווִיסְן אַז עֶר אִיז אִין מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל, דָאס הֵייסְט עֶר הַאלְט זִיךְ נָאךְ מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּזַאמֶען, אָבֶּער ווִיפֶער עֶר הֵייבְּט אָן צוּ פַארְפֶעלְן דָא אַ מִנְחָה דָארְטְן אַ מַעֲרִיב וְכוּ', בִּיז עֶר דַאוֶוענְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שַׁחֲרִית אוֹיךְ נִישְׁט וְכוּ', דֶעמָאלְטְס אִיז אַ סִימָן עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל, דָאס הֵייסְט עֶר לָאזְט אָפּ אִידִישְׁקֵייט, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְטְן דָאס עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיפְוַוארְפְן אַ גְרוֹיסְן בַּארְג אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס הֵייסְט שְׁוֶוער מַאכְן דָאס גֵיין אִין שׁוּהְל אַזוֹי וִוי סְ'אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוֹיף אַ הוֹיעֶכְן בַּארְג. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן דַיְיקָא.

**עֶם** שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (נָשֹׂא קכ"ו) זַכָּאָה הַהוּא בַּר נָשׁ דְּאִשְׁתַּכַּח מֵאִינוּן עֲשָׂרָה קַדְמָאָה בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא [ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז פוּן דִי עֲשָׂרָה רִאשׁוֹנִים אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ] בְּגִין דִּבְהוּ אִשְׁתְּלִים מַה דְּאִשְׁתְּלִים [וָוארוּם דוּרְךְ

אִים וֶוערְט פַארְעֶנְדִיגְט וָואס עֶס דַארְף פַארְעֶנְדִיגְט וֶוערְן] וְאִינוּן מִתְקַדְּשֵׁי בְּקַדְמֵיתָא בִּשְׁכִינְתָּא [אוּן דֶיְע וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט דִי עֶרְשְׁטֶע מִיט דִי שְׁכִינָה] וְהָא אִתְּמַר [אוּן מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט] וְהָא בָעְיָא דְיִשְׁתַּכְּחוּ עֲשָׂרָה בִּזְמְנָא חֲדָא בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא וְלָא יֵיתוּ פִּסְקֵי פִּסְקֵי [אַז עֶס דַארְפְן זַיין אַ מִנְיָן צֶען מֶענְטְשְׁן צוּזַאמֶען, נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל קוּמֶען בַּאזוּנְדֶער]; וָוארוּם עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער יִחוּד אִין הִימְל וֶוען צֶען מֶענְטְשְׁן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אוֹיף אֵיין מָאל, אוּן מֶען פַארְשְׁפֶּעטִיגְט נִישְׁט דֶעם דַאוֶוענֶען, אַז וואוּיל אִיז אַזַא מִנְיָן וָואס זֵיי הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען אוּן רֶעדְן נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן קוּמֶען צוּזַאמֶען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַ גְרוֹיסְן נַחַת רוּחַ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

## תשלג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְּבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה'תשע"ד**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז בַּיי מִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּלִיאָה אוּן אַ וואוּנְדֶער ווִי קֶען אַ הֵיימִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה פוּן

וואו נֶעמְט זִיךְ אַז אַ פְרוֹי דַארְף זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר? קוֹדֶם דַארְפְסְטוּ וויסְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב, רֶבִּי יִשָׂכָר דוֹב זי"ע, הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד פְרֶעגְט אוֹיף אַ הֲלָכָה אָדֶער אוֹיף אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל פוּן וואוּ וֵוייס אִיךְ אַז עֶס אִיז אַזוֹי? דַארְף עֶר וויסְן אַז עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים דִי קְלִיפָּה פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ׳, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעבְּן קֶען עֶר קוּמֶען בִּיז שְׁמַד רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיבֶּערְדֶעם טוּה תְּשׁוּבָה נָאר פַאר דִי שְׁאֵלָה אַלֵיין, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְפַאלְן וֶוערְן פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן.

**יֶעצְט** נֶעם דֶעם זוֹהַר אוּן קוּק נָאךְ וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְטְן (נָשׂא קכ"ה:) **תּוּנְבָא לֵיתֵי** [אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען] עַל הַהוּא בַּר נַשׁ [אוֹיפְן מֶענְטְשׁ] דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ [וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ] דְתִתְחַזֵי מִשַׂעֲרָה דְרֵישָׁהּ לְבַר [זָאל גֵיין אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר, אָדֶער מֶען זָאל אַרוֹיסְזֶעהְן דִי הָאר] וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָא [אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי צְנִיעוּת פוּן אַ פְרוֹי אִין שְׁטוּבּ] וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר [אוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי דֶעקְט אוֹיף אִירֶע הָאר] לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ [זִיךְ שֵׁיין מַאכְן מִיט דֶעם] גָרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא [אִיז גוֹרֵם אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּבּ] וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא [אוּן ס'אִיז גוֹרֵם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין גֶעלוּנְגֶענֶע, אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט חָשׁוּב זַיין] וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא [אוּן עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן דִי חִיצוֹנִים זָאלְן זַיין אִין דֶעם שְׁטוּבּ] מַאן גָרִים דָא [אוּן וֶוער אִיז גוֹרֵם דִי אַלֶע צָרוֹת] הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחַזֵי

מֵרֵישָׁהּ לְבַר. [דִי הָאר פוּן אַ פְרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס] וּמַה בְּבֵיתָא הַאי [אוּן דִי אַלֶע קְלָלוֹת רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר אִין שְׁטוּב] כָּל שֶׁכֵּן בְּשׁוּקָא [אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי וֶוען זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט אוֹיפְן גַאס מִיט דִי הָאר] וְכוּ'. לֵיידֶער הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אוּנְז נָאכְאַמָאל דִי קְלִיפָּה אַז הַיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי הָאר, אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וָואסֶערֶע צָרָה זֵיי בְּרֶענְגְן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיפְן גַאנְצְן הוֹיז-גֶעזוּנְט, אוֹיפְן מַאן, אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, דָאס בְּרֶענְגְט קְרִיגֶעַריי אִין שְׁטוּב, אוּן אָרֶעמְקֵייט, אוּן פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן רִימָאנוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אוֹיף אַ הָאר וְכוּ', אוּן עֶר הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף וֶוען מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אֲפִילוּ אֵיין הָאר פוּן אַ פְרוֹי, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען פַארְלֶענְגֶערְט דִי גָלוּת, אוּן לֵיידֶער הָאט זִיךְ דָאס אַרַיינְגֶעכַאפְּט נָאכְאַמָאל צְווִישְׁן דִי הַיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אַז זֵיי לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי אֵייגֶענֶע הָאר, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער זִינְד.

**וֶוער** גֶעדֶענְקְט דֶען נִישְׁט דִי דְרָשׁוֹת בַּיי יֶעדְן כָּל נִדְרֵי נַאכְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט גֶעוֵויינְט אוּן פַאפִּירְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי בַּיי-הָאר, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף

זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, און זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, נִישְׁט ווִי מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ פָּשׁוּטֶע חוּמְרָא, נָאר מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שֶׁעלְט אַ פְּרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אִירֶע הָאר, און אוֹיף דֶעם טָאר נִישְׁט דֶער מַאן אַיינְגֶעבְּן און זַיין אַ וַותְּרָן, נָאר עֶר דַארְף זִיךְ עַקְשָׁנְ'ען זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, און אַזוֹי אוֹיכֶעט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אוֹיפְפַאלֶענְדֶע קְלֵיידֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה מְעוֹרֵר זַיין דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, וֶועט אַרַיינְקוּמֶען אַ בְּרָכָה בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

## תשלד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְּבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן ווִי דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַזַא מִין בְּלָאטֶע פוּן פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ וַוייל דוּ גֶעבְּסְט נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי אוֹיגְן, און דוּ קוּקְסְט אוֹיף אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ', ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ח.) אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמַה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; און עֶס

אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם "אֵין חוּצְץ בִּפְנֵי הַתַּאֲוָה כַּעֲצִימַת הָעֵינַיִם" אוּן נָאךְ וֶוערְט נָאכְגֶעזָאגְט אַ מַאֲמַר הֶחָכָם "אֵין לְךָ אֵבֶר בְּאֵבְרֵי הָאָדָם שֶׁיִגְרוֹם לוֹ מִכְשׁוֹל כְּמוֹ הָעֵינַיִם". אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית נָאר וֶוען עֶר אִיז מַפְקִיר זַיינֶע אוֹיגְן אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף יֶעדֶע פְּרוּצָה וְכוּ' וָואס עֶס דְרֵייט זִיךְ אוֹיפְן גַאס, אוּן דָאס מַאכְט אִים מְשׁוּגָע. ווִי עֶס שְׁטֵייט אוּן דִי תּוֹכָחָה (דְּבָרִים כ"ח ל"ד) "וְהָיִיתָ מְשׁוּגָע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", וָוארוּם וֶוער סְ'הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן וֶוערְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) שֶׁרוֹב הַמְשֻׁגָּעִים מִשְׁתַּגְּעִים רַק מֵחֲמַת תַּאֲוַת נִאוּף. דָאס רוֹב מְשׁוּגָעִים וֶוערְן מְשׁוּגָע נָאר פוּן תַּאֲוַות נִאוּף. זֵיי לֵייגְן זִיךְ אַרַיין דֶעם גַאנְצְן קָאפּ אִין שְׁמוּץ וְכוּ', אוּן מֶען קוּקְט עֶקְלְדִיגֶע בִּילְדֶער וְכוּ', אוּן עֶר מוּז אָנְקוּקְן יֶעדֶע פְּרוּ' וָואס גֵייט אוֹיפְן גַאס וְכוּ', אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אוּן עֶס וֶוערְט זַיין הָארְץ פַארְדְרֵייט מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זַיין מוֹחַ וֶוערְט אִים פַארְקְרִימְט מִיט דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת.

**פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן** טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין דֶעם וְכוּ' וְכוּ',

וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן י"ט) אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן שׁוֹין אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע תַּאֲווֹת אוּן טוּעֶן אַפְּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע זִינְד רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן זֵיי זִינְקֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ חוֹק קָבוּעַ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג

כַּךְ וְכַךְ אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה, וֶועט דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זַיי אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זַייעֶר שְׁמוּץ, אוּן עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט דָאס כַּךְ וְכַךְ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לִימוּד חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס הַארְגֶעט אַוֶועק דֶעם יֵצֶר הָרַע אִינְגַאנְצְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה) יֶעצְט אַז דוּ ווילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע, זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְפַאנְגֶען הַיינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָה הָאט דֶעם כֹּחַ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיבֶעט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה כ"ב סִימָן ו) אִם בָּא יִצְרְךָ לְהַשְׁחִיקְךָ דוֹחֵהוּ בְּדִבְרֵי תוֹרָה; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה מְבַטֵל צוּ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרַע, נָאר דוּרְךְ לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין אַנְדֶערֶע עֵצוֹת, אוּן אוֹיב עֶס וֶועט נִתְגַּבֵּר וֶוערְן אוֹיף דִיר דַיין יֵצֶר הָרַע, אִיז אַ סִימָן אַז דוּ לִיגְסְט נָאךְ אִין דַיין רִשְׁעוּת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן פ"א) מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְבַטֵּל אֶת הַיֵּצֶר הָרַע עַל יְדֵי הַמְשָׁכַת אוֹתוֹ לְבֵית הַמִדְרָשׁ יֵדַע שֶׁעֲדַיִין בְּרִשְׁעָתוֹ קַיָּם; אִיבֶּערְדֶעם פָאלְג מִיר, הֵייבּ אָן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען פוּן דַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר אַזוֹי ווִי אַ פַּייעֶר וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ הָאף דו וֶועסְט מִיר פָאלְגְן און דו וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין, וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פון דִי עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע תַּאֲוָה וְכוּ׳, און דו וֶועסְט וֶוערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

# תשלה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר דְּבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״ד**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דו פְרֶעגְסְט מִיר וָואס אִיז מַיין מֵיינוּנְג אוֹיף דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה? מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה׳) דָאס דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן אִיז צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, און עֶר טַייטְשְׁט דִי פָּסוּק ״צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת״, דָאס הֵייסְט ׳צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם׳, וָואסְפַאַרְא צְדָקָה בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג? ׳וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת׳ אַז מֶען גֶעבְּט צוּ דְרִיקְן דִי סְפָרִים פון דֶעם אֱמֶתְ׳ן צַדִיק; גֶעוֶוענְדְלִיךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט צְדָקָה אִיז דָאךְ אַ גְרוֹסֶע זַאךְ, מֶען גֶעבְּט אֵיינֶעם עֶסְן, הָאט עֶר אָפְּגֶעגֶעסְן און שְׁפֶּעטֶער דַארְף עֶר נָאכְאַמָאל עֶסְן, מָארְגְן דַארְף עֶר נָאכְאַמָאל עֶסְן, אָבֶּער צְדָקָה וָואס מֶען גֶעבְּט צוּ דְרִיקְן אַ סֵפֶר, דִי סֵפֶר בְּלַייבְּט אוֹיף דוֹרֵי דוֹרוֹת, דֶערְפַאר זָאגְן דִי חֲזַ״ל (מִדְרָשׁ תְּהִלִּים קו) אוֹיפְן

פָּסוּק (תְּהִלִּים קו) "עוֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת, זֶה הַכּוֹתֵב סְפָרִים וּמַשְׁאִילָן לַאֲחֵרִים", אֵיינֶער שְׁרַייבְּט סְפָרִים אוּן עֶר צוּשְׁפְּרֵייט דָאס פַאר אַנְדֶערֶע, דָאס בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג, אוּן דָאס גֵייט מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן דִי קוּנְטְרֵסִים, סְ'אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעדְרִיקְט הַיינְט אוֹיף צְוֶועלְף שְׁפְּרַאכְן, אוּן עֶס גֵייט אִיבֶּערְאַל אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק מִיט דֶעם, אִיבֶּערְדֶעם דַיין גַאנְצֶע צְדָקָה זָאל זַיין מִיךְ אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן דְרִיקְן וָואס מֶער קוּנְטְרֵסִים; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי סְפָרִים טוּעֶן אוֹיף. הַיינְטִיגֶע צַייטְן גֵייט דוּרְךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה וְטַהֲרָה וְכוּ', אִינְגֶעלַייט מוּזְן גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט וָואס אִיז פִיל מִיט פְּרִיצוּת אוּן עֶקְלְהַאפְטִיגֶע גוֹיטֶע'ס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם וִוי דִי חַיּוֹת כִּמְעַט אָן בְּגָדִים וְכוּ', אוּן דִי נִסְיוֹנוֹת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶס וֶוערְט זֵייעֶר בִּיטֶער פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲווֹנוֹת פוּן חַטֹּאוֹת נְעוּרִים הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, וָואס דֶער חֵטְא אִיז מְטַמְטֵם דָאס הַארְץ אוּן פַארְדְרֵייט דֶעם מוֹחַ אִינְגַאנְצְן, אוּן אַז אֵיינֶער אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִיז אִים זֵייעֶר פוּנְסְטֶער דָאס לֶעבְּן, אוּן עֶר זוּכְט עֶפֶּעס אַ שְׁפַּאלְט פוּן לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן דַיְיקָא דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס וֶוערְן צוּשְׁפְּרֵייט דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ חַיּוּת אוּן אַ דֶערְקְוִויקוּנְג פַאר דִי וָואס זֵיי קוּקְן אִין דֶעם אַרַיין, וָוארוּם דִי סְפָרִים טוּעֶן שְׁטַארְקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, אִיבֶּערְדֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה וִוי צוּ גֶעבְּן פַאר דְרִיקְן

דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים, וּבִפְרַט אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן וְכוּ', אוֹיבּ עֶר ווִיל פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן זָאל עֶר גֶעבְּן אוֹיף דְרִיקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף סִימָן מ"א) תִּיקוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה; אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דְרִיקְן און צוּשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, און קוּנְטְרֵסִים, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ תִּיקוּן גָמוּר אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, און עֶס וֶועט דִיךְ לֶעבְּטִיג וֶוערְן. וָוארוּם וֶוען מֶען מַאכְט לֶעבְּטִיג פַאר אַן אַנְדֶערְן אִיד דֶעם לֶעבְּן, בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה און עֶס וֶוערְט פַאר אִים לִיכְטִיג. אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס דְרִיקְן דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

# תשלו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין אַזוֹי צוּבְרָאכְן וֶועגְן דִי צָרוֹת וָואס דוּ מַאכְסְט מִיט וְכוּ', עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (הַקְדָּמָה ד.) מַאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא, עַד לָא יֵיתוּן הָכָא. מַאן

מִנְכוֹן דִמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר וְכוּ' מַאן דְלָא מְצַפֶּה דָא בְּכָל יוֹמָא בְּהַהוּא עָלְמָא, לֵית לֵיה חוּלְקָא הָכָא; [וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם פוּנְקְטֶער פַּאר לֶעבְּט, דָאס בִּיטֶערְנִישׁ פַאר זִיסְקֵייט אוֹיף דֶעם וֶועלְט וְכוּ', וֶוער פוּן אַייךְ וַוארְט יֶעדְן טָאג צוּם בַּאהַאלְטֶענֶעם לֶעבְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶס וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט בִּשְׁעַת דִי גְאוּלָה וְכוּ', וֶוער עֶס קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא] זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ דָאס אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ פוּנְקְטֶערְנִישׁ אוּן בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דְרֵייט עֶר דָאס אִיבֶּער צוּ לֶעבְטִיגְקֵייט אוּן צוּ זִיסְקֵייט, דֶער אִיז זוֹכֶה אַז סְ'לַייכְט אוֹיף אִים דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער לֶעבְט, דֶער אוֹר הַגָּנוּז וָואס עֶס וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט, אוּן זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן מְחַיֶה זַיין מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס דוּ הָאסְט, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד הָאט יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת הוּנְדֶערְט מִצְווֹת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט' הֲלָכָה ה') תָּנֵי בְּשֵׁם רַבִּי מֵאִיר אֵין לְךָ אֶחָד מִיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה מֵאָה מִצְוֹת בְּכָל יוֹם. קוֹרֵא אֶת שְׁמַע וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וְאוֹכֵל אֶת פִּתּוֹ וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וּמִתְפַּלֵּל שְׁשָׁה פְּעָמִים שֶׁל שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וְחוֹזֵר וְעוֹשֶׂה שְׁאָר מִצְוֹת וּמְבָרֵךְ עֲלֵיהֶן. וְכֵן הָיָה רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר אֵין לְךָ אָדָם בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין הַמִּצְוֹת מַקִּיפוֹת אוֹתוֹ. תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ, וּמְזוּזָה

בְּפִתְחוֹ, מִילָה בִּבְשָׂרוֹ, אַרְבַּע צִיצִיּוֹת בְּטַלִּיתוֹ מַקִּיפִין אוֹתוֹ. הוּא שֶׁדָּוִד אָמַר (תְּהִלִּים קי"ט) "שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ". וְכֵן הוּא אוֹמֵר (תְּהִלִּים ל"ד) "חוֹנֶה מַלְאַךְ הֲוָיָ"ה סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם"; און דָאס הָאט יֶעדער אִיד. נָאר עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם, מְמֵילָא שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט דִי לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן דִי הוּנְדֶערְט מִצְוֹת. אָבֶער וְויסְן זָאלְסְטוּ וְויסְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו; וָוארוּם וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, וַוייזְט עֶר זַיין רֵיינֶע הַארְץ אַז עֶר מֵיינְט נָאר פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט פוּן דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר מוֹרָא אִיבֶּערְדֶעם בְּרֶענְגְט עֶר אַרֵיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ עַצְבוּת, אַ טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט, אַ פִינְסְטֶערְקֵייט, וְכוּ', וְכוּ', בִּיז עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוֹת, און עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זִ"ע הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זַ"ל פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ? עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַלֶע פַארְהוֹילֶענֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ', און עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא פָּנִים אֶל פָּנִים וְכוּ', אִיז נָאר וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַ מִצְוָה, אַז אַלֶע גֶעלְטֶער אִין דֶער וֶועלְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעוִוינֶען קוּמְט נִישְׁט צוּ דִי שִׂמְחָה ווִי וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי מְקַיֵּים זַיין אֵיין מִצְוָה. בַּיי אַ יֶעדֶע מִצְוָה אִיז עֶר גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַזוֹי ווִי עֶר הָאט פַארְדִינְט דָאס גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן וָואס עֶס אִיז נָאר דָא

אויף דֶער וֶועלְט. אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, און זַיי אויבֶּעט פְֿרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס דוּ בִּיסְט מְקַיֵּים יֶעדְן טָאג. דוּ הָאסְט אַ בָּארְד און פֵּיאוֹת וָואס דָאס אִיז אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, פְֿרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם. דוּ גֵייסְט מִיט אַ טַלִּית קָטָן, קוּק אויף דֶעם אַגאנְצְן טָאג, וֶועסְטוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹות עֲשֵׂה פוּן 'וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ'. ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק א' הֲלָכָה ב') תָּנֵי בְּשֵׁם רַבִּי מֵאִיר 'וּרְאִיתֶם אוֹתָהּ' אֵין כְּתִיב כַּאן, אֶלָּא "וּרְאִיתֶם אוֹתוֹ" מַגִּיד שֶׁכָּל הַמְקַיֵּים מִצְוַת צִיצִית כְּאִילוּ מְקַבֵּל פְּנֵי שְׁכִינָה; דָאס הֵייסְט וֶוען מֶען קוּקְט אויף דִי צִיצִית כִּבְיָכוֹל קוּקְט מֶען אויפְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וָוארוּם דִי מִצְווֹת דָאס אִיז כִּבְיָכוֹל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, און מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אויף דִי צִיצִית און פְֿרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי צִיצִית, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן תַּאֲוַות נִאוּף, און עֶר הָאט אַ רְפוּאָה. וָוארוּם מִיט דִי שִׂמְחָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ פְֿרֵיידְט זִיךְ מִיט מְקַיֵּים זַיין מִצְוַות צִיצִית, וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. און אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פְֿרֵייעֶן מִיט דִי תְּפִילִין וָואס דוּ הָאסְט הַיינְט אָנְגֶעטוּהְן, און דוּ זָאלְסְט זִיךְ פְֿרֵייעֶן דָאס דוּ הָאסְט אַ מְזוּזָה אויף דִי טִיר וְכוּ', וָואס דָאס הָאט יֶעדֶער אִיד, און עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז זַיין פַארְמֶעגְן, און דִי מִצְווֹת וֶועט עֶר מִיטְנֶעמֶען אויף יֶענֶער וֶועלְט, און דָאס וֶועט אִים לַייכְטְן און שַׁיינֶען אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת. אִיז פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן שׁוֹין אויף דִי וֶועלְט זִיךְ פְֿרֵייעֶן מִיט דִי מִצְווֹת?

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

## תשלז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר דְּבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זַייסְן זָאלְסְטוּ וויסְן דָאס אוֹיף דִי וֶועלְט מוּז מֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין, שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, גֶעדֶענְקְן אַז דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּקְט אוֹיף אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, און וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט דָאס, דֶעמָאלְטְס גֵייט אִים זַיין לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ע"ב:) אוֹי לָהֶם לְשׂוֹנְאֵיהֶן שֶׁל תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁעוֹסְקִין בַּתּוֹרָה וְאֵין בָּהֶם יִרְאַת שָׁמַיִם; וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז מוֹרָא הָאבְּן פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, גֶעדֶענְקְן דָאס עֶר קוּקְט און זֶעהְט וָואס מִיר טוּעֶן.

דִי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת כ"ח:) וֶוען דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זֵיי בֶּענְטְשְׁן פַאר זַיין אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט דִי בְּרָכָה יְהִי רָצוֹן שֶׁתְּהֵא מוֹרָא שָׁמַיִם עֲלֵיכֶם כְּמוֹרָא בָּשָׂר וָדָם, אָמְרוּ לוֹ תַּלְמִידָיו עַד כַּאן? אָמַר לָהֶם וּלְוַאי, תֵּדְעוּ

כְּשֶׁאָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אוֹמֵר שֶׁא יִרְאַנִי אָדָם; דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז זֵיי זָאלְן אַזוֹי מוֹרָא הָאבְּן פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן מוֹרָא פַאר אַ מֶענְטְשׁ, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה? הָאט עֶר זֵיי גֶעֶנְטְפֶערְט אִיר מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ קְלֵיינֶע בְּרָכָה? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִינְדִיגְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן פַארְשְׁטֶעקְט עֶר זִיךְ אִין אַ פַארְבָּארְגְן פְּלַאץ כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זֶעהְן, וָוארוּם עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פַאר מֶענְטְשְׁן, הַלְוַואי זָאל זִיךְ אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעמֶען אוּן פָארְכְטְן פַאר בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִי עֶר שֶׁעמְט זִיךְ אוּן פָארְכְט זִיךְ פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם.

**אַ** מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן קוּקְט אוֹיף שְׁמוּץ, אוּן אַ בַּאהַאלְטְן אָרְט, כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קוּקְן אוּן זֶעהְן וָואס עֶר קוּקְט וְכוּ' וְכוּ', עֶר שֶׁעמְט זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן גֶעווָאוּיר וֶוערְן וָואס עֶר טוּט, אָבֶער עֶס פַאלְט אִים נִישְׁט אַיין אַז פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעקְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר זָאל זִיךְ שְׁרֶעקְן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר זָאל ווִיסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּקְט אוֹיף אִים שְׁטֶענְדִיג, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה פָּרָשָׁה ג' סִימָן י"ח) גְדוֹלָה הִיא הַיִּרְאָה שֶׁשָּׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא בִּזְכוּת הַיִּרְאָה, הֲדָא הוּא דִכְתִיב (קֹהֶלֶת ג') "וְהָאֱלֹהִים עָשָׂה שֶׁיִּרְאוּ מִלְּפָנָיו"; אַ אִיד וָואס עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער זֶעהְט נָאר נִיסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט אִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט

גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יְשׁוּעָה סִימָן כ"ד) הַנֵּס בָּא עַל יְדֵי יִרְאָה; אַז מֶען הָאט מוֹרָא פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֶעהְט מֶען נִיסִים. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יִרְאָה סִימָן י"ט) מִי שֶׁהוּא דָבוּק תָּמִיד בְּיִרְאַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ נִסִּים; ווידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יִרְאָה סִימָן כ"ד) מִי שֶׁאֵין בּוֹ יִרְאָה אֵינוֹ הוֹלֵךְ בְּדֶרֶךְ הַשֵּׁם; וָוארוּם דֶער עִיקָר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז זִיךְ אַיינְצוּקוֹיפְן דִי מִדָּה פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, מוֹרָא צוּ הָאבְּן פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִין דִי מִינוּט וָואס עֶר הָאט מוֹרָא נָאר פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט.

אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אֵיינְמָאל אַז דוּ וֶועסְט דָאס הָאבְּן וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן אַלְסְדִינְג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

## תשלה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר דְּבָרִים רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם אָב ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאלְסְט ווִיסְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, לֶערְנֶען מִיט

אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וְוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיאֵל י"ב) "וּמַצְדִיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד" אֵלוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת; וָואס דֶער פָּשׁוּטֶער פֵּירוּשׁ אִיז, אַזוֹי וְוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְן אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דֶעם זְכוּת פוּן דִי מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אֱמוּנָה, וָואס דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וְוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִים קי"ט) "כָּל מִצְווֹתֶיךָ אֱמוּנָה" אַלֶע מִצְוֹת פוּן דִי תוֹרָה בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אֱמוּנָה, וּבִפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס דֶער עֵרֶב רַב זֶענֶען זֵייעֶר צֶעשְׁפְּרֵייט, אוּן הָאבְן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַלֶע עֶרְלֵיי כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אִיז אַ מִצְוָה צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, כְּדֵי זֵיי זָאלְן בַּאהִיט וֶוערְן פוּן אַלֶע דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת וָואס אִיז יֶעצְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס לֵיידֶער דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן דִי בֶּעסְטֶע זֶענֶען אִין דֶעם אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן. אוּן מֶען דַארְף גְרוֹיס רַחֲמִים אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דֶעם נֶץ פוּן כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, וָוארוּם פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִיז הַיינְט זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דֶערְגְרֵייכְן.

**אַ** מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן גְרוֹיס גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיב עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד טָאר עֶר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, דִי וֶועלְט כַאפְּט נִישְׁט דָאס צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז דִי טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ, וָוארוּם עֶר שְׁטֶעלְט אוֹיף דִי צוּקוּנְפְט פוּן זַיין קִינְד אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְן, אַ מְלַמֵּד

קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם קִינְד עֶר זָאל זַיין אַ מוּצְלָח דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן, אָדֶער עֶר קֶען אִים חָרוּב מַאכְן אוֹיף דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶועמֶען מֶען נֶעמְט אַ מְלַמֵד, אַ מְלַמֵד טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, וֶוער עֶס שְׁלָאגְט אַ קִינְד טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חָכְמָה אוּן אַ מְלָאכָה וויאַזוֹי צוּ הַאלְטְן אַ כִּיתָּה מִיט קִינְדֶער אוּן מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אוֹיף זֵיי שְׁרַייעֶן, אָדֶער שְׁלָאגְן חַס וְשָׁלוֹם, וֶוער סְ'קֶען נִישְׁט דִי חָכְמָה קֶען נִישְׁט זַיין אַ מְלַמֵד.

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן אַז דֶער תַּלְמִיד אִיז זַיין קִינְד, אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְשֶׁעמֶען זַיין קִינְד בְּרַבִּים, אַזוֹי טָאר עֶר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען קַיין שׁוּם קִינְד בְּרַבִּים, אַ קִינְד דַארְף הָאבְן אַסאַך וַוארִימְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ' וְכוּ', עַל פִּי רוֹב קִינְדֶער קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וָואס עֶס הֶערְשְׁט נִישְׁט דָארְטְן קַיין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ', אָדֶער עֶס הֶערְשְׁט דָארְטְן גְרוֹיס אָרֶעמְקֵייט וְכוּ', אָדֶער מֶען קוּמְט פוּן אַ צוּבְּרָאכֶענֶעם שְׁטוּב וְכוּ', אִיז אַזאַ קִינְד שְׁטֶענְדִיג אַ דֶערְשְׁרָאקֶענֶער וְכוּ', דַארְף דֶער מְלַמֵד צוּגֵיין צוּ אִים זַייעֶר אֵיידְל, קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אִים נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן, וָוארוּם מֶען קֶען אִים פַארְקְרִיפְּלְן אוֹיף דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם אַ מְלַמֵד וָואס עֶר קֶען נִישְׁט דֶער פַאךְ, טָאר בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ: (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ״ה סְעִיף ט״ז) וְאֵין לְמְלַמֵד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַאי שֶׁלֹא יִהְיֶה עָצֵל

בַּיּוֹם לִלְמוֹד וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה אוֹ לַעֲצוֹר בְּמַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה אוֹ לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִדַּאי כִּי כָּל אֵלּוּ הַדְּבָרִים גּוֹרְמִים שֶׁלֹּא יוּכַל לְלַמֵּד הֵיטֵב וְכָל הַמְשַׁנֶּה יָדוֹ עַל הַתַּחְתּוֹנָה וּמְסַלְּקִין לֵיהּ; [אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט, כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן גֶעדוּלְד בַּייטָאג מִיט דִי קִינְדֶער. אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט פַּאסְטְן, עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער. אוּן אוֹיבּ עֶר הַאלְט דָאס נִישְׁט אַיין קֶען עֶר קַיין מְלַמֵּד נִישְׁט זַיין, אוּן מֶען דַארְף אִים אַוֶועקְשִׁיקְן]. אַ מְלַמֵּד דַארְף זַיין אוֹיסְגֶעשְׁלָאפְן אוּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, כְּדֵי עֶר זָאל זַיין מִיט גֶעזוּנְטֶע נֶערְוְון, אוּן נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן זַיין כַּעַס אוּן צָארְן אוֹיף דִי טַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ, וָואס דָאס זֶענֶען דִי לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ.

**אַ** מְלַמֵּד דַארְף ווִיסְן אַז עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגְן אַחֲרָיוּת, ווִיאַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ פִירְן מִיט דִי תַּלְמִידִים אַזוֹי וֶועט עֶר זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן, עֶס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זִינְד אוֹיף אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁפֶּעט נָאךְ אַ קִינְד פַאר אַלֶע קִינְדֶער, עֶר פַארְקְרִיפְּלְט אִים אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן. אַ מְלַמֵּד וָואס טוּט דֶערְנִידֶערְן אַ תַּלְמִיד אִיז אַ רָשָׁע מְרוּשָׁע אוּן עֶר טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד. אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁלָאגְט, דֶער טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד, עֶר דַארְף אַרְבֶּעטְן נָאר בַּיי דִי סֶענִיטֶעשְׁין בְּלַעַ"ז דִי וָואס זֵיי קְלוֹיבְּן דָאס מִיסְט, זֵיי נֶעמֶען צוּזַאם דִי מִיסְט קַאסְטֶענֶעס אוּן וַוארְפְן עֶס אַרַיין מִיט רְצִיחָה אִינֶעם טְרָאק, אוּן נָאכְדֶעם וַוארְפְן זֵיי דָאס צוּרִיק אוֹיפְן סַייד-וָואק וְכוּ' וְכוּ', אֵיינֶער

וָואס עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוטוּהְן מִיט זַיינֶע הֶענְט נָאר שְׁלָאגְן קִינְדֶער, דַארְף נָאר אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי גַארְבִּיטְשׁ טְרָאק, און אַרייַנְוַוארְפְן מִיט רְצִיחָה דִי גַארְבִּיטְשׁ קֶענְס וְכוּ' וְכוּ'.

**לֵיידֶער** לֵיידֶער רוֹב קִינְדֶער וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוּים לְתַרְבּוּת רָעָה אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן אִיז נָאר דִי מְלַמְדִים'ס שִׁילְד, ווייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וויאַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּקוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען שְׁלָאגְט דִי תַּלְמִידִים, מֶען דֶערְנִידֶערְט זֵיי מִיט זִידְל וֶוערְטֶער און גֶעשְׁפֶּעט, בִּיז דָאס קִינְד וֶוערְט זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, און עֶר וַוארְט קוֹים אַז עֶר וֶועט גְרֶעסֶער וֶוערְן וֶועט עֶר אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם גַאנְצְן אִידִישְׁקֵייט וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף זִיךְ אַ מְלַמֵּד זֵייעֶר מְיַישֵּׁב זַיין דָאס מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ קְלַאס פִּיל מִיט דִימַאנְטְן, וָוארוּם יֶעדֶער קִינְד אִיז אַן אַנְדֶערְן סָארְט דִימַאנְט, און מֶען דַארְף זֵיי טֵייעֶר הַאלְטְן ווי דָאס טֵייעֶרְסְטֶע דִימַאנְט.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם מְלַמֵּד וָואס עֶר נֶעמְט אַריין דִי וֶוערְטֶער בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, און עֶר וֵוייסְט וויאַזוֹי צוּ מְקָרֵב זַיין דִי תַּלְמִידִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

# תשלט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר דְּבָרִים ג' מְנַחֵם אָב ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֶעהְן אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין דִי עֲבוֹדָה זָרָה וָואס הֵייסְט 'בַּעַל פְּעוֹר' וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבוֹדָה זָרָה, וָואס אִיר גַאנְצֶע דִינֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶקְלְדִיג, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה י"ד) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ל"ד ו) "וַיִּקְבֹּר אוֹתוֹ בַגַּי בְּאֶרֶץ מוֹאָב מוּל בֵּית פְּעוֹר" וְגוֹ', מִפְּנֵי מַה נִקְבּוֹר מֹשֶׁה אֵצֶל פְּעוֹר, כְּדֵי לְכַפֵּר עַל מַעֲשֵׂה פְּעוֹר. ווִידֶערְאוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (מִדְרָשׁ אַגָּדָה) מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען דֶער גוֹאֵל הָרִאשׁוֹן, אוּן מֹשֶׁה וֶועט זַיין דֶער גוֹאֵל הָאַחֲרוֹן; אַזוֹי וִוי דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבוֹדָה זָרָה פוּן 'בַּעַל פְּעוֹר' אַזוֹי פַאר דִי גְאוּלָה וֶועט נָאכְאַמָאל אַרָאפְּקוּמֶען דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבוֹדָה זָרָה וָואס הֵייסְט 'בַּעַל פְּעוֹר' וָואס דָאס אִיז בְּלִי שׁוּם סָפֵק דִי כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס הֵייסְט אֵיי פָאוּן, בְּלֶעקְבֶּערִי, אֵיי פַּאד, אֵיי פֶּעד, עֶנְדְרוֹאוִיד, סְמַארְטְפוֹן וְכוּ' וְכוּ', אַז אָךְ אוּן וֵויי דִי וָואס זֵיי הָאבְּן דָאס בַּיי זִיךְ אִין קֶעשֶׁענֶע וְכוּ', דָאס אִיז אַזַא עֶקְלְדִיגֶע עֲבוֹדָה זָרָה וָואס אֵיינְמָאל מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם, וָוארוּם דָאס אִיז בְּלוֹיז נִיאוּף אוּן שְׁמוּץ וְכוּ', אוּן נִיאוּף בְּרֶענְגְט צוּ

כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט הַאלְטְן בַּיי זִיךְ דֶעם כְּלֵי מַשְׁחִית, וָוארוּם וֶוער עֶס הַאלְט דָאס וֶועט הָאבְּן אַ בִּיטֶערְן סוֹף, עֶר וֶועט זִיךְ דַארְפְן גֶטְ'ן פוּן זַיין וַוייבּ וְכוּ', אוּן פַארְלִירְן זַיינֶע קִינְדֶער וְכוּ', אוּן וֶועט פַארְלִירְן זַיין פַּרְנָסָה וְכוּ', וָוארוּם נִיאוּף מַאכְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ אַ מֶענְטְשׁ, ווייל אִיז דֶעם וָואס הַאלְט נִישְׁט בַּיי זִיךְ דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבוֹדָה זָרָה פוּן 'בַּעַל פְּעוֹר'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ב) **אַז** עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְדוּשָּׁה דָאס וואוּ אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זֶעהְט עֶר נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן לְהֵיפֶּךְ אִיז פַארְהַאנֶען אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִיפָּה, דָאס וואוּ עֶר דְרֵייט זִיךְ זֶעהְט עֶר רַחֲמָנָא לִיצְלָן נִיאוּף; דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ח.) אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; וְאָמַר הַחָכָם "אֵין חוֹצֵץ בִּפְנֵי הַתַּאֲוָה כַּעֲצִימַת הָעֵינַיִם" וְאָמַר "אֵין לְךָ אֵבֶר בְּאֵבְרֵי הָאָדָם שֶׁיִגְרוֹם לוֹ מִכְשׁוֹל כְּמוֹ הָעֵינַיִם". אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק א' הֲלָכָה ה') לִיבָּא וְעֵינָא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דְחֶטְאָה, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִי יְהָבִית לִי לִיבָּא וְעֵינָא, אֲנָא יָדַע דְאַתְּ לִי; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאגְט פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבְּן דַיין הַארְץ אוּן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועל אִיךְ וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט מַיינֶער. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר הִיטְן אוֹיף דִי אוֹיגְן, וָוארוּם אַז נִישְׁט וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹכָחָה (דְבָרִים כ"ח ל"ד) "וְהָיִיתָ

מְשׁוּגָע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", וֶוער עֶס הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף יֶעדְן פְּרוֹי וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְן גַאס, אָדֶער עֶר קוּקְט אוֹיף אַלֶע עֶרְלֵיי כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס מֶען זֶעהְט דָארְטְן אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּץ וְכוּ' וְכוּ', דֶער וֶוערְט מְשׁוּגָע אִינְגַאנְצְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) אַז רוֹב מְשׁוּגָעִים וֶוערְן מְשׁוּגָע נָאר דוּרְךְ תַּאֲוַת נִיאוּף; אִיבֶּערְדֶעם אִיז ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שַׁיְיכוּת צוּ דִי אַלֶע שְׁמוּץ, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שַׁיְיכוּת צוּ דֶעם, וָוארוּם אָן תְּפִלָּה וֶועט דָאס נִישְׁט גֵיין, דֶער יֵצֶר הָרַע פוּן נִיאוּף אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק דָאס מֶען קֶען נִישְׁט בֵּיישְׁטֵיין אַקֶעגְן דֶעם נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַ אִיד דַארְף בֶּעטְן אוֹיף הֵיילִיגֶע רֵיינֶע אוֹיגְן, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט רֵיינֶע אוֹיגְן קֶען עֶר זֶעהְן בְּעֵינֵי בָשָׂר גֶעטְלִיכְקֵייט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') דָאס אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען קוּקְן אוֹיפְן שֵׂכֶל וָואס עֶס אִיז דָא אִין יֶעדְן זַאךְ, דָאס הֵייסְט אוֹיפְן גֶעטְלִיכְקֵייט וָואס עֶס דֶערְהַאלְט דִי זַאךְ. וָוארוּם דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גֶעטְלִיכְקֵייט פוּן דִי בְּרִיאָה, ווַייל מֶען שׁוֹין נַארְנִישְׁט, וָוארוּם דִי זִיסְקֵייט אוּן דִי לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן זֶעהְן גֶעטְלִיכְקֵייט פַארְבְּלֶענְדְט אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים, "יִתְפָּרְדוּ כָּל פּוֹעֲלֵי אָוֶן".

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג**

# תשמ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ז' מְנַחֵם אָב ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** ווייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן ווֶען דוּ הָאסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַאר דִיר.

דִי גַאנְצֶע צָרָה מִיט דִיר אִיז אַז דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָוארוּם ווֶען דוּ וָואלְסְט זִיךְ בַּאפְלֵייסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר אִין "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" אוּן אוֹיף יֶעדֶע תּוֹרָה וָואלְסְטוּ גֶעזָאגְט דִי תְּפִלָּה פוּן "לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת" דֶעמָאלְט וָואלְסְטוּ גֶעשְׁפִּירְט אַן אַנְדֶער חַיּוּת אִין דַיין לֶעבְּן, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין סֵפֶר אִיז 'אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה', עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז מָשִׁיחַ ווֶעט זָאגְן אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", ווֶער סְ'אִיז זִיךְ גוּט מִתְבּוֹנֵן אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵפֶר "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" אוּן עֶר אִיז בָּקִי אִין סְפָרִים וְכוּ', זֶעהְט עֶר ווִי אַלֶעם לִיגְט פַארְשְׁטֶעקְט אִין יֶעדֶע תּוֹרָה אִין "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", דִי גַאנְצֶע חָכְמַת הַקַבָּלָה לִיגְט אִין דֶעם "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" מִיט אַ וואוּנְדֶערְלִיכְן ווֶעג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעטְרָאכְטְן דָאס יֶעדֶער קִינְד זָאל אוֹיכֶעט הָאבְּן אַ הַשָּׂגָה אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מַאכְן אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן סֵפֶר "עֵץ חַיִּים" פוּן דֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, נָאר אַ פֵּירוּשׁ פָּשׁוּט קֶען מֶען נִישְׁט, זָאג אִיךְ דָאךְ תּוֹרָה דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט מַאכְן קַיין פֵּירוּשׁ. דָאס הֵייסְט אַז לוֹיט דִי תּוֹרוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם גַאנְצְן "עֵץ חַיִּים" אוּן "פְּרִי עֵץ חַיִּים" אוּן דִי "שְׁמוֹנָה שְׁעָרִים" אוּן דִי אַנְדֶערֶע כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל. וָוארוּם דִי גַאנְצֶע כַּוָּונָה פוּן דֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אִיז גֶעוֶוען אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגְן גֶעטְלִיכְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, מְגַלֶּה זַיין וִויאַזוֹי דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים זֶעהְן אוֹיס, אוּן וִויאַזוֹי מֶען אִיז מְחַבֵּר אוּן מְיַיחֵד דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט, אוּן יֶענֶע וֶועלְט מִיט דִי וֶועלְט, אוּן דָאס אִיז דִי תּוֹרוֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אוֹיךְ** אִיז זֵייעֶר גוּט אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדְן טָאג מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" אוּן אִין סֵפֶר "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" וָואס דָאס אִיז דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט פַארְשְׁרִיבְּן, אוּן דָאס אִיז אַמָאל זִיכֶער אֱמֶת, וָוארוּם דִי אַנְדֶערֶע שִׂיחוֹת בַּעַל פֶּה דַארְף מֶען גוּט מְבָרֵר זַיין וָואס אִיז אֱמֶת אוּן וָואס אִיז סְתָם דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

**אוֹיךְ** אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס') דִי מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט, אוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְן אִים אוֹיף. אוּן מֶען זֶעהְט דָאס אִידִישׁ פוּן

די מַעֲשִׂיּוֹת צִיט זֵייעֶר דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם אִיז כְּדַאי יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת" אוֹיף אִידִישׁ, וָוארוּם דָאס צִיט זֵייעֶר דָאס הַארְץ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אוֹיךְ** אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם "סֵפֶר הַמִּדּוֹת" וָוארוּם דִי מִדּוֹת דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אָן מִדּוֹת אִיז מֶען אַ חַיָּה בִּדְמוּת אָדָם. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן אַרְבֶּעטְן צוּ פַּארְרֶעכְטְן דִי מִדּוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי"ע זָאגְט, בִּיז דִי אַכְצְן יָאר קֶען מֶען נָאךְ פַּארְרֶעכְטְן דִי מִדּוֹת, שְׁפֶּעטֶער אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען צוּגֶעוואוֹינֶען יוּנְגֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ סֵפֶר הַמִּדּוֹת, וָואס דָאס וֶועט זֵיי שְׁטַארְקְן פַּארְרֶעכְטְן דִי מִדּוֹת.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. דֶער עִיקָר פַּאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ וָוארוּם אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אִיז נָאר וַוייל דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, ווִי גֶעשִׂיקְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּרָב צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים? עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר, אוּן חַזֶרְן אוּן חַזֶרְן בִּיז מֶען זָאל עֶס קֶענֶען אוֹיסֶעוֶוייגִיג, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז דָאס מְקַיֵּים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

# תשמא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ז׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹים דַיין בִּיטֶער הַארְץ.

**דוּ** דַארְפְסְט וויסְן אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, צָרוֹת מִיט יִסוּרִים בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וֶוערְט גֶעמָאסְטְן וִויאַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן אַ יֶעדֶע זַאךְ.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, דָאס הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם ווּאוּנֶדֶערְלִיכְן וֶועג דָאס יֶעדֶער אִיד קֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַזוֹי ווִי מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹים דָאס הַארְץ פַאר אַ טַאטְן, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶע צָרוֹת, וָואס דֶער טַאטֶע קֶען אִים אוֹיךְ נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן וַוייל עֶר אִיז אַלֵיין אִין צָרוֹת, בְּאֵין עֶרֶךְ כְּלַל, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אוּנְזֶער טַאטֶע פוּן הִימְל, עֶר קֶען אוּנְז אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי הֶעלְפְן, אִיבֶּערְדֶעם וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דוּ זָאלְסְט אִים יֶעדֶע זַאךְ דֶערְצֵיילְן.

ס'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר פַאלְט אַרַיין אִין דִיפְּרֶעסְיֶע טְרוֹיעֶרִיג אוּן מְיוּאָשׁ וְכוּ' וְכוּ', אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס עֶר קֶען, אֲפִילוּ נַארִישׁ מַאכְן זִיךְ וְכוּ', אָבֶער פְרֵיילִיךְ זָאל עֶר זַיין, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) וֶועלְדִיג דִי צָרוֹת וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט דוּרְךְ בְּזֶה הָעוֹלָם קֶען מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ זַיין נָאר מִיט נַארִישׁ מַאכְן זִיךְ, דָאס הֵייסְט טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט זִיךְ צִיעֶן צוּ עַצְבוּת, עַצְבוּת אִיז דִי סִטְרָא אַחֲרָא, דָאס אִיז דִי סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין, עַצְבוּת קֶען בְּרֶענְגְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי אַרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת אִין דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן מִקַארְלִין זי"ע הָאט גֶעזָאגְט 'עַצְבוּת אִיז נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה, נָאר וָואס עַצְבוּת קֶען בְּרֶענְגְן קֶען דִי אַרְגְסְטֶע עֲבֵירָה נִישְׁט בְּרֶענְגְן' דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז טְרוֹיעֶרִיג קֶען עֶר טוּהְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אִין דֶער וֶועלְט, אוּן נִכְשָׁל וֶוערְן אִין אַלֶע ווִיסְטֶע זִינְד רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

מֶען זֶעהְט הַיינְט בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה וְכוּ' וְכוּ', פוּן וַואנֶעט קוּמְט דָאס? קֵיינֶער גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט זֵיי, זֵיי לַיידְן פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין תְּשׂוּמַת לֵב ווִי מֶען רוּפְט 'עֶטֶענְשִׁין' וֶוען זֵיי זֶענֶען קְלֵיין גֶעוֶוען, זוּכְן זֵיי יֶעצְט תְּשׂוּמַת לֵב וָואס עֶס הֵייסְט עֶטֶענְשִׁין בְּלַעַ"ז, אוּן אַז מֶען גֶעבְּט זֵיי נִישְׁט, פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין אַ מוֹרָא'דִיגֶע

דִּיפְּרֶעסְיֶע, און נָאכְדֶעם טוּעֶן זֵיי אָפּ אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַּארְף מֶען זֵיי זֶעהְן זֵייעֶר מְחַיֶה זַיין, און נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ יֶענֶעם, אַוַודַאי און אַוַודַאי אַז מֶען קֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן איד פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אָבֶער סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל צוּבְּרָאכְן װֶוערְן וְכוּ', אַדְרַבָּה אוֹיבּ סְ'גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וְכוּ', נֶעם אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן און רֶעד מִיט אִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, און דוּ זָאלְסְט אִים מְחַזֵק זַיין און שְׁטַארְקְן און פְרֵיילִיךְ מַאכְן, און זָאלְסְט אִים נִישְׁט לָאזְן אַרָאפְּפַאלְן, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ט) װֶוען מֶען רֶעדְט מִיט יֶענֶעם, קְלַאפְּט צוּרִיק דִי װֶוערְטֶער פַאר אִים אַלֵיין. דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ דֶער צְוֵוייטֶער װֶועט נִישְׁט נֶעמֶען דַיינֶע װֶוערְטֶער, װֶועט עֶס כָאטְשֶׁע צוּרִיק קְלַאפְּן צוּ דִיר. אִיבֶּערְדֶעם קֵיינְמָאל טָארְסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ דִיפְּרֶעסְיֶע אִין אַ עַצְבוּת און אַ בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ' וְכוּ', שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת וְנִיחוּמִים טְרֵייסְט װֶוערְטֶער, און דָאס װֶועט צוּרִיק קְלַאפְּן צוּ דִיר און דוּ װֶועסְט הָאבְן הִתְחַזְקוּת, וָואס הֵייסְט אַ אִינְגֶערְמַאן זָאל װֶוערְן אַזוֹי צוּבְּרָאכְן און מְיוּאָשׁ און שְׁרַייבְּן אַז עֶר לָאזְט אָפּ אַלְסְדִינְג וְכוּ', דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִיר, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, װֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי װֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער װֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

# תשמב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ז' מְנַחֵם אָב ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וואוּ דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ.

**אִיךְ** זָאל דִיר וֶועלְן טְרֵייסְטְן וְכוּ', אִיז נִישְׁטָא גֶענוּג טְרֵייסְט וֶוערְטֶער דִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן, אָבֶער דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּנְזֶער דוֹר עֶר זָאל קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן אַלֶע גֶעפַאלֶענֶע אוּן אַלֶע דֶערְוַוייטֶערְטֶע נְשָׁמוֹת, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הֵייבּ אָן צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועסְטוּ דָארְטְן טְרֶעפְן הִתְחַזְּקוּת גֶענוּג אוּן אִיבֶּער גֶענוּג, בִּפְרַט אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז 'דָאס אִיז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'ס גַן עֵדֶן' אוּן דֶער אֱמֶתְ'ן אַרַיין וֶוער ס'גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ "לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת" אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל לָאזְט אִים נִישְׁט פַאלְן, עֶר גֶעבְּט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַזַא מִין הָאפְּפֶענוּנְג, אַזַא מִין לֶעבְּטִיגְקֵייט אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר קֶען נָאךְ מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע אוֹיבֶעט,

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" וָואס דָאס אִיז כּוֹלֵל אַלְסְדִינְג, אַלֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, ווִי עֶר טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוּן פְּסוּקִים פוּן תַּנַ"ךְ אוּן מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן שַׁבָּתוֹת יָמִים טוֹבִים, אַלֶעס אִיז כָּלוּל אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", וֶוער עֶס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אִין דִי סְפָרִים, דֶעם גֵייט דֶער לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ.

**דֶער** בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גָאר יוּנְג בַּיים אָנְפַאנְג הִתְקַרְבוּת, הָאבּ אִיךְ זִיךְ פַארְלֵייגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעחַזֶר'ט אוּן גֶעחַזֶר'ט אוּן גֶעחַזֶר'ט "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" אָן אַ שִׁיעוּר מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ מְסַיֵים גֶעוֶוען אַלֶע חֶלְקֵי "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן דָאס דֶערְהַאלְט מִיר בִּיז הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט דֶעמָאלְט אִין דִי יוּגְנְט אַזוֹי פִיל "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" ווִיאַזוֹי אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן מֶשֶׁךְ דִי פוּפְצִיג יָאר וָואס אִיךְ הָאבּ צוּטוּהְן מִיט אַ רַבִּים, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף מִיר בַּעֲלֵי קִנְאָה אוּן בַּעֲלֵי שִׂנְאָה וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הֵייבּ דוּ אוֹיבֶּעט אָן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", וֶועסְטוּ הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת, דוּ וֶועסְט נָאךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

# תשמג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ח׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס** וואוּנְדֶערְט מִיר זִיךְ זֵייעֶר אַז אַ הֵיימִישֶׁע אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז עֶרְצוֹיגְן גֶעוָוארְן בַּיי הֵיימִישֶׁע עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן אוּן הָאט גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן אִין אַ הֵיימִישֶׁע תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אִין אַ הֵיימִישֶׁע יְשִׁיבָה, זָאל לָאזְן זַיין וַוייבּ גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר, וֶוען דָאס אִיז אַזוֹי הַארְבּ, בִּיז דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁעלְט דִי שְׁטוּבּ וואוּ מֶען לָאזְט אַ פְרוֹי גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר, (עַיֵּין זוֹהַר נָשֹׂא קכ״ה:) תּוּנְבָא לֵיתֵי [אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען] עַל הַהוּא בַּר נַשׁ [אוֹיפְן מֶענְטְשׁ] דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ [וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ] דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָה דְרֵישָׁה לְבַר [זָאל גֵיין אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר, אָדֶער מֶען זָאל אַרוֹיסְזֶעהְן דִי הָאר] וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָא [אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי צְנִיעוּת פוּן אַ פְרוֹי אִין שְׁטוּבּ] וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁה לְבַר [אוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי דֶעקְט אוֹיף אִירֶע הָאר] לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ [זִיךְ שֵׁיין מַאכְן מִיט דֶעם] גָרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא [אִיז גוֹרֵם אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּבּ] וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא [אוּן ס׳אִיז גוֹרֵם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין גֶעלוּנְגֶענֶע, אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט חָשׁוּב זַיין] וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא [אוּן עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן דִי

חִצוֹנִים זָאלְן זַיין אִין דֶעם שְׁטוּב] מַאן גָרים דָא [אוּן וֶוער אִיז גוֹרֵם דִי אַלֶע צָרוֹת] הַהוּא שַׁעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר. [דִי הָאר פוּן אַ פְרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס] וּמַה בְּבֵיתָא הַאי [אוּן דִי אַלֶע קְלָלוֹת רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר אִין שְׁטוּב] כָּל שֶׁכֵּן בְּשׁוּקָא [אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי וֶוען זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט אוֹיפְן גַאס מִיט דִי הָאר] וְכוּ׳. לֵיידֶער הָאט זִיךְ אַריינְגֶעכַאפְּט בַּיי אוּנְז נָאכְאַמָאל דִי קְלִיפָּה אַז הַיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי הָאר, אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וָואסֶערֶע צָרָה זֵיי בְּרֶענְגְן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיפְן גַאנְצְן הוֹיז-גֶעזוּנְט, אוֹיפְן מַאן, אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, דָאס בְּרֶענְגְט קְרִיגֶערַיי אִין שְׁטוּב, אוּן אָרֶעמְקֵייט, אוּן פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן רִימָאנוֹב זי״ע הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אוֹיף אַ הָאר וְכוּ׳, אוּן עֶר הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף וֶוען מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אֲפִילוּ אֵיין הָאר פוּן אַ פְרוֹי, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען פַארְלֶענְגֶערְט דִי גָלוּת, אוּן לֵיידֶער הָאט זִיךְ דָאס אַרַיינְגֶעכַאפְּט נָאכְאַמָאל צְווִישְׁן דִי הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אַז זֵיי לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי אֵייגֶענֶע הָאר, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער זִינְד.

**וֶוער** גֶעדֶענְקְט דֶען נִישְׁט דִי דְרָשׁוֹת בַּיי יֶעדְן כָּל נִדְרֵי נַאכְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי״ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט גֶעוַויינְט אוּן פַארְפִירְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן

אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי בַּיי-הָאר, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, נִישְׁט ווִי מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ פָּשׁוּטֶע חוּמְרָא, נָאר מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁעלְט אַ פְרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אִירֶע הָאר, אוּן אוֹיף דֶעם טָאר נִישְׁט דֶער מַאן אַיינְגֶעבְּן אוּן זַיין אַ וַותְּרָן, נָאר עֶר דַארְף זִיךְ עַקְשְׁנֶ'ען זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אוֹיפְפַאלֶענְדֶע קְלֵיידֶער, קוּרְץ הֶעכֶער דִי קְנִי, אָדֶער שְׁמָאל וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דִי עֶקְלְדִיגְסְטֶע מָאדֶע פוּן דִי בִּילִיגְסְטֶע גוֹיִים, אוּן לֵיידֶער אִיז דָאס אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אוֹיכֶעט בַּיים הֵיימִישְׁן עוֹלָם, אוּן יוּנְגֶע פְרוֹיעֶן גֵייעֶן מִיט שְׁמָאלֶע קוּרְצֶע קְלֵיידֶער, וָואס דָאס אִיז אֲבִיזְרַיְיהוּ דְּגִלּוּי עֲרָיוֹת, מֶען אִיז מַכְשִׁיל אַנְדֶערֶע מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, מִיט הִרְהוּרִים רָעִים, וָואס דֶער עוֹנֶשׁ אִיז זֵייעֶר הַארְבּ, אַז וואוֹיל אִיז אַ פְרוֹי וָואס הִיט זִיךְ צוּ גֵיין מִיט צְנִיעוּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער, מִכָּל שֶׁכֵּן אַז זִי גֵייט אָפְּגֶעשָׁארְן אִינְגַאנְצְן, אִיר שְׂכַר קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאצָאלְן, אוּן זִי וֶועט זִיכֶער הָאבְּן גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער, אוּן גְרוֹיס נַחַת פוּן זֵיי.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

# תשמד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן ח' מְנַחֵם אָב ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ פָאלְגְסְט מִיךְ אוּן דוּ בִּיסְט זוֹכֶה יֶעדֶע וָואךְ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, אוּן דוּ פַארְפֶעלְסְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָואךְ, דָאס אִיז שׁוֹין אַ גֶעוִוינְס, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶעם מוֹרָא'דִיג אַז בָּחוּרִים אִין אִינְגֶעלַייט זָאלְן נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אִיז נָאר וַוייל סְ'גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, דָאס אִיז בָּרוּר כַּשֶּׁמֶשׁ, אוּן וִוי בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער רֶבִּי מָרְדְּכַי מִנַּדְבוֹרְנָא זי"ע הָאט גֶעוואוּנְטְשְׁן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער דֶעם "עֲצֵי חַיִּים" אוּן דֶעם "דִּבְרֵי יוֹאֵל" וֶוען דֶער פָּאטֶער זֵייעֶרֶע דֶער "קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב" הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים אַ בְּרָכָה, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט, "קִינְדֶערְלֶעךְ פִּילֶעוֶועט זִיךְ מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ"י, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַסַאךְ גְדוֹלִים וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וואוֹינְט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י" אִיז וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר אָדֶער דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן עֶר אִיז מְקַיֵּים וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה סְעִיף ג') מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ

נִקְרָא עִם הַצִּבּוּר; פוּן זוּנְטָאג אָן קֶען מֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

**עֶם** אִיז בַּאוואוּסְט וֶוען רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" זי"ע הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם סְטְרָאוּק לֹא עָלֵינוּ אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן וְכוּ', בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר דִי גַבָּאִים אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אִין חָלוֹם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן נַדְבוֹרְנָא זי"ע וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים מִיט אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט 'דוּ וֶועסְט נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י' אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט, אוּן אִים אַרַיינְגֶעגֶעבְּן הָאפְּפֶענוּנְג אַז עֶר וֶועט נָאךְ קֶענֶען זַיין צוּזַאמֶען מִיטְן עוֹלָם.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה צוּ זַיין שְׁטַארְק יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה פוּן דִי וָואךְ, וֶועסְטוּ הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג**

## תשמה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י"ב אָב ה'תשע"ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דַיין זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אִין הִימְל, דָאס דוּ דְרִיקְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וָואס דָאס טוּט מְחַיֶה זַיין יֶעדְן צוּבְּרָאכֶענֶעם אוּן גֶעפַאלֶענֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַן עִנְיָן פוּן הַצָּלַת נְפָשׁוֹת, מֶען זֶעהְט בְּגַשְׁמִיּוּת אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַארְוואוּנְדֶערְט אִיז דָא 'הַצָּלָה' וָואס זֵיי קוּמֶען גְלַייךְ צוּלוֹיפְן הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְן צוּ אַ רְפוּאָה וְכוּ', אַזוֹי אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אַ 'הַצָּלָה' פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פַאלְט אַרַיין אִין דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ', אָדֶער עֶר אִיז זִיךְ מְיַיאֵשׁ פוּן זַיין לֶעבְּן וְכוּ', אָדֶער עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת וְכוּ' וְכוּ', נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶענֶען אִים רַאטֶעוֶוען, וָואס דָאס אִיז הַצָּלַת נְפָשׁוֹת מַמָּשׁ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן מְחַיֶה צוּ זַיין מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעדְרִיקְט שׁוֹין צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער סְפָרִים, אוּן מִיט דֶעם קֶענְסְטוּ זִיךְ מְחַיֶה זַיין דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, וָוארוּם וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוְוּיסְט אִין וְויפִיל צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע מֶענְטְשְׁן הָאסְטוּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט חַיּוּת דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְט פוּן רוֹב שִׂמְחָה, אוּן אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דוּ מֶעגְסְט טַאקֶע טַאנְצְן פוּן רוֹב שִׂמְחָה וָואס דוּ

הָאסְט גֶערַאטֶעוֶועט אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְלִיכֶע נְשָׁמוֹת פוּן אוּנְטֶערְגֵיין.

**אַז** ווארל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן נָאכְמֶער ווארל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים צְווִישְׁן דֶעם הֲמוֹן עַם, וּבִפְרַט צְווִישְׁן בָּחוּרִים וָואס אוֹיף זֵיי גֵייט דוּרְךְ וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ וְכוּ', יִרְמְיָהוּ הַנָּבִיא קְלָאגְט (אֵיכָה א', ט"ו) קָ'רָא עָ'לַי מ'וֹעֵד לִ'שְׁבֹּר בַּ'חוּרָי, וָואס דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת עַ'מָ'לֵ'ק' אוּן בִּ'לְ'עָ'ם' דָאס בַּיי זֵיי אִיז אַ גַאנְצֶע שִׂמְחָה אוּן אַ יוֹם טוֹב וֶוען זֵיי קֶענֶען צוּבְרֶעכְן אַ בָּחוּר עֶר זָאל אַרֵיינְפַאלְן אִין יֵאוּשׁ אוּן דֶעמָאלְטְס לָאזְט עֶר זִיךְ נָאךְ פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס הָאט צוּטוּהְן מִיט דִי קְדוּשָּׁה וְכוּ', צוּם בַּיישְׁפִּיל, דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, וָואס דָאס וָואס אַ בָּחוּר פַארְנַאכְלֶעסִיגְט דָאס אִיז נָאר מֵחֲמַת דִי יֵאוּשׁ וָואס אִיז אַרֵיין אִין אִים אוּן סְ'דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר אִיז נִישְׁט חָשׁוּב אִין הִימְל וְכוּ', אוּן דֶער צַייט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) **אַז** עֶס אִיז גָאר קַיין יֵאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנְדִין, אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אֲפִילוּ אִין דִי אַרְגְסְטֶע שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים דַארְף עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, נָאר ווִיסְן זָאל עֶר אַז עֶר אִיז הֶערְשְׁט חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם אַז אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ', אַלֶע עֶרְלֵיי יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת וְכוּ' וְכוּ',

און פונֶדעסְטְוֶועגְן לָאזְט עֶר זיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זיךְ מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי רְצוֹנוֹת און בֶּענְקֶענִישְׁן אוּמְקֶערְן זיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֲפִילוּ אִינְמִיטְן וַוארְפְט מֶען אִים אַרָאפּ נָאכְאַמָאל נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, וֶוערְט עֶר נִישְׁט מִיד נָאר עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און רֶעדְט זיךְ אוֹיס פַאר אִים און דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט בַּיים סוֹף וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אִים מְקַרֵב זַיין וְכוּ' וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען דָאס אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וָואס עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יוּגְנְט, אָבֶּער זֵייעֶר גְרוֹיסְקֵייט אִיז גֶעוֶוען דָאס זֵיי הָאבְּן זיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרָאפְּוַוארְפְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אֲפִילוּ עֶס הָאט זיךְ זֵיי גֶעדַאכְט אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער קָאמַארְנָא'ר זי"ע בְּרֶענְגְט כַּמָה פְּעָמִים אִין זַיינֶע סְפָרִים מִיט דֶעם לָשׁוֹן 'אֶלֶף טַעֲמֵי מִיתָה טָעַמְתִּי בְּכָל יוֹם' אִיךְ הָאבּ טוֹעֵם גֶעוֶוען טוֹיזֶענְט טַעֲמִים פוּן מִיתָה יֶעדְן טָאג, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט צוּבְּרֶעכְן אִינְגַאנְצְן, נָאר אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פֶּעסְט שְׁטַארְק בַּיי מִיר, און אִיךְ הָאבּ זיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרָאפְּוַוארְפְן, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין מִיר אַרֵיינְגֶעשֵׁיינְט אַ מוֹרָא'דִיגְן גֶעטְלִיכְן לֶעבְּטִיגְקֵייט.

און דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס וִויאַזוֹי זיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע

בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן וְכוּ׳, אִין דִי שְׁוֶועֶרְסְטֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס מִיר מַאכְן מִיט, אִיבֶּערְדֶעם מֶעגְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן וָואס דוּ דְרִיקְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן דוּ בִּיסְט אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, וָואס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא פז.) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ; אַז וואוּיל אִיז דִיר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## תשמו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ו׳ אֱלוּל ה׳תשע״ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אוֹיבּ מֶען ווִיל רַאטֶעוֶוען דֶעם יוּגְנְט אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן פְּרִי, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן פַאר אַלֶע ׳חַכְמֵי בֶעלֶעם׳ וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט אַרוֹיף מִיט נַייעֶ הַמְצָאוֹת אוּן נַייעֶ עֵצוֹת ווִיאַזוֹי צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם יוּגְנְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶס אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים אוּן דְבָרִים בְּטֵלִים, דֶער דוֹר אִיז לֵיידֶער מוֹרָא׳דִיג נִידְרִיג, אוּן אוֹיבּ מֶען ווִיל רַאטֶעוֶוען דִי קִינְדֶער מוּז מֶען זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בָּחוּר׳ל עֶר זָאל זַיין רָאוּי חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, אוּן עֶר זָאל הָאבְּן אַן אַחֲרָיוּת צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען דָאס מֵיידְל אוֹיפְבּוֹיעֶן זִי זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן

פִירְן אַן עֶרְלִיכֶען שְׁטוּב, נָאר דָאס אִיז דִי לֵייזוּנְג פוּן דֶעם בִּיטֶערְן פְּרָאבְּלֶעם וָואס טוֹיזֶענְטֶער בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה טָאג טֶעגְלִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גוּזְמָא, דֶער צָאל הַאלְט שׁוֹין אָן אִין דִי טוֹיזֶענְטֶער, אוּן דַיְיקָא פוּן דִי בֶּעסְטֶע שְׁטוּבֶער, טַאטֶע מַאמֶע רַייסְן זִיךְ דִי הָאר פוּן קָאפּ, עֶסְן זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ, וָואס הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעטוּהְן פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ' אַז סְ'קוּמְט זֵיי אַזַא מִין שְׁטְרָאף? אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז, דִי הֶפְקֵירוּת אִיז הַיינְט אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט ווִי אַ פַייעֶר וְכוּ' וְכוּ', אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה נָאר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן יוּנְגֶערְהֵייט, אוֹיבּ מֶען וֶועט דָאס נִישְׁט טוּהְן וֶועט זַיין אַ קַאטַאסְטְרָאפֶע מִיט דִי יוּגְנְט, אוּן רַבָּנִים אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת אוּן מְחַנְכִים אוּן מְחַנְכוֹת וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן "יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת הַדָּם הַזֶּה", לֵיידֶער דָאס אִיז דֶער בִּיטֶערֶער מְצִיאוּת, דִי הֶפְקֵירוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן אוֹיבּ מֶען ווִיל רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מוּז מֶען זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן וָואס פְרִיעֶרְ'ט.

**מִיר** זֶענֶען אִין אַ בִּיטֶערְן גָלוּת, אוּן מִיר מוּזְן רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער פוּן אַרָאפְּגֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג, גֶעלוֹיבְּט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְגֶערְהֵייט הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט גָאר שֵׁיינֶע אוּן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבֶער, אוּן מֶען קֶען דָאס קוּמֶען זֶעהְן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אַז דִי דִיבּוּרִים זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי וָואס עֶס דַארְף אַרַיינְגֵיין וְכוּ', אוּן זֵיי זָאלְן דָאס מְקַיֵים זַיין, אַזוֹי וֶועלְן מִיר

הָאבְּן טויזֶענְטֶער און טויזֶענְטֶער עֶרְלִיכֶע יוּגְנְט, און זֵיי וֶועלְן
אוּנְז נִישְׁט אַוֶועקְפַּאלְן צְווִישְׁן דִי פִינְגֶער.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

## תשמז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ו' אֱלוּל ה'תשע"ד**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַהנוּנְג וָואס דוּ טוּהסְט אוֹיף מִיט דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס דָאס אִיז דִי תַּמְצִית פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס און פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ס וֶוערְטֶער, דָאס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין גָאר אַ גְרִינְגֶען שְׁפְּרַאךְ, דָאס אִיז גֶעאֵייגְנְט פַאר מֶענֶער און פַאר פְרוֹיעֶן און פַאר בָּחוּרִים און פַאר מֵיידְלֶעךְ, וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְקוּת און דֶערְמוּטִיגוּנְג צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן מַאֲמִינִים אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דִי נִסְיוֹנוֹת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אוּנְזֶער דוֹר, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) דָאס פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט כְּפִירוֹת און אֲפִּיקוֹרְסוּת, מֶען וֶועט זִיךְ דַארְפְן זֵייעֶר מוּטְשֶׁען צוּ קוּמֶען צוּ רֵיינֶע אֱמוּנָה, צוּ הַשְׁקָפָה בְּרוּרָה, מֶען זָאל נִישְׁט מִיטְגֶעכַאפְּט וֶוערְן מִיט דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת, ווִי צוּם בַּיישְׁפִּיל דִי

קְלִיפָּה פוּן דִי עֵרֶב רַב, דִי מַלְכוּת הַמִּינוּת, וָואס דָאס אִיז אַ קְלִיפָּה וָואס כִּמְעַט קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם, יֶעדֶער מַאכְט פוּן זֵיי אַ מְצִיאוּת, וָואס בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַלֶעס אַ נִסָּיוֹן פַאר אוּנְז, אַז וואויל אִיז דֶעם וָואס עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ יֶעצְט אִין פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן לֵייגְט אַרַיין אִין זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אוּן מֶען דַארְף נָאר רֶעדְן צוּ אִים אוּן בֶּעטְן פוּן אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען בְּרוֹיךְ, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא בַּיי אִים, נֶעבְּן אִים, אִין אִים, דֶער וֶועט שְׁטֶענְדִיג נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן בֶּעט אִים נִישְׁט וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן? דָאס אִיז וַוייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט גַאנְץ, וָוארוּם וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זֶעהְן צוּ דְרִיקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֵיי רֶעדְן נָאר פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דוּרְךְ אֱמוּנָה גֵייט מֶען דוּרְךְ אַלְסְדִינְג, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ד) דֶערְפַאר הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעהֵייסְן אַבְרָהָם הָעִבְרִי פוּן דִי לָשׁוֹן עֵבֶר

אֶל עֵבֶר, דָאס הֵייסְט דוּרְךְ אֱמוּנָה וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז עֶר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם גַאנְצְן חָלָל הַפָּנוּי וְכוּ׳, וָואס פוּן דָארְטְן קוּמְט אַרוֹיס אַלֶע אֶפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ׳, אוּן מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן פוּן אַלֶע בַּעֲלֵי דִמְיוֹנוֹת וָואס רוּפְן זִיךְ בַּעֲלֵי מְקוּבָּלִים וְכוּ׳, אַלֶע בַּאבַּא׳ס וְכוּ׳, אַלֶע פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וְכוּ׳ וָואס פַארְפִירְן דִי שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן מִיט קְלֵיינֶע מוֹחוֹת, עֶס רַייסְט דִי הַארְץ ווִי מֶען פַארְבְּלֶענְדְט הַיינְט דִי אוֹיגְן פוּן דֶעם הֲמוֹן עַם מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס דוּרְכְדֶעם פַארְפִירְט מֶען מֶענְטְשְׁן בָּחוּרִים מִיט אִינְגֶעלַייט וְכוּ׳, יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט אַז עֶר וֶועט אוֹיכֶעט זַיין אַ מְקוּבָּל אוּן פְלִיעֶן אִין הִימְל וְכוּ׳, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט דָאס מֶען פַארְבְּלֶענְדְט אִים דִי אוֹיגְן, אוּן מֶען פַארְפִירְט אִים אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו אַרַיין.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן לַאנְגֶען גָלוּת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

# תשמח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא י״ד אֱלוּל ה׳תשע״ד

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

דוּ זָאלְסְט וויסְן אַז אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת אוֹיף יֶעדְן טְרִיט אוּן אוֹיף יֶעדְן שְׁרִיט, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, אוּן אַלֶעס אִיז נִסְיוֹנוֹת וָואס מֶען אִיז מְנַסֶּה אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן וויאַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט ׳הָעִיקָר שֶׁקּוֹרִין דֶערְהַאלְטִין זִיךְ׳, דָאס הֵייסְט, אַ יְסוֹד גָּדוֹל פַּאר אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר זָאל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן פוּן דֶעם אַלֶעס בֵּייזְן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ.

ווִיאַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ? דוּרְךְ אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה. וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט דָאס אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַדוּרְךְ בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת אִיז נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (חולין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַּאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶער׳ל אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּפְן קוֹדֶם אִין הִימְל; וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט דָאס, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶר וֵוייסְט אַז אַ יֶעדֶער זַאךְ אִיז פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים,

און אַוודאי און אַוודַאי וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט איז לְטוֹבָה, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תנ"ב) "גָאט איז תָּמִיד גוּט", אַ איד דַארְף שְׁטֶענְדִיג וויסְן דָאס פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּמְט אַרוֹיס נָאר גוּטְס, אֲפִילוּ עֶס מַאכְט זִיךְ זַאכְן וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וְכוּ', און עֶס איז אִים שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף עֶר וויסְן אַז אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס קוּקְט אוֹיס שְׁלֶעכְטְס איז דָא גוּטְס, אֱמֶת דֶער גוּטְס איז בַּאהַאלְטְן וְכוּ', אָבֶער צוּם סוֹף וֶועט זַיין נָאר גוּט, אַזוֹי ווי ס'שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמ"ה) "טוֹב הֲוָיָ"ה לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו" דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים איז נָאר גוּט, כָאטְשֶׁע מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַסַאךְ זַאכְן, דַארְף מֶען וויסְן אַז אַלֶעס איז גוּט. די חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ס"ב) כָּל מַה דְעָבִיד רַחֲמָנָא לְטַב עָבִיד; וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט איז נָאר גוּט. וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין בַּיי זִיךְ, דֶערמָאלְט גֵייט דֶער לֶעבְן גָאר אַנְדֶערְשׁ.

**אָבֶער** צוּקוּמֶען צוּ דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן, אַ איד דַארְף זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, און אוֹיסְבֶּעטְן זִיךְ יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְן, וּבִפְרַט אוֹיף אֱמוּנָה, עֶר זָאל שְׁפִּירְן ווי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים איז בַּיי אִים, לֶעבְן אִים, אִין אִים. און עֶר וֶועט זִיךְ צוּקְלֶעבְּן כִּבְיָכוֹל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט "אֱמוּנָה הוּא הַדְבֵקוּת - הַדְבֵקוּת הוּא אֱמוּנָה" וֶוען אַ איד גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶצֶם דָאס גְלֵייבְּן

קְלֶעבְּט אִים צוּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֱמוּנָה אִיז אַ מַתָּנָה, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ב) סְ'אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד, וָואס דִי זִינְד אַלֵיין בְּרֶענְגְּן אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, אוּן סְ'אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען דִי אֱמוּנָה, בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעגֶעסְן טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת, זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם (אִגֶּרֶת תֵּימָן) דֶעמָאלְט זַיין בְּלוּט קֶען שׁוֹין קַיין אֱמוּנָה נִישְׁט נֶעמֶען. וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת וֶוערְט זַיין בְּלוּט אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט שְׁלֶעכְטְס, אוּן קַיין אֱמוּנָה קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּאשֶׁעפֶּער הַארְצִיגֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וּבִפְרַט אִין דֶעם דוֹר וָואס אַלֶע מִינִים אוּן כּוֹפְרִים וֶוערְן פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט דֵיעוֹת נִפְסָדוֹת וָואס אִיז אַקֶעגְן דִי אֱמוּנָה, בֶּעהְט אִיךְ דִיךְ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שָׁאטְן זֵייעֶרֶע גִיפְטִיגֶע וֶוערְטֶער, זֵייעֶר שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵייעֶרֶע אוּמְרֵיינִיגֶע דִיבּוּרִים, אִיךְ זָאל בַּאהִיט אוּן בַּאשִׁיצְט וֶוערְן פוּן אַלֶע מִינֵי מִינִים כּוֹפְרִים וְאַפִּיקוֹרְסִים, אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זֵיי גֵייעֶן אוֹיפְן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן עֶלְטֶערְנְ'ס עֶלְטֶערְן, אִיךְ זָאל זַיין אַ פָּשׁוּטֶע אִיד, מְקַיֵים זַיין דַיינֶע מִצְווֹת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל מִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל

זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדֶע זַאךְ דִיךְ בֶּעטְן, וָוארוּם אִיךְ וֵוייס בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ בִּיסְט דָא אוּן דוּ הֶערְסְט צוּ מַיין תְּפִלָּה מִיט מַיין גֶעבֶּעהְט, דֶערְפַאר בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אַ רֵיינֶע מַחֲשָׁבָה, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן דִיר, אוּן אִיךְ זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דַיין תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וָואס דוּרְכְדֶעם זָאל אִיךְ קֶענֶען זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר פוּן יֶעצְט בִּיז אֵייבִּיג.

אַזוֹי דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ? וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטַאק, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי אַ פְרוֹי רֶעדְט, אַזוֹי וִוי קִינְדֶער רֶעדְן, אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן וְכוּ' וְכוּ', יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְן מִיר נָאכְמַאכְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אוּנְז אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ה) הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעְלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל; וֶוען אַ אִיד גֵייט אִין אַ בַּאזוּנְדֶער פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בְּרֶענְגְט עֶר

אַרוֹיף גְרוֹיסֶע שַׁעֲשׁוּעִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן, דַיין עֵצָה אִיז נָאר צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶער עִיקָר בֶּעהְט אוֹיף שִׂמְחָה דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי מַדְרֵיגָה וָואס אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע שִׂמְחָה, כָאטְשֶׁע דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל מִיךְ צוּבְּרֶעכְן אַז אִיךְ הָאבּ אִין מִיר גָארְנִישְׁט קַיין גוּטְס וָואס דָאס אִיז פִּיל מִיט שֶׁקֶר וָוארוּם יֶעדֶער אִיד אִיז פִּיל מִיט מִצְוֹת, עֶר הָאט אַ מְזוּזָה עַל פֶּתַח בֵּיתוֹ, עֶר לֵייגְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, עֶר הָאט אַ בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת, עֶר עֶסְט כָּשֵׁר, עֶר הִיט שַׁבָּת, וְכוּ', וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טוּט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְן יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, ווִי נִישְׁט אָבֶּער "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" קַיין גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין גֶעבָּארְן אַ אִיד, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה זַיין דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן, אָבֶּער שִׂמְחָה אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע מַדְרֵיגָה אַזַא הוֹיעֶכֶע מַדְרֵיגָה אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ תְּפִלָּה, מֶען דַארְף אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁלֵימוּת הַשִּׂמְחָה.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע אַלֶע יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת וְכוּ' וְכוּ', וָואס בֶּאֱמֶת דָאס אִיז אַלֶעס אַ גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן,

וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעפוּנְט זִיךְ אִיבֶּעֳראל, אָן אִים וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶקְזִיסְטִירְן, דָאס וָואס דוּ זֶעהְסְט, דָאס וָואס דוּ הֶערְסְט, אוּן דָאס וָואס דוּ רֶעדְסְט, אוּן דָאס וָואס דוּ אָטֶעמְסְט, אוּן דָאס וָואס דוּ גֵייסְט, אוּן דָאס וָואס דוּ בַּאוֶועגְסְט זִיךְ, דָאס אִיז אַלֶעס וַוייל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא אִין דִיר, אָן אִים הָאט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין קִיוּם, אוּן מְמֵילָא זָאל דִיר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן אַז דוּ בִּיסְט וַוייט פוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּן דִיר וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז אַלֶעס דִמְיוֹנוֹת וָואס עֶס קוּמְט פוּן פְּגַם הַבְּרִית, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית וֶוערְט נִפְגָם זַיין אֱמוּנָה, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ט) "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ" בְּרִית מִיט אֱמוּנָה אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, וֶוען אַ אִיד הִיט אָפּ דֶעם בְּרִית אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף שְׁמוּץ וָואס דָאס אִיז מְטַמְטֵם הַלֵב וְהַמוֹחַ, דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְט עֶר נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן שְׁטֶענְדִיג בֶּענְקְט עֶר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן ווִיל נִכְלָל וֶוערְן אִין אִים, אוּן דָאס גַאנְץ לֶעבְּן זַיינֶע גֵייט אַנְדֶערְשׁ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן יָאר**

# תשמט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא י"ד אֱלוּל ה'תשע"ד

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט דָאס דַיין וַוייבּ לָאזְט דִיךְ בְּשׁוּם אוֹיפְן נִישְׁט פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, דוּ זָאלְסְט גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַיין בִּיטֶער הַארְץ, אוּן דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַן אֱמֶת אַז דוּ ווִילְסְט פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מִיד וֶוערְן אֲפִילוּ ס'וֶועט נֶעמֶען עֶטְלִיכֶע שָׁעָה דִי תְּפִילּוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ עַקְשְׁנֶ'ען אוּן בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה נָאךְ אַ תְּפִלָּה, וֶועסְטוּ זֶעהְן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) מַאי כְּרוּם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם אָמַר לֵיהּ אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם; וּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י, דְּבָרִים שֶׁעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם: כְּגוֹן תְּפִלָּה, שֶׁעוֹלָה לְמַעְלָה. מֶענְטְשְׁן וַוייסְן נִישְׁט אָפְּצוּשַׁאצְן וָואס אִיז תְּפִלָּה, דֶערְפַאר זֶענֶען זֵיי זִיךְ מִתְרַשֵּׁל אִין דֶעם, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד זָאל ווִיסְן וֶוען עֶר בֶּעטְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן גִיסְט טַייכְן טְרֶערְן בַּיי זַיינֶע תְּפִילּוֹת אַז זַיינֶע תְּפִילּוֹת וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען, דֶעמָאלְט וָואלְט יֶעדֶער אִיד

גֶעבֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אוּן עֶר וָואלְט גֶעזֶעהְן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אוּן עֶס גֵייט הוֹיעֶךְ הוֹיעֶךְ וְכוּ' וְכוּ', וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ אַגָּדָה) דָאס דִי תְּפִילוֹת פוּן אַ אִיד גֵייט אַרוֹיף פוּן אֵיין הֵיכָל צוּם אַנְדֶערְן, בִּיז ס'קוּמְט צוּם הֶעכְסְטְן הֵיכָל וְכוּ' נֶעמְט דָאס אַ מַלְאָךְ אוּן עֶר בַּאשְׁוֶוערְט עֶס דָאס דִי תְּפִלָּה זָאל גֵיין וואוּ ס'דַארְף גֵיין וְכוּ' וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעזָאגְט אַמָאל דָאס מֶען זֶעהְט פוּן דֶעם מִדְרָשׁ דָאס דֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז מְמוּנֶה אוֹיף תְּפִילוֹת יִשְׂרָאֵל וֵוייסְט אַלֵיין נִישְׁט וואוּ דָאס גֵייט נָאר עֶר בַּאשְׁוֶוערְט דָאס עֶר זָאל גֵיין וואוּ עֶס דַארְף גֵיין, אַזוֹי הוֹיעֶךְ אִיז תְּפִלָּה. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, נָאר זָאלְסְט גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם צִיוּן פוּן דֶעם צַדִיק וָואס אִיז דָא אִין עֶנְקֶער גֶעגְנְט, אוּן זָאלְסְט דָארְטְן זִיצְן אַ שָׁעָה צְוַויי אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל אוֹיף דִיר רַחֲמָנוּת הָאבְּן דָאס דַיין וַוייבּ זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אִיר מֵיינוּנְג, אוּן זָאל דִיךְ טְרַייבְּן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יְבָמוֹת ס"ג.) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב' י"ח) "אֶעֱשֶׂה לוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ", זָכָה עוֹזַרְתּוֹ לֹא זָכָה כְּנֶגְדּוֹ; דָאס הֵייסְט אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר פָאלְגְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אִיז מְקַיֵים זַיין רָצוֹן, דָאס הֵייסְט דִי מִצְווֹת, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים דָאס וַוייבּ אַרוֹיס יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ טוּהְן דֶעם רָצוֹן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוערְט

זִי אַ מִתְנַגֵּד אוֹיף אִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִי וַוייבּ זִיךְ אִינְטֶער גֶעבְּן צוּ אִים, אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט') אַזוֹי וְוִי אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה זִיךְ מְזַוֵוג זַיין כִּבְיָכוֹל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט תְּפִלָּה, אַזוֹי וֶוערְט דָאס וַוייבּ אִינְגַאנְצְן בָּטוּל צוּ אִים וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ אֲפִילוּ עֶס קוּקְט דִיר אוֹיס זַייעֶר בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער, אָבֶּער דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י.) אֲפִילוּ חֶרֶב חַדָּה מוּנַחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין מִיט אַן אֱמֶת, וֶועסְטוּ זֶעהְן ווּאוּנְדֶער אִיבֶּער ווּאוּנְדֶער וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן. דֶער עִיקָר וַוארְף אַוֶועק דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, אוּן זַיי עֶס מְקַיֵּים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן יָאר**

## תשנ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' בֵּין כֶּסֶה לְעָשׂוֹר ה'תשע"ה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג דֶעם גְרוֹיסְן שִׂמְחָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי דִיךְ זֶעהְן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה,

דו הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע מְנִיעוֹת און מִכְשׁוֹלוֹת וָואס מֶען הָאט דִיר גֶעלֵייגְט אוֹיפְן וֶועג וְכוּ׳.

דו דַארְפְסְט דַן זַיין דַיין וַוייבּ לְכַף זְכוּת אֲפִילוּ זִי בְּלָאזְט יֶעצְט וְכוּ׳ און זִי אִיז בְּרוֹגֶז מִיט דִיר וְכוּ׳, אָבֶּער זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי״ע הָאט גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט אַ דַאנְק הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן יוֹם הַכִּפּוּרִים נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם יוֹם כִּיפּוּר בֶּעהְט מֶען זִיךְ אִיבֶּער אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, ווי די חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא פֶּרֶק ח׳) עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר, עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵרוֹ; יוֹם כִּיפּוּר דַארְף מֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אַזוי ווי די פְרוֹי אִיז בְּרוֹגֶז פַארְוָואס אִיר מַאן הָאט אִיר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט די קִינְדֶער און זִי בְּלָאזְט וְכוּ׳ און זִי אִיז בְּרוֹגֶז וְכוּ׳, אָבֶּער אַז עֶס קוּמְט יוֹם הַכִּפּוּרִים דַארְף מֶען זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן.

**זִייסְן** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ יוֹם הַדִין, דֶעמָאלְט אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט מִיט אִים זַיין אַגַאנְץ יָאר, ווִיפִיל גֶעלְט עֶר וֶועט פַארְדִינֶען דֶעם יָאר, צוּ עֶר וֶועט בְּלַייבְּן לֶעבְּן, צוּ חָלִילָה וְחַס פַארְקֶערְט וְכוּ׳, צוּ עֶר וֶועט זַיין גֶעזוּנְט צוּ עֶר וֶועט זַיין פַארְקֶערְט וְכוּ׳, אַלֶעס וֶוערְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָוארוּם דֶעמָאלְט אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, וֶוען עֶס אִיז דָא אַ מִשְׁפָּט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט עֶר אַן אַדְוָואקַאט אַ לוֹיעֶר, וָואס דֶער מִשְׁפָּט אִיז הַארְבֶּער נֶעמְט עֶר אַ גְרֶעסֶערֶע

אַדְוָואקַאט, אַ גְרֶעסֶערֶע לוֹיעֶר, עֶר זָאל אִים פַּארְטְרֶעטְן, בִּיז חָלִילָה וְחַס אַז סְ'אִיז אוֹיף אֵיינֶעם נִגְזָר גֶעוָוארְן עוֹנֶשׁ מָוֶות נֶעמְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן אַדְוָואקַאט, דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר עֶר זָאל אִים פַּארְטְרֶעטְן, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה" - "נִישְׁט נָאר אִיר אַלֵיין זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה", ווִידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט דָאס "אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַ מַתָּנָה פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט בִּירוּשָּׁה פוּן מַיינֶע אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, ווִי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע אוּן זַיין תַּלְמוּד מַיין זֵיידֶע רֶבִּי נַחְמָן מֵהוֹרְדֶענְקָא זי"ע נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר דָאס גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה, אוּן אִיךְ וֵויים וָואס הֵייסְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "אִיךְ נֶעם מַיינֶע מֶענְטְשְׁן פַאר אַלֶעמֶען" אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן וָואס דוּ בִּיסְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוּן אַוַודַאי וֶועסְטוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַ גְלִיקְלִיךְ יָאר, מִיט גְרִינְג פַּרְנָסָה, וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ מֶענְטְשְׁן, נָאר דוּ וֶועסְט הָאבְן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוֹיךְ וֶועסְטוּ הָאבְן גֶעזוּנְט, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער.

**אֱמֶת** דָאס וַוייבּ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע קֶענֶען דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, וואוּ קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? אָבֶּער דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן פַארְוואוּנְדֶערְן זִיךְ דָאס נֶעמְט זִיךְ מֵחֲמַת חִסָרוֹן אֱמוּנָה, וֶוען מֶען זָאל הָאבְן

דֶעם אֱמֶת׳ן אֱמוּנַת חֲכָמִים אֱמוּנַת צַדִּיקִים דָאס אַזַא גְרוֹיסֶע רֶבִּי וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אִים אַ טוֹבָה טוּהְן אַגַאנְץ יָאר, וְוידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט, סְ׳אִיז דָא נְשָׁמוֹת וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן אַ גַאנְץ יָאר, נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ דֶיעַ אוֹיבֶּעט פַארְרֶעכְטְן. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען צְוֵויי עֵדוּת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן בְּמֶשֶׁךְ אַגַאנְץ יָאר, אוּן עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר מַיינְס וֶועגְן, אוּן עֶר וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" אֲפִילוּ עֶר וֶועט זַיין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וֶועל אִיךְ אִים בַּיי דִי פֵּיאוֹת אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן. קֶען מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וָואסֶערֶע הַבְטָחָה מִיר הָאבְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן עֶס אִיז כְּדַאי אוֹיסְצוּגֶעבְּן אַלֶע שְׁפֶּעזְן לְכָל הַפָּחוֹת צוּ זַיין אֵיין מָאל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן, וָוארוּם מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט פָאר וָואס עֶס טוּט זִיךְ וֶוען דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס פוּן גוּף וְכוּ׳, דֶעם גוּף טְרָאגְט מֶען אַרַיין אִין קֶבֶר אוּן מֶען בַּאדֶעקְט דָאס מִיט עֶרְד אוּן מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אַ מַצֵּיבָה, אוּן מֶען לָאזְט אִים אִיבֶּער אַלֵיינְ׳ס צְוִוישְׁן אַלֶע מֵתִים וְכוּ׳, אָבֶּער דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן, אוּן דֶעמָאלְטְס הֶערְשְׁט הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶער יוֹם הַדִּין הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא וְכוּ׳, עֶס אִיז מַמָּשׁ שְׁרֶעקֶעדִיג, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט אַ נְשָׁמָה וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיס מִזֶּה הָעוֹלָם, אוּן דָא קוּמְט אַ רֶבִּי אוּן עֶר נֶעמְט

צְווֵיי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי מְקוּבָּלִים, גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, עֶר נֶעמְט זֵיי פַאר עֵדוּת, אוּן עֶר זָאגְט זֵיי אַז וֶוען אַ אִיד וֶועט קוּמֶען נָאךְ מַיין הִסְתַּלְקוּת צוּ מַיין צִיּוּן אוּן וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר מַיינְ'ס וֶועגְן אוּן זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן בַּיי דִי פֵּיאוֹת פוּן גֵיהִנּוֹם, קַיין שְׁלֶעכְטְס וֶועט אִים נִישְׁט פַּאסִירְן. פְּרֶעג אִיךְ דִיר, לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְצוּגֶעבְּן אַלֶע גֶעלְטֶער אִין דִי וֶועלְט כָּאטְשֶׁע אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן מְקַיֵּים זַיין זַיין רָצוֹן? וָואס וִויל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִינְגַאנְצְן, מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, וָואס עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", וֶוער סְ'הָאט נָאר אֱמוּנַת חֲכָמִים אֱמוּנַת צַדִּיקִים, טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם כָּאטְשֶׁע אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן דָארְט זַיין, וָואס הָאסְטוּ דָא צוּגֶעלֵייגְט? אַזַא הַבְטָחָה וָואס אִיז וֶוערְד כָּל הוֹן דְעַלְמָא וְכוּ', אוּן דָא בֶּעהְט מֶען נִישְׁט כָּל הוֹן דְעַלְמָא, נָאר אַ טִיקֶעט צוּ פָאהְרְן קַיין קִיּוּב אוּן פוּן קִיּוּב נֶעמְט מֶען אַ טֶעקְסִי בִּיז אוּמַאן אוּן מֶען גֶעבְּט אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אִיז דָאס אַזוֹי שְׁוֶוער? יָא! עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער. וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר וִויל נִישְׁט אַז עֶר זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אִים, טוּט עֶר אַלֶע פְּעוּלוֹת אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אַ מֶענְטְשׁ קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט לֵיצִים וָואס זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דֶעם, וָואס דִי לֵיצִים זֶענֶען אַלֵיין קְלִיפּוֹת אוּן

מַשְׁחִיתִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ גֶעוֶועֶן אִין גֶעמֵיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּכְלָלִיּוּת, און פון פָּארְן צוּם צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ בִּפְרָטִיּוּת.

**יֶעצְט** פְּרֶעג אִיךְ דִיר, וֶועגְן אַפָּאר לֵצִים וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֵיין בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת וָואס אוֹיסֶער דֶעם דִי קְלִיפּוֹת און מַשְׁחִיתִים הָאבְּן זִיךְ אִין זֵיי אַרַיינְגֶעזֶעצְט און זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דֶעם, דַארְף אִיךְ זִיךְ מוֹנֵעַ זַיין פוּן צוּ פָּארְן לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן און זָאגְן דַארְטְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים? וֶועגְן אַפָּאר בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת דַארְף אִיךְ זִיךְ מוֹנֵעַ זַיין צוּרִיקְהַאלְטְן זִיךְ פוּן צוּ פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן? דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַגַאנְץ יָאר.

**עַל** אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה בְּאֵין עֲרֹךְ כְּלַל קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִּין הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא, און מֶען מִשְׁפָּט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ בִּפְרָטִיּוּת, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט בְּרֵאשִׁית רֶמֶז קט"ו) כָּל הָאוֹמֵר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וַתְּרָן הוּא יְוַתְּרוּ מֵעָיו; סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וַתְּרָנוּת, אַז מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט בַּאקוּמְט מֶען דֶעם שְׁטְרָאף וְכוּ', און רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, סִפְרֵי הַחַיִּים וְסִפְרֵי הַמֵּתִים פְּתוּחִים לְפָנָיו, און דָא קוּמְט אַ רֶבִּי וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'וֶועט זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף נִישְׁט זָארְגְן, עֶצֶם קוּמֶען דַארְטְן אִיז שׁוֹין אַ גֶעוַואלְדִיגֶער תִּיקּוּן, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן דָאס מֶען בֶּעטְ זִיךְ אוֹיס דָארְטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר פַאר זִיךְ אַלֵיין, פַאר זַיין ווייב, פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, פַאר זַיין גַאנְצֶע

מִשְׁפָּחָה, פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה אִיז דָאס חָשׁוּב און טַייעֶר.

לֵיידֶער זֶענֶען דִי פְרוֹיעֶן נִישְׁט בַּאהַאוֶועֶנְט וְכוּ' פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם וְכוּ', וָוארוּם עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז מְמֵילָא גֵייט אַלֶעס גוּט און גְרִינג, וָואס דארְף אִיךְ אַ תִּיקוּן? וָואס דַארְף אִיךְ בֶּעטְן אוֹיף גֶעזוּנְט? וָואס דַארְף אִיךְ בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה? וְכוּ', וְכוּ', לֵיידֶער וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכֶנְט אַזוֹי ווִי פִישׁ וָואס זֵיי שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער, און זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וֶוען דִי וָואס זֵיי פַאנְגֶען דִי פִישׁ וֶועלְן אַרָאפְּלָאזְן דֶעם נֶעץ און פוּנְקְט זֵיי אַרֵיינְכַאפְּן אִין דֶעם, ווִי מֶען זֶעהְט מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, און פְלוּצְלִינְג פוּן מִינוּט צוּ מִינוּט וֶוערְט מֶען קְרַאנְק און דֶער דָאקְטֶער זָאגְט דוּ הָאסְט יֶענֶע מַעֲשֶׂה וְכוּ', און דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה דוּ מוּזְט שְׁטַארְבְּן וְכוּ', אָדֶער מֶען פַארְלִירְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, און מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע בַּעַל חוֹב וְכוּ', אָדֶער מֶען אִיז מַעֲלִיל מֶען טְרֶעפְט אוֹיס עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ און מֶען זֶעצְט אִים אַיין אִין תְּפִיסָה וְכוּ', און עֶס נִיצְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט. און דָא אִיז דָא אַזַא גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע רֶבִּי וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אִים אַ טוֹבָה טוּהְן. דָאס וֵוייסְן נִישְׁט דִי פְרוֹיעֶן און דָאס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי פְרוֹיעֶן, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען זֵיי הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע חַבֶרְ'טוּרֶענְס וָואס זֵיי מַאכְן פוּן דֶעם גֶעשְׁפֶּעט און לֵיצָנוּת, און זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז דִי חַבֶרְ'טוּרֶענְס מֵיינֶען נִישְׁט זֵייעֶר גוּטְס וְכוּ' וְכוּ'.

**איבערדעם** וואויל איז די פרוי וואס זי לאזט פארן איר מאן אויף ראש השנה, און זי פאקט אים איין עסן און טרינקען אויף גאנץ ראש השנה, און זי בעהט זיך צו אים מיט תחנונים, ברענג נישט אן די טייערע צייט ראש השנה אין אומאן, נאר זאלסט זיצן ביים הייליגן רבינ'ס ציון, זאלסט אויסבעטן א גוט געבענטשט יאר פאר דיר און פאר מיר און פאר אונזערע קינדער, מיר זאלן האבן געזונט און פרנסה און נחת, און מיר זאלן האבן שלום בית און ליבשאפט.

**איך** מוז דיר זאגן, איך פאר שוין צום הייליגן רבינ'ס ציון איבער פופציג יאר, אמת נישט אויף ראש השנה, ווארום מען האט נישט געקענט פארן אויף ראש השנה, נאר אינמיטן יאר, און איך האב שטענדיג געזעהן ווי עס איז געווען פרויען וואס זיי האבן געטריבן די מענער פאר צום הייליגן רבינ'ס ציון, וואס דעמאלט איז געווען ממש א סכנת נפשות צו פארן, ווארום די פארשאלטענע רוסן האבן געטוהן אלעס מעגליך אפצוהאלטן נישט קומען צום הייליגן רבינ'ס ציון, מען האט געדארפט דארטןווארטן אפאר טעג ביז מען באקומט א ערלויבעניש פון די אינטוריסט, וואס דער אמת'ן אריין איז דאס געווען קעי דזשי בי, און אויסערדעם האט מען נאר געגעבן א באגרעניצטע צייט צו זיין דארטן, טיילמאל א שעה, טיילמאל דריי שעה, אבער נישט מער, נאכדעם האט מען געמוזט שוין צוריק פארן, פונדעסטוועגן זענען געווען פרויען וואס זיי האבן געטריבן די מענער פארט פארט צו דעם הייליגן רבי'ן און

פוּעֶלְט אַלֶעס גוּט אוֹיס, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט דֶער וֶועג פַאר אַלֶעמֶען צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן תשנ"א, הָאבּ אִיךְ אַלֵיין גֶעזֶעהְן וְויפִיל פְּרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעהָאלְפְן דִי מֶענֶער מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי הִילְף, וְוי צוּם בַּיישְׁפִּיל בָּארְגְן גֶעלְט וְכוּ', צוּגְרֵייטְן עֶסְן וְכוּ', אַבִּי זֵיי זָאלְן פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז וואוּיל אִיז דִי פְּרוֹיעֶן וָואס זֵיי הָאבְּן אֱמוּנַת צַדִּיקִים, אֱמוּנַת חֲכָמִים.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דִי פְּרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעהַאט מֶער אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן אֱמוּנַת צַדִּיקִים וְוי דִי מֶענֶער, צוּם בַּיישְׁפִּיל בַּיים עֶגֶל זָאגְן דִי חֲזַ"ל הָאבְּן דִי פְּרוֹיעֶן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן זֵייעֶר צִירוּנְג בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן גֶעזָאגְט "קוּם עֲשֵׂה לָנוּ אֱלֹהִים אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ כִּי זֶה מֹשֶׁה הָאִישׁ אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לֹא יָדַעְנוּ מֶה הָיָה לוֹ" (שְׁמוֹת ל"ב) אוּן דִי פְּרוֹיעֶן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן זֵייעֶר צִירוּנְג בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, וָוארוּם זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אֱמוּנַת צַדִּיקִים אֱמוּנַת חֲכָמִים אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דָאס עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִין הִימְל אוּנְז בְּרֶענְגְן דִי תּוֹרָה, דֶערְפַאר פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה שְׁטֵייט דָאס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה'ן קוֹדֶם זָאל עֶר רֶעדְן צוּ דִי פְּרוֹיעֶן, וְוי עֶס שְׁטֵייט "וּמֹשֶׁה עָלָה אֶל הָאֱלֹהִים וַיִּקְרָא אֵלָיו הֲוָיָ"ה מִן הָהָר לֵאמֹר כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל" (שְׁמוֹת י"ט) וָוארוּם דִי פְּרוֹיעֶן הָאבְּן דָאס כָּשֵׁר פַארְדִינְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן קַיין שׁוּם חֵלֶק אִין דֶעם עֵגֶל, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ אָפְּגָאט, אָפְּשֶׁפֶּעטְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דִי פְּרוֹיעֶן

הָאבְּן גֶעהַאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, אֱמוּנַת צַדִּיקִים אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער רֶבִּי, אִיבֶּערְדֶעם אִיז וואוּיל אִיז דִי פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיס דִי מֶענֶער פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, אוּן זֵיי קוּקְן נִישְׁט אוּן הֶערְן נִישְׁט צוּ וָואס שְׁלֶעכְטֶע פַארְדָארְבֶּענֶע חַבְרְטוּרֶענְס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינֶע מִדוֹת מַאכְן גֶעשְׁפֶּעט, אַה דַיין מַאן אִיז אוֹיכֶעט גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ר? אַה דַיין מַאן פָארְט אוֹיכֶעט אוֹיף אוּמַאן? דָאס אִיז דָאךְ גֶעמֵיינֶע שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם בּוּשָׁה פַארְ׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זֵייעֶר צְנִיעוּת אִיז אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זֵיי גֵייעֶן גֶעקְלֵיידְט וְוִי דִי גוֹיטֶע׳ס, זֵיי שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר וְכוּ׳, זֵיי גֵייעֶן מִיט קוּרְצֶע שְׁמָאלֶע קְלֵיידֶער וְכוּ׳, אָן קַיין שׁוּם בּוּשָׁה הָאבְּן זֵיי בֵּיי-הָאר, דָאס הֵייסְט אֵייגֶענֶע הָאר, אוּן זֵיי זֶענֶען פַארְדָארְבְּן דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, פוּן דִי פַארְדָארְבֶּענֶע פְרוֹיעֶן דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן צוּטוּהְן? פוּן דִי פַארְדָארְבֶּענֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן צוּטוּהְן? אַז וואוּיל אִיז דִי פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי גֵייעֶן בִּצְנִיעוּת אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר, הָאבְּן נִישְׁט קַיין בֵּיי-הָאר, גֵייעֶן בִּצְנִיעוּת גֶעקְלֵיידְט, אוּן רֶעדְן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הָרַע רְכִילוּת אוּן לֵיצָנוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן אֱמֶתֶ׳ע יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זֵיי זֶענֶען מַרְבֶּה צוּ זָאגְן תְּחִינוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת, אוּן זָאגְן אַסַאךְ תְּהִלִים, אוּן זֵיי הָאבְּן אֱמֶתֶ׳ע יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט אַזוֹינֶע פְרוֹיעֶן אִיז כְּדַאי זִיךְ צוּ חַבֶרְ׳ן.

**אִיךְ** הָאף דָאס דַיין וַוייב וֶועט אִיבֶּערְלֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו וֶועט זִי טוּישְׁן אִיר מְהַלֵּךְ מַחֲשָׁבָה וְכוּ', און זִי וֶועט דִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ רוֹדֶפְ'ן וָואס דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ', און דוּ ווִידֶערְאוּם דַארְפְסְט זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן זַיין פְרֵייליךְ אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא זְכוּת, זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס עֶר הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַזוֹיפִיל הַבְטָחוֹת, אַז וֶוער סְ'קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף נִישְׁט זָארְגְן, נָאר אַגַאנְץ יָאר פְרֵייליךְ זַיין.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיךְ גֶעבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

**הַמְּאַחֵל לְךָ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תשנא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' בֵּין כֶּסֶה לְעָשׂוֹר ה'תשע"ה

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בִּיטֶערְן בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, און אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ הָאסְט גֶעפּוּעֶלְט דָאס דֶעם יָאר וֶועסְטוּ אַ חָתָן וֶוערְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ט) דֶער צַדִיק אִיז דֶער שַׁדְכָן, עֶר אִיז מְשַׁדֵךְ אַלֶע שִׁידוּכִים, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל אוֹיספּוּעֶלְ'ן אַ שִׁידוּךְ, אִיז דָאס בֶּעסְטֶע און

שֶׁענְסְטֶע און ווִיכְטִיגְסְטֶע אָרְט צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, וָוארוּם וֶוער עֶס קוּמְט דָארְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה און בֶּעהְט זִיךְ אוֹיס אַ זִיווּג וֶוערְט עֶר גֶעהָאלְפְן דֶעם יָאר, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, נָאר דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, און דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים אֱמוּנַת צַדִּיקִים אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ אַוַדַאי און אַוַדַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, און דֶעם יָאר טְרֶעפְן דַיין בַּת זוּג.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, דָאס אִיז דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה, פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן דָאסְנֵיי, נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וָוארוּם דֶער שְׁלֵימוּת אִיז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מְצַיֵּיר זַיין, אוֹיסְמָאלְן דָאס מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז הוֹילֶע אֱלֹקוּת - גֶעטְלִיכְקֵייט, דֶער מֹחַ מַחֲשָׁבָה דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִי עֶר נֶעמְט אַרוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים ט"ז) "שִׁוִּיתִי הֲוָיָ"ה לְנֶגְדִּי תָמִיד" אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג אִינְזִינֶען הָאבְּן דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה בַּאשְׁטֵייט נָאר פוּן אִים אַלֵיין, אֲפִילוּ וָואס מֶען זֶעהְט דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר,

דַארְף מֶען וויסְן ס'אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') דָאס אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיפְ'ן שֵׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, דָאס הֵייסְט אוֹיפְן חֲיוּת אֱלֹקוּת וָואס אִיז מְחַיֶה דִי זַאךְ, אוּן וֶוען מֶען טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוערְט אִים גְרִינְגֶער דֶער לֶעבְּן, נָאר לֵיידֶער לֵיידֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית דוּרְכְדֶעם אִיז אִים בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער, וָוארוּם דֶער חֵטְא וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן רַע, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ל"ח ז') "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי הֲוָיָ"ה" פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמ"ט) פַארְוָואס שְׁטֵייט נִישְׁט רָשָׁע, פַארְוָואס שְׁטֵייט רַע? נָאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט חוֹטֵא גֶעוֶוען מִיט דֶעם חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה אִיז אַ בֵּייזֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן עֶר לָאזְט אוֹיס זַיינֶע נֶערְוְון אוֹיף אַן אַנְדֶערְן, אוּן עֶר אִיז אַ פַארְבִּיטֶערְטְן מֶענְטְשׁ, אוּן פוּן וַואנֶעט נֶעמְט זִיךְ דָאס, וָוארוּם דֶער מֹחַ זַיינֶע אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, פַארְקְלֶעמְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעטְלִיכְקֵייט, שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין רוּחְנִיוּת, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן זֶעהְט עֶר נִישְׁט דֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן דֶעמָאלְט אִיז אִים זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, אוּן אַז מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן מֶענְטְשׁ דִי אַלֶע וָואלְקֶענֶעס וָואס זֵיי פַארְדֶעקְן זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, זַיין שֵׂכֶל וְכוּ' וְכוּ', אוּן שַׁיינְט אִין אִים אַרַיין אַ לֶעכְטִיגְקֵייט אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ אוּן עֶר ווִיל אַז עֶר

זָאל צוּ אִים צוּרִיקְקוּמֶען, דָאס אִיז דִי מַעֲלָה אַז מֶען פָארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה מְקַבֵּל זַיין פוּן אִים מוֹחִין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רי"א) דָאס דֶער עִיקָר אִיז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר זָאל זֶעהְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם שֵׁם הֲוָיֶ"ה פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן דֶער צַדִיק עֶר עֶר נֶעמְט אַרָאפּ דִי עֲנָנִים דִמְכַסִין עַל עֵינִין, דִי שְׁוַוארְצֶע פוּנְסְטֶערֶע וָואלְקֶענֶעס וָואס פַארְדֶעקְן דֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה.

**עֶם** שְׁטֵייט (אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר - הַקְדָמָה) אַז דִי פָּסוּק מִ'י' יַ'עֲלֶה' לָ'נוּ' הַ'שָּׁמַיְמָה' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִילָ"ה אוּן דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת הֲוָיֶ"ה; וֶוען מֶען מַאכְט אַ בְּרִית פַאר אַ קִינְד, דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען אַרָאפּ דִי עָרְלָה וָואס דָאס פַארְדֶעקְט דֶעם מֹחַ צוּ זֶעהְן אֱלֹקוּת, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶעהְן דֶעם שֵׁם הֲוָיֶ"ה בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, דֶערְפַאר אִיז מִ'י' יַ'עֲלֶה' לָ'נוּ' הַ'שָּׁמַיְמָה' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִילָ"ה, דָאס הֵייסְט וֶוער סְ'קֶען אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל, דָאס מֵיינְט זֶעהְן שְׁטֶענְדִיג דִי שֵׁם הֲוָיֶ"ה פַאר דִי אוֹיגְן וָואס דָאס אִיז דֶער טֵייטְשׁ אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל, סְ'לַייכְט אִים שְׁטֶענְדִיג דֶער שֵׁם הֲוָיֶ"ה מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי צֵירוּפִים פַאר דִי אוֹיגְן, דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר דוּרְךְ תִּיקוּן הַבְּרִית, אוּן צוּ תִּיקוּן הַבְּרִית אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר דוּרְכְן צַדִיק הָאֱמֶת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דָאס דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ מִיט דֶעם מְחַיֶה זַיין.

**אִיךְ** בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דֶעם יָאר אַ שִׁידוּךְ, אוּן דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט דַאֲגָה'ן דוּ וֶועסְט אַוַודַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**אִיךְ** בֶּעהְט זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זַאךְ, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אִים גֶעלוֹיטֶערְט דִי נְשָׁמָה, אַוַודַאי בַּיים אָנְפַאנְג אִיז דָאס זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אִיז דָאס זִיס וִוי צוּקֶער, עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם מִשְׁנַיוֹת, נָאר יֶעדֶעס מָאל כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז עֶר אִיז מְסַיים אַ מְסֶכְתָא, אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ מְסֶכְתָא אוּן נָאךְ אַ מְסֶכְתָא, בִּיז עֶר אִיז מְסַיים שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הֵייבְּט עֶר אָן נָאכְאַמָאל, אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, וָוארוּם דָאס אִיז דֶער עִיקָר טַהֲרָה פוּן דֶער מֶענְטְשׁ, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת. אוּן וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, דוּרְךְ לִימוּד מִשְׁנָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה. מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מְשַׂנֶ"ה, דָאס אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דוּרְךְ לִימוּד מִשְׁנַיוֹת קֶען עֶר אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן טִיפְן בְּלָאטֶע וָואס עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ אִין דֶעם. אוֹיבֶּעט דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט

וִוי פַּרְנָסָ"ה, וֶוען אֵיינֶער לֶערְנְט אַסאךְ מִשְׁנַיוֹת, גֶעבְּט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַּרְנָסָה בְּנֵיקְל פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִיר דִי דִיבּוּרִים וֶועט דִיר דִי לֶעבְּן גֵיין אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ.

**הַמְאַחֵל לְךָ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תשנב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' בֵּין כֶּסֶה לְעָשׂוֹר ה'תשע"ה

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט אָפְּנַארְן דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**הַיינְט** אִיז דִי מְנִיעָה נִישְׁט אַזוֹי וַוייט פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי פוּן אִינֶעוֵוייניג, אִינְדְרוֹיסְן אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי לֶענְג אוּן דִי בְּרֵייט פוּן אַלֶע שִׁיכְטְן פוּן אַלֶע קְרַייזְן קוּמְט מֶען צוּ פָארְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין מְנִיָנִים פוּן אַלֶע חֲסִידוּתֶ'ער אוּן פוּן אַלֶע יְשִׁיבוֹת פוּן לִיטְווישְׁן קְרַייז וֶועלְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן, אוּן עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן מֶער אוּן מֶער, אוּן דִי מְנִיעָה אִיז יֶעצְט לֵיידֶער פוּן אִינֶעוֵוייניג, אַזוֹי גֶעקְרוֹינְטֶע מַנְהִיגִים וָואס זֵיי

הָאבְּן טְנוּף און צוֹאָה אִין קָאפּ, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנַת חֲכָמִים אֱמוּנַת צַדִּיקִים, אִיז אַ סִימָן אַז דִי מוֹתָרוֹת גֵייעֶן אִים אַרוֹיף אִין מוֹחַ, און זֵיי פַארְדְרֵייעֶן אִים אִינְגַאנְצְן, און עֶר בְּרֶענְגְט אַרוֹיס אַ מִשְׁפָּט מְעוּקָל וְכוּ' וְכוּ', און דָאס זֶעהְט מֶען הַיינְט, אַז דַיְיקָא פון דִי אַזוֹי גֶעקְרוֹינְטֶע מַנְהִיגִים זֵיי זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע מוֹנְעִים פון צוּ פָארְן צום הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אֵיינֶער לַיידְט אויף דִי נֶערְוְון פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ עֶר הָאט מוֹרָא צוּ פְלִיעֶן, עֶר אִיז אֵיינְמָאל גֶעפְלוֹיגְן און מֶער פְלִיעֶט עֶר נִישְׁט, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא אַז דֶער עֶרֶעפְּלַאן וֶועט אַרָאפְּפַאלְן, פָּשׁוּט עֶר לַיידְט אויף דִי נֶערְוְון מְמֵילָא רֶעדְט עֶר אָפּ אַז מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין און פָארְן אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צום הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן. און אֵיינֶער ווִידֶערְאוּם אַזוֹי גֶערוּפֶענֶעם "מְקוּבָּל" הָאט מַזְהִיר גֶעוֶוען אַז דֶער רֶבִּי אִיז גָארְנִישְׁט אִין אוּמַאן נָאר אִין הַר צִיּוֹן וְכוּ', און נָאךְ אַזֶעלְכֶע טִפְּשִׁים, פָּשׁוּטֶע צִיגַיינֶער וָואס זֵיי זֶענֶען דִי מוֹנְעִים נִישְׁט צוּ לָאזְן מֶענְטְשְׁן פָארְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, און לֵיידֶער לֵיידֶער הָאבְּן זֵיי אַ כֹּחַ פון סַמֶ"ךְ מֶ"ם מוֹנֵעַ זַיין מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען צום הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ח') אַז פון דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט צֵירוּפִים אִין דִי מִלְיוֹנֶען פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, אוֹיבּ אֵיין אִיד קוּמְט צוּ צום קִיבּוּץ הַקָּדוֹשׁ אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בְּרֶענְגְט עֶר מִיט זִיךְ מִיט מִילֵי מִלְיוֹנֶען צֵירוּפִים,

אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אִיז דָאס מְבַרֵר אוּן מְבָאֵר בְּבֵאוּר הֵיטֵב אִין "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" אוֹיף דִי תּוֹרָה "תִּקְעוּ תוֹכָחָה" וָואס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט זָאל אִיבֶּערְקוּקְן דִי שִׂיחָה, אוּן דָאס אִיבֶּערְלֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע מָאל, וֶועט עֶר זֶעהְן ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר גוֹרֵם אַזֶעלְכֶע שַׁעֲשׁוּעִים אוּן צֵירוּפִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וָואס עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען פוּן זִינְט דִי בְּרִיאָה שְׁטֵייט, וָוארוּם מֶען זֶעהט ווָאוּנְדֶער אִיבֶּער ווָאוּנְדֶער וֶוער קוּמְט אַלְץ צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, פוּן אַלֶע קְרַייזְן פוּן אַלֶע שִׁיכְטְן, אַלֶע עֶרְלֵיי גֶעפַּאלֶענֶע אוּן צוּבְרָאכֶענֶע וְכוּ' וְכוּ' אַלְץ קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ אַ תִּיקוּן, אוּן דַיְיקָא פוּן אִינֶעווֵייניג דִי אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים מְפֻרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר זֵיי זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע מוֹנְעִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אָן אַ שִׁיעוּר אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט מַמָשׁ מְסִירוּת נֶפֶשׁ פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען מִכַּמָּה וְכַמָּה טַעֲמִים, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי גֶעטוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן אֱמוּנַת צַדִּיקִים, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, עֶצֶם הָעוּבְדָא אַז מֶען אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען זִיךְ מִיט דֶעם פְרֵייעֶן אַגַאנְץ יָאר, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי טִפְּשִׁים

וָואס פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער קִיבּוּץ וֶועט אָנְהַאלְטְן בִּיז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן הֶערְשְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס גְרוֹיסְקֵייט.

**הַמְּאַחֵל לְךָ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תשנג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' בֵּין כֶּסֶה לְעָשׂוֹר ה'תשע"ה

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** דַארְפְּסְט וויסְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם מוּז מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) דָאס דֶער שְׁלֵימוּת צוּקוּמֶען צוּ דֶעם אִיז צוּ הָאבְּן 'אֲרִיכוּת אַפַּיִם' דִי מִדָּה פוּן 'סַבְלָנוּת' - 'גֶעדוּלְד', אוּן דָאס אִיז תָּלוּי אִין אֱמוּנָה, וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז יֶעדֶער זַאךְ וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט אִים בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחְנִיוּת אִיז אַלֶעס פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט וֶועט עֶר הָאבְּן גֶעדוּלְד, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועט אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער לוֹיפְט עֶר גְלַייךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס אוֹיף אִים

גֵייט אִיבֶּער, וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז בְּזֶה הָעוֹלָם נָאר רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּזִינֶדערְן אִין אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דֶעמָאלְט וֶועט אִים דֶער גַאנְץ לֶעבְּן גֵיין אַנְדֶערְשׁ.

דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, וָואס הָאסְטוּ מִיט אַן אַנְדֶערְן? אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט זִיךְ אָפּ זַיין לֶעבְּן זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צ') "יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרוֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה" אוּן נָאכְדֶעם גֵייט עֶר צוּרִיק פוּן וַואנֶעט עֶר קוּמְט וְכוּ', אוּן דָאס אִיז אַ עֶקְסְטְרֶע זְכוּת וֶוען דֶער אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ אוֹיסְצוּלֶעבְּן זַיין לֶעבְּן, אוּן פִילְט אָן יֶעדְן טָאג מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אָבֶּער אוֹיבּ עֶס גֵייט אִים אַוֶועק דִי טֶעג מִיט פִּיסְטְקֵייט וְכוּ', אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע רַחְמָנוּת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וִוי דֶעם, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבוֹת נ"ט) הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם, עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע פַאר לֵיידִיג-גֵיין, וְלִידֵי זִמָּה וְכוּ' אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט צוּ נִיאוּף פְּגַם הַבְּרִית מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת הִרְהוּרִים רָעִים, נָאר וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּטוּהְן פַאר לֵיידִיג גֵיין, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר

אִים, וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן נָאר מִיט אִים, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגְן אַזַא מִין לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אַז קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט וֶועט דִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ דִי טַייעֶרֶע מִדָה פוּן גֶעדוּלְד - סַבְלָנוּת, וֶוער נִישְׁט אִין כַּעַס, אוֹיפְגֶערֶעגְט, נֶערְוֶועז וְכוּ', דָאס וֶועט דִיךְ נִישְׁט בְּרֶענְגְן צוּ גָארְנִישְׁט, נָאר צוּ צָרוֹת וְכוּ'.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי דִיבּוּרִים, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**הַמְאַחֵל לְךָ חֲתִימָה טוֹבָה**

## תשנד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' בֵּין כֶּסֶה לְעָשׂוֹר ה'תשע"ה

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי פְרֵיילִיךְ אִיךְ בִּין אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, וָוארוּם אִין דֶעם אִיז תָּלוּי אֱמוּנַת חֲכָמִים, אֱמוּנַת צַדִיקִים, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט אִין אוּנְזֶער דוֹר אַזַא גְרוֹיסְן צַדִיק

אַזַא לֶעבְּט, אוֹר הָאוֹרוֹת צַח הַצַּחְצָחוֹת, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט דָאס וֶוער סְ'וֶועט זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַגַאנְץ יָאר, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַארְעֶכְט עֶר אֲפִילוּ דִי נְשָׁמוֹת פְּגוּמוֹת וָואס עֶר קֶען נִישְׁט פַארְעֶכְטְן אַגַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבְּן זֵיי אוֹיכֶעט אַ תִּיקוּן, אוּן מֶען זֶעהְט ווְאוּנְדֶער אִיבֶּער ווְאוּנְדֶער, יֶעדֶעס יָאר קוּמֶען מֶער אוּן מֶער נְשָׁמוֹת עַרְטִילָאִין וְכוּ', נַאקֶעטֶע נְשָׁמוֹת וְכוּ', וָואס זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אִין עוֹלָם הַדִּמְיוֹן, אוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ, וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּץ וְכוּ', אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אוּן וָואס זֵיי זֶענֶען נִכְשָׁל גֶעוָוארְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאס פִּינְטֶעלֶע אִיד וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ צִיט זֵיי צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי ווִי אַ מַאגְנֶעט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע') דָאס דֶער צַדִּיק הָאט אִין זִיךְ אַ כֹּחַ אַ מַאגְנֶעט צִיעֶן אַלֶע נְשָׁמוֹת צוּ אִים, נָאר עֶס אִיז פַארְהַאנֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען דִי כֹּחַ הַדּוֹחֶה כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ וְכוּ' וָואס זֵיי רֶעדְן אָפּ אַנְדֶערֶע נְשָׁמוֹת זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַ תִּיקוּן, אַז אָךְ אוּן וֵויי פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי רֶעדְן אַקֶעגְן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל חוֹטְאִים וּמַחְטִיאִים אֶת הָרַבִּים, וָוארוּם עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל יוּגְנְט וָואס זֶענֶען אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן זֵיי הָאבְּן אַ הִתְעוֹרְרוּת אַ בֶּענְקֶענִישׁ רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן זֵיי זָאלְן אוֹיכֶעט מְקַבֵּל זַיין אַ תִּיקוּן, זֵיי זָאלְן אוֹיכֶעט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן, זֵיי זָאלְן אוֹיכֶעט קֶענֶען פַארְעֶכְטְן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים, אוּן צוּם סוֹף קוּמֶען אַפָּאר חוֹטְאִים

וּמַחְטִיאִים אֶת הָרַבִּים, און רֶעדְן אָפּ בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט נִישְׁט צוּ פָארְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז דוּ הָאסְט צוּבְרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, זָאלְסְטוּ זַיין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ תִּיקּוּן, און דוּ וֶועסְט נִתְעוֹרֵר וֶוערְן בִּתְשׁוּבָה, און דַיין הַארְץ וֶועט זִיךְ צִיעֶן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ און פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ.

**דָאס** עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז, זָאלְסְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ מִיט אַ יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דוּ הָאסְט אִין זִיךְ, בִּפְרַט צִיצִית תְּפִילִין מְזוּזָה וְכוּ' וְכוּ', און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) דָאס אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין לְכַף זְכוּת, און נִישְׁט לָאזְן זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט דִיר גוּט זַיין דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, נָאר לָאז זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, עֶס זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ לַאו פוּן "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ" אַ אִיד טָאר נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן פַאר גָארְנִישְׁט און נִישְׁט, אַזוֹי טָאר זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן, דוּ זָאלְסְט בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה טוּהְן, דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און דוּ זָאלְסְט מִיר מְבַשֵּׂר זַיין בְּשׂוֹרוֹת מְשַׂמְּחוֹת.

**הַמְאַחֵל לְךָ חֲתִימָה טוֹבָה**

# תשנה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים שֵׁם הַשֵּׁם [י'] ה'תשע"ה

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, וָוארוּם בְּזֶה הָעוֹלָם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט "הָעִיקָר שֶׁקּוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ" דָאס הֵייסְט אַז אוֹיף דֶעם וֶועלְט גֵייט מֶען אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר אִים, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, וָואס דִי מַתָּנָה הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אַ שָׁאד אַ שָׁאד וָואס דָאס אִיז נִישְׁט אַרַיין נָאךְ אִין דִי וֶועלְט, הֵן אֱמֶת דָאס וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט וֶוען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען אַזוֹי ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט (צְפַנְיָה ג') "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם הֲוָיָ"ה" ס'וֶועט זַיין אַזַא מִין גִילוּי אֱלֹקוּת אַז אַלֶע וֶועלְן שְׁפִּירְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה י"א, ט') "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת הֲוָיָ"ה כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים" יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט מַכִּיר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען וֶועט שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, מִמֵּילָא וֶועט יֶעדֶער אֵיינֶער רֶעדְן צוּ אִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים? ווייל דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט גַאנְץ, וָוארוּם ווען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעהַאט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, אוּן עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיי אִים לֶעבְּן אִים אִין אִים, וָואלְט עֶר אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר מַחֲמַת עֶר הָאט אַזוֹיפִיל קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם אִיז עֶר זִיךְ מִתְרַשֵׁל פוּן תְּפִלָּה, אוּן דֶעמָאלְט גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ט) אַז דִי וֶועלְט זָאגְט אַז עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַ עוֹלָם הַזֶה, אִיךְ זֶעה נִישְׁט קַיין עוֹלָם הַזֶה, וָוארוּם דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם, וֶועלְדִיג וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט צָרוֹת אוּן יִסוּרִים מְרִירוּת אוּן מַכְאוֹבִים וְכוּ' וְכוּ', בִּיטֶערְנִישׁ, אוּן מֶען לַיידְט אָרֶעמְקֵייט, אוּן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי מֵיחוּשִׁים אוּן קְרַאנְקְהֵייטְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז פִיל מִיט יִסוּרִים, אִיז דָאס גָאר דֶער גֵיהִנוֹם, אֶפְשֶׁר אִיז דָא עֶרְגֶעץ אַ עוֹלָם הַזֶה, אָבֶּער דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר אַנְטְלוֹיפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָארְטְן אִיז דֶער גַן עֵדֶן. דָאס הֵייסְט וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַוַדַאי בַּיים אָנְפַאנְג אִיז אִים מוֹרָא'דִיג שְׁוֶוער דָאס אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין זִיךְ, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים נִישְׁט גַאנְץ, בִּפְרַט וֶוען עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, ווִי עֶס שְׁטֵייט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בְּאָדָם, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ

זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן קוּמְט אִין אִים אַרַיין כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶוערְט אִים פִינְסְטֶער דִי לֶעבְּן. מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, קֶען עֶר זִיךְ זַייעֶר דֶערְהַאלְטְן.

**עֶס** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ אִיד אַ תַּלְמִיד חָכָם צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער חֲזוֹן אִישׁ זי"ע אוּן עֶר הָאט מִיט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן אִין לֶערְנֶען ווִי גֶעוֶוענְדְלִיךְ. דֶערְוַוייל אִיז אַ פְלִיג אַרוּמְגֶעפְּלוֹיגְן אוֹיפְן שְׁטֶערְן פוּן דֶעם חֲזוֹן אִישׁ זי"ע אוּן עֶס הָאט דֶענֶערְווִירְט דֶעם תַּלְמִיד חָכָם, הָאט עֶר אַלְץ אַ פָּאךְ גֶעגֶעבְּן מִיט דִי הַאנְט אַוֶועקְטְרַייבְּן דֶעם פְלִיג עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דֶעם חֲזוֹן אִישׁ זי"ע אוּן דֶער פְלִיג נַאטִירְלִיךְ אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, אַזוֹי עֶטְלִיכֶע מָאל, דֶער תַּלְמִיד חָכָם הָאט עֶס מִיט דִי הַאנְט אַוֶועקְגֶעפָּאכֶעט וְכוּ' אוּן דֶער פְלִיג אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען לֵייגְן זִיךְ אוֹיפְן שְׁטֶערְן פוּן חֲזוֹן אִישׁ זי"ע אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַזוֹי גֶעזֶעצְן רוּאִיג, אוּן דֶעם תַּלְמִיד חָכָם הָאט דָאס זַייעֶר גֶעשְׁטֶערְט. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער חֲזוֹן אִישׁ זי"ע מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אָט דָאס אִיז אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגֶער פְלִיג, אוּן דֶער תַּלְמִיד חָכָם הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, הָאט עֶר אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען, רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט מֶען שׁוֹין דַן גֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶעדְן קְלֵיינֶעקֵייט דָאס אֲפִילוּ דֶער פְלִיג זָאל זִיךְ אַלְץ זֶעצְן אוֹיף מַיין שְׁטֶערְן אוּן מִיךְ שְׁטֶערְן אוּן מְבַלְבֵּל זַיין, דָאס אִיז אוֹיךְ שׁוֹין נִגְזָר גֶעוָוארְן אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה וְויאַזוֹי דֶער חֲזוֹן אִישׁ זי"ע

הָאט גֶעקוּקְט אוֹיפְן לֶעבְּן, אַלֶעס מִיט אַ הַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, וָואס אַזַא סִיפּוּר פַּאסְט פַאר דִי תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע, וִויסְן אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט אִיז אַ הַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, וִויסְן אַז אַ יֶעדֶער קְלֵיינִיקַייט וָואס סְ'פִּירְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס אִין זִיךְ אַרַיין דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען אָן דֶעם לֶעבְּן אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז נָאר פַּאר זַיין גוּטְס, דָאס אַלֵיין אִיז עוֹלָם הַבָּא. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א' סִימָן ד') כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאוֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא; וָוארוּם אוֹיף עוֹלָם הַבָּא אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (יְשַׁעְיָה ס"ד ג') "עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹהִים זוּלָתֶךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ" מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם רוּחְנִיוּת אֱלֹקוּת וָואס עֶס אִיז דָא אִין דִי וֶועלְט, נָאר מַחֲמַת מִיר הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית הָאבְּן מִיר נִישְׁט דֶיִע שְׁלֵימוּת'דִיגֶע אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א) דָאס בְּרִית מִיט אֱמוּנָה אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין דֶעם אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִים פ"ט) "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ" וֶועלְדִיג אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט בַּיי שְׁלֵימוּת תִּיקוּן הַבְּרִית, אַזוֹי אִיז שְׁטַארְק בַּיי אִים דִי אֱמוּנָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוָוארְפְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט צוּשְׁטֶערְן דַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

**אַוודַאי** און אַוודַאי טוט ווײ דָאס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ בְּגַשְׁמִיוּת און בְּרוּחְנִיוּת וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דָאךְ גֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, ווִי אוֹיבְן גֶעזָאגְט "הָעִיקָר שֶׁקּוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ" דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער שְׁטֶענְדִיג, מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ, און נִישְׁט צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, מַאכְן אַן אָנְהֵייבּ, אַ נַייעֶ הַתְחָלָה יֶעדֶע מִינוּט, און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק.

**דִי** תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ 'ב' וָואס דָאס אִיז פַארְמַאכְט פוּן אוּנְטְן און פוּן אוֹיבְן און רִיקְסְצִיוֶועגְס, נָאר פָארֶענְט אִיז דָאס אָפֶען, וָוארוּם דָאס הֵייסְט 'בְּרֵאשִׁית' ב' רֵאשִׁית, אַז דוּ ווִילְסְט מַאכְן אַ רֵאשִׁית אַ אָנְפַאנְג, זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיפְן גְרוֹיסְן ב' עֶס אִיז פַארְמַאכְט פוּן אוּנְטְן און פוּן אוֹיבְן און פוּן צוּרִיקְוֶועגְס, אַ אִיד טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, עֶר הֵייבְּט יֶעצְט אָן. עֶר טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיבְן וָואס עֶס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אִים, און עֶר טָאר נִישְׁט קוּקְן אוּנְטְן וָואס עֶס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אִים. מֶען דַארְף נָאר קוּקְן וָואס אִיז פוּן יֶעצְט אָן און וַוייטֶער, און אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט דֶעם וֶועג, קֶען מֶען הָאבְן גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אַרַיינְנֶעמֶען אִיז זִיךְ דִי דִיבּוּרִים, וֶועסְטוּ זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן און אַ פְרֵיילִיכְן סוּכּוֹת**

## תשנו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יום א' מָחֳרַת יום הַכִּפּוּרִים שֵׁם הַשֵּׁם [י'] ה'תשע"ה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) **אִם אַתָּה** מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְתַקֵּן. אוֹיבּ דוּ הַאלְסְט דָאס מֶען קֶען פַארְדַארְבְּן, קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז דוּ הָאסְט דָאךְ אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן ס'טוּט דִיךְ וֵויי וָואס דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲווֹנוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ', וָואס דוּ הָאסְט צַאמְגֶעקוּקְט אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ', זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ אָב הָרַחֲמָן, אוּן עֶר הָאט דִיךְ לִיבּ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה מ"ט ג') "יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר" דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּארִימְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אִיד.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים דָאס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דְרֵיי מָאל אִין הִימְל, אוּן גֶעזֶעצְן דָארְטְן פֶערְצִיג טֶעג מִיט פֶערְצִיג נֶעכְט, דָארְטְן הָאט עֶר מַשִּׂיג גֶעוֶוען דָאס טַייעֶרְקֵייט פוּן יֶעדֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי מַלְאָכִים, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת פ"ט) וֶוען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעוָואלְט גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבְּן דִי מַלְאָכִים מְקַטְרֵג גֶעוֶוען אוֹיף דִי אִידְן, וָואס הָאסְטוּ זֵיי צוּ גֶעבְּן דִי תּוֹרָה?

הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, זָאג זַיי אַ תְּשׁוּבָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶר הָאט מוֹרָא זַיי וֶועלְן אִים פַארְבְּרֶענֶען וְכוּ', הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִים גֶעזָאגְט, הַאלְט זִיךְ אָן אִין מַיין כִּסֵא הַכָּבוֹד אוּן דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אוּן דוּ קֶענְסְט זַיי עֶנְטְפֶערְן, הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זִיךְ אָנְגֶעהַאלְטְן אִין דִי כִּסֵא הַכָּבוֹד אוּן עֶר הָאט זַיי בֵּייגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זַיי גֶעפְרֶעגְט 'זָאגְט אִיר הָאט נִסְיוֹנוֹת'? אִין מִצְרַיִם זֶענְט אִיר גֶעוֶוען וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע זוּהֲמָא אוּן דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה, אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ הָאבְּן גֶעמוּזְט צַאמְקוּקְן אַלֶע שְׁמוּץ אוּן אַלֶע עֶקְלְהַאפְטִיגֶע גוֹיִים אוּן גוֹיְטֶעס וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זַיי זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, הָאט אִיר דֶעם נִסָיוֹן? אִיז שַׁיָיךְ בַּיי אַייךְ 'לֹא תִגְנוֹב'? אִיז שַׁיָיךְ בַּיי אַייךְ 'לֹא תִרְצָח'? אִיז שַׁיָיךְ בַּיי אַייךְ 'לֹא תִנְאָף"? אוּן עֶר הָאט זַיי בֵּייגֶעקוּמֶען. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן א') וָואס הֵייסְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאלְסְט זִיךְ אָנְהַאלְטְן אִין כִּסֵא הַכָּבוֹד דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן? נָאר דֶער כִּסֵא הַכָּבוֹד דָארְטְן אִיז שָׁרְשֵׁי נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, דָאס הֵייסְט אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד, דָאס הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְהַאלְטְן אִין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל צוּזַאמֶען וֶועלְן זַיי דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען בֵּייקוּמֶען, וָוארוּם זַיי דִי מַלְאָכִים זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער קוּמְט מֶען

קֵיינְמָאל צוּ דֶעם נִסָּיוֹן, אוּן דָארְטְן הָאט עֶר מַשִּׂיג גֶעוֶוען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמָה וִוי חָשׁוּב אוּן טַייעֶר עֶס אִיז יֶעדֶער בְּרָכָה וָואס אַ אִידִישׁ קִינְד זָאגְט, יֶעדֶעם דִיבּוּר וָואס עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז חָשׁוּב אוּן טַייעֶר, יֶעדֶער מִצְוָה וָואס עֶר אִיז מְקַיֵּים אִיז חָשׁוּב אוּן טַייעֶר, דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעקֶענְט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן וואו דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן, טָארְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) גָאר קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנְדִין, ס'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ פוּן זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, אֲפִילוּ מֶען הָאט אָפְּגֶעטוּהְן דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ קֶען מֶען נָאךְ אַלְץ פַארְרֶעכְטְן, מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. נָאר נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין וֶועט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן וֶוערְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט וֶוען אַ אִיד דְרֵייט מִיט דִי פֵּאָה אִיז עֶר גוֹרֵם מוֹרָא'דִיגֶע שַׁעֲשׁוּעִים אוֹיבְן אִין הִימְל, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וָואס הֵייסְט אַז אַ בָּחוּר קְרַייזֶעלְט דִי פֵּאָה וִוי חָשׁוּב אוּן טַייעֶר דָאס אִיז, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אָפְּשְׁנַיידְן דִי פֵּיאוֹת וָואס דָאס אִיז דֶער צֶלֶם אֱלֹקִים, דִי תֵּימָנֶ'ער אִידְן רוּפְן אָן דִי פֵּיאוֹת 'סִימָנִים', וָוארוּם דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד אַז עֶר גֵייט פֵּיאוֹת, אוּן מֶען זֶעהְט אַז דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים רֶעדְן צוּ, וָואס דַארְפְסְטוּ הָאבְּן פֵּיאוֹת. אִיבֶּערְדֶעם

דַארְף מֶען זֶעהְן דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז אָפְּטְשֶׁעפֶּען זִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס זֵיי קֶענֶען אַרַיינְפִירְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט זֵיי פָּאלְגְן אָנְרוּרְן דִי פֵּיאוֹת.

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ אַ שִׁיעוּר וָואס מִיר לֶערְנֶען לֵיל שִׁשִּׁי, וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶּה זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין זִיךְ דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת**

## תשנז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים שֵׁם הַשֵּׁם [י'] ה'תשע"ה**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גְעוֶוען אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְפְסְטוּ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין.

**זִויסְן** דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דָא אַלֶע דִמְיוֹנוֹת וָואס עֶס הַארְגֶענֶען אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, וָוארוּם דֶער דִמְיוֹן פַּיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז אַ מַחֲלָה וָואס עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם, וֶוער עֶס פַּאלְט אַרַיין אִין

דִמְיוֹנוֹת אוֹיף אִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק י"ד הֲלָכָה ג') עַל הַפָּסוּק (דְבָרִים ז') "וְהֵסִיר הֲוָיָ"ה מִמְּךָ כָּל חוֹלִי" זוּ רַעְיוֹן, דְּאָמַר רַבִּי אֱלִיעֶזֶר (שָׁם כ"ח) "וְנָתַן עוֹל בַּרְזֶל עַל צַוָּארֶךָ" זֶה רַעְיוֹן; אַלֶע מַחֲלוֹת נֶעמֶען זִיךְ פוּן דִמְיוֹנוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין וְכוּ', ווִי דִי וֶועלְט זָאגְט אַ אַיינְרֶעדֶענִישׁ אִיז נָאךְ אַרְגֶער פוּן אַ קְרֶענְק וְכוּ', אוּן לֹא בְּחִינָם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ גַאנְצֶע תּוֹרָה אוֹיף דֶעם (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה) אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

אַ אִיד דַארְף הָאבְּן פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן ווִיסְן דַארְף עֶר אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַ אָב הָרַחֲמָן אוּן עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד, אוּן עֶר בַּארִימְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה מ"ט) "יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", אוּן עֶר וַוארְט דָאס יֶעדֶער אִידִישׁ קִינְד זָאל צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים אוּן תְּשׁוּבָה טוּהְן אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּהְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד, אוּן דָאס וָואס עֶס גֵייט אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', אוּן מַחֲשָׁבוֹת דָאס וַוייל עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט ווִיל אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שׁוֹין מֶער נִישְׁט הָאבְּן, דָאס אַלֵיין אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, דֶער שָׂטָן וָואס עֶר קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן תְּשׁוּבָה טוּהְן וְכוּ', וָוארוּם דָאס גַאנְצֶע גֶעדַאנְק אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד וַוייל עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ', דָאס אִיז אַלֵיין אַ אַיינְרֶעדֶענִישׁ וָואס

דֶער שָׂטָן רֶעדְט אִין אִים אַרַיין, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַּארֶעכְטְן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים אָפְּגֶעלָאזְט, וָוארוּם פוּן וואו נֶעמְט עֶר חַיוּת צוּ גֵיין וְכוּ׳, צוּ בַּאוֶועגְן זִיךְ וְכוּ׳, אוּיבּ נִישְׁט וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אִים אוּן גֶעבְּט אִים חַיוּת וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט זָאל עֶר ווִיסְן דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים, אוּן לֶעבְּן אִים, אִין אִים, וְכוּ׳, וָוארוּם סְ׳אִיז נִישְׁט פַּארְהַאנֶען קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת וְכוּ׳ וָואס עֶס דַאכְט זִיךְ אִים דָאס עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָנָה וְכוּ׳ אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים פַיינְט וְכוּ׳, דָאס אִיז פָּשׁוּט קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס עֶס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְפְן פוּן זַיינֶע חַטָאִים אוּן זֵיי פַּיינִיגְן אִים וְכוּ׳, אוּן דֶער אֱמֶתְ׳ן אִיז, דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶר זָאל צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים.

**וואוֹיל** אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר נֶעמְט אַרַיין דִי דִיבּוּרִים אִין הַארְץ וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם מִיט יֶעדְן טְרַאכְט וָואס עֶר טְרַאכְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר מְקַיֵים אַ מִצְוַות עֲשֵׂה פוּן יִחוּד הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. נָאר טְרַאכְטְן פוּן אִים אִיז שׁוֹין אַ מִצְוָה, וּמִכָּל שֶׁכֵּן רֶעדְן פוּן אִים, אִיז גָאר אַ שְׁטַארְקֶע מִצְוָה.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב**

# תשנח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר נֹחַ כ"ז תִּשְׁרֵי ה'תשע"ה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל זְכוּתִים אִין הִימְל אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, וָוארוּם אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן לַיידְן צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים סַיי פוּן זִיךְ אוּן סַיי פוּן דִי קִינְדֶער, סַיי פוּן פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן דַיְיקָא דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וּבִפְרַט דִי קוּנְטְרֵסִים דָאס אִיז פַאר זֵיי אַ דֶערְקְוִויקוּנְג, אוּן אַסַאךְ זָאגְן אָפֶען וֶוען נִישְׁט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט וִויאַזוֹי זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן, וּבִפְרַט יֶעצְט וֶוען דִי נִסְיוֹנוֹת אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער בְּעִנְיָנֵי קְדוּשָׁה וְטַהֲרָה וְכוּ' וָואס דִי קְלִיפָּה אִינְטֶערְנֶעט אַיי פָאוֹן, בְּלֶעקְבֶּערִי, אַיי פַּאד, סְמַארְטְפָאוֹן, וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס צִיט אַרָאפּ יֶעדְן אִידִישְׁן נְשָׁמָה אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן צוּ דְרִיקְן פוּנְף טוֹיזֶענְט "אוֹצַר הַקְדוּשָׁה" וָואס דָאס רֶעדְט פוּן קְדוּשַׁת הָעֵינַיִם וּקְדוּשַׁת הַבְּרִית וְכוּ' אוּן עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט הָאבְּן מִיר צוּגֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן בַּאצָאלְן דִי גַאנְצֶע הוֹצָאוֹת וָואס עֶס קָאסְט דֶעם דְרִיקְן, אוּן נָאכְדֶעם וִויל אִיךְ דְרִיקְן פוּנְף טוֹיזֶענְט "קְדוּשַׁת יִשְׂרָאֵל", וָואס דִי צְוֵויי סְפָרִים אִיז פָּשׁוּט אַ הַצָּלַת נְפָשׁוֹת פַאר דִי וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן

זַייעֶר צוּ דֶערְהַאלְטְן אַז אַדַאנְק דִיר דְרִיקְט מֶען אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אוּן טָארְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיךְ בַּאגְלִיקְן, אוּן עֶס זָאל דִיר לֶעבְּטִיג זַיין שְׁטֶענְדִיג.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג**

## תשנט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר נֹחַ כ"ז תִּשְׁרֵי ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דוּ טוּהסְט אוֹיף מִיט דֶעם וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַרָאפּ יֶעדְן שִׁיעוּר פוּן לֵיל שִׁשִּׁי אוּן דוּ מַאכְסְט פוּן דֶעם אַ קוּנְטְרֵס, דָאס אִיז פָּשׁוּט הַצָּלַת נְפָשׁוֹת, מֶענְטְשְׁן זָאגְן וֶוען זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט וָואלְטְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְחַזֵּק זַיין, וָוארוּם עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזֶעלְכֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וְכוּ' וְכוּ', דֶער פוּן פַּרְנָסָה אוּן דֶער פוּן קִינְדֶער אוּן דֶער פוּן שְׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ', אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים אוֹיף אִידִישׁ אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיּוּת, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ מַרְחִיב זַיין אִין פַּרְנָסָה, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן, וָוארוּם אֵיינֶער וָואס אִיז מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר אַרַיינְגֶעבְּן אַ שִׂמְחָה אִין הַארְץ, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (תְּהִילִים ד') "נָתַתָּה שִׂמְחָה בְּלִבִּי" אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') אַז דֶער עִיקָר שִׂמְחָה אִיז אִין הַארְץ, וֶוען דָאס הַארְץ אִיז פִּיל מִיט שִׂמְחָה עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן פַארְקֶערְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ פַארְקְרִימְט הַארְץ וְכוּ' אוּן עֶר הָאט הוֹילֶע קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ. אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְּסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן וָואס דוּ הָאסְט אַזַא זְכוּת צוּזַאמְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם שִׁיעוּר פוּן לֵיל שִׁשִּׁי אוּן מַאכְן פוּן דֶעם אַ קוּנְטְרֵס וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס אַזוֹי שֵׁיין וְכוּ' אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה מִיט דֶעם, אַז וואוֹיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג**

## תשס

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר נֹחַ כ"ז תִּשְׁרֵי ה'תשע"ה

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

דוּ דַארְפְסְט זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב צוּ אַזוֹי אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר קֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דִי

רַחְמָנוּת פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיךְ צוּ דִיר וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זַיין צוּבְּרָאכְן? וּבִפְרָטִיוּת אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְסְטוּ בְּוַודַאי פְרֵיילִיךְ זַיין אַגַאנְץ יָאר, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "וֶוער סְ'אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַגַאנְץ יָאר" מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם תִּיקוּן וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) **אַז** דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים קֶען מֶען קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וְויסְן וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן אַז מֶען הָאט אַ פְּגַם אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט צוֹאָה אוּן טִנּוּף אוּן מוֹתָרוֹת אִין קָאפּ וְכוּ', אוּן דָאס זֶעהְט מֶען לֵיידֶער בַּיי דִי קְלֵיין-קֶעפְּלְ'דִיגֶע נַייעֶ מְקוּרָבִים וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער שְׁטוּפְּט זִיךְ צוּ זַיין בְּרֹאשׁ וְכוּ' הֶדְיוֹט הַקּוֹפֵץ בְּרֹאשׁ וְכוּ', לֶערְנֶען מִיט הָמוֹן עַם יוּנְגֶע בָּחוּר'לֶעךְ פַארְדְרֵייטֶע לִימוּדִים, אַלֶעם וֶועלְן זֵיי רֶעדְן אָבֶּער נִישְׁט פוּן 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' וְכוּ' דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר עֶסְט יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן פַארְטְרִינְקְט דֶערְנָאךְ עֶטְלִיכֶע מִזְמוֹרֵי תְהִלִּים, אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְווֹת. פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מַאכְן קַיין סֵדֶר אִין לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, בְּשָׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן

אונְזֶערֶע לַייט זָאגְן 'זָאגְן דַיְקָא' חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין נַייעֶ דְרָכִים, דָאס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה), און מִמֵילָא אויבּ אֵיינֶער אִיז דִיר נִישְׁט מְעוֹרֵר אויף לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז סְ'אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים און הֲבָלִים, וָוארוּם דֶער תַּנָא הַקָדוֹשׁ זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו') אֵין מְלַוִין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָלִיוֹת אֶלָא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד; גָארְנִישְׁט בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר אַז עֶר אִיז זוֹכֶה און עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י און תַּרְגוּם, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און עֶר לֶערְנְט אַ דַף גְמָרָא, און לֶערְנְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אִיבֶּערְדֶעם לָאז דִיךְ נִישְׁט פַאלְן, און וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דִי נַייעֶ מְפוּרְסָמִים'לֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען בִּבְחִינַת 'אֶפְרוֹחַ שֶׁלֹא נִפְתְּחוּ עֵינָיו' ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, 'זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֵצָה אִיז ווִי קֶענֶען זֵיי גֶעבְּן אַ עֵצָה אַן אַנְדֶערְן'? אִיבֶּערְדֶעם הָאבּ נִישְׁט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דִי מְפוּרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר וָואס זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם צְווִישְׁן אונְזֶערֶע לַייט אַלֵיין, ווִי דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין פָאטֶער רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל אַז צְווִישְׁן אונְזֶערֶע לַייט דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיךְ אַרוּם מְפוּרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר וְכוּ' וְכוּ'.

**כָּל** זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן וָואס נָאר דָאס זֶענֶען דִי שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְצֵייכְנְט אוּן דָאס אִיז אַ הַנְהָגָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, כָּל זְמַן מֶען חַזֶר'ט דָאס נִישְׁט אַיין גוּט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן מֶען בֶּעהְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען זָאל מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה, אִיז מֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן צוּ זִיךְ רוּפְן אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד. יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף קֶענֶען דִי צְווֵיי סְפָרִים אוֹיסֶענְוֵוייניג, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, אוּן מִשְׁתַּדֵל זַיין מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען, עֶר הָאט אוּנְז בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ רֶעד מִיט אַייךְ קֶענְט אִיר זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַנַאנְץ לֶעבְּן אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵויים וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיבֶּערְדֶעם וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין מִיט אַן אַנְדֶערְן?

**גֶעוְוהאוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס) אַז דֶער צַדִיק וֶועקְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף, אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט, אוּן דֶער צַדִיק וֶועקְט אִים אוֹיף פוּן שְׁלָאף, אוּן וִויפֶער עֶר וֶועקְט אִים אוֹיף פוּן שְׁלָאף הֵייבְּט עֶר שׁוֹין אָן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן אוֹיב עֶר הָאט גֶעהֶערְט דָאס הִתְעוֹרְרוּת פוּן צַדִיק, אַז עֶר הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן

אַסאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּיז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ אַ לוּיטֶערְן מוֹחַ וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דֶער עִיקָר אִיז מְקַיֵּים זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס שִׂיחוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. אוּן אוֹיכֶעט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר אוּן מִקְרָא, אַ שִׁיעוּר אוּן מִשְׁנָה, אַ שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא, אַ שִׁיעוּר אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# תשסא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר נֹחַ כ"ז תִּשְׁרֵי ה'תשע"ה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶערְן הַארְץ.

**אִיךְ** פַּארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס גֵייט מִיט דִיר פָּאר, מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר אִיז אוּנְז מְחַזֵּק, אוּן דֶערְקְוִויקְט אוּנְזֶער לֶעבְּן מִיט דִיבּוּרִים, טַל תְּחִיָּה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ה') דִי תַּלְמִידִים פוּן צַדִיק זֵיי זֶענֶען דִי מָגִינֵי אֶרֶץ וָואס זֵיי קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין מְעוֹדֵד זַיין מְשַׂמֵּחַ זַיין אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת. אוּן וֶוער זֶענֶען גֶעוֶוען דִי מָגִינֵי אֶרֶץ? דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תַּלְמִידִים, וּבִפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל וָואס עֶר הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַזַא מִין יְרוּשָׁה, דֶער "לִיקוּטֵי

הֲלָכוֹת" וָואס אִיז בְּלוֹיז הִתְחַזְקוּת, דֶער גַאנְצֶער דֶרֶךְ פוּן רֶבִּי'ן אוּן נָאר מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, מֶען קֶען הַיינְט מוֹרָא'דִיג פָּאפֶּען מֶענְטְשְׁן, מַאכְן פוּן זֵיי עוֹבְדִים וְכוּ' אוּן זֵיי קֶענֶען זַיין עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

**עֶם** אִיז בַּאוואוּסְט אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, מֶען זָאל נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ אֲפִילוּ אַ סְעִיף קָטָן, וֶוען אַ אִיד פִּירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ דָאס הֵייסְט אַ עוֹבֵד הַשֵּׁם מִיט אַן אֱמֶת, אָבֶער דִי אַלֶע נַארִישֶׁע לִימוּדִים וָואס דִי קְלֵיין-קֶעפְּל'דִיגֶע וְכוּ' לֶערְנֶען אוֹיס דִי בָּחוּרִים אִין דִי אִינְגֶעלַייט, דָאס אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, מִיר הָאבְּן אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן מֶער קַיין הַנְהָגוֹת פוּן דֶעם, צוּם בַּיישְׁפִּיל הַנְהָגוֹת פוּן פְּרִישׁוּת וְכוּ', הַנְהָגוֹת פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ', הַנְהָגוֹת פוּן זַיין אַגַאנְצְן צַייט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת וְכוּ', אַזַא זַאךְ שְׁטֵייט נִישְׁט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דָאס אִיז נָאר קְרַאנְקֶע קֶעפְּל'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ אָן 'עוֹבְדִים' אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מֶער ווִי עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה.

**עֶם** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ט) אַז אַ אִיד טָאר נִישְׁט פַארְפֶעלְן קַיין טָאג וָואס עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן דָאס אִיז אַ יְסוֹד מוּסָד בַּיים רֶבִּי'ן, לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ. אוּן אַז מֶען לֶערְנְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ טְרֶעפְט מֶען נִישְׁט דִי אַלֶע מְשׁוּגַעתְ'ן

און דִי אַלֶע הַנְהָגוֹת'ער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת צוּ אִידִישְׁקֵייט בִּכְלַל.

הַיינְט קֶען מֶען גוּט מְשׁוּגָע מַאכְן מֶענְטְשְׁן מִיט לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה וְכוּ', וּבִפְרַט דִי יוּגְנְט לוֹיפְט עֶס נָאךְ, מְ'הֶערְט לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה וְכוּ', עֶר אִיז אַ מְקוּבָּל וְכוּ', און עֶר זָאגְט שׁוֹין דֵיעוֹת וְכוּ' בִּיז עֶס אִיז אַרַיין אַ דִמְיוֹן אִין אֵיינֶעם וְכוּ' (וָואס לֵיידֶער הָאט עֶר בַּיי מִיר גֶעלֶערְנְט אַפָּאר יָאר) אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְקוּבָּל, און עֶר וֵוייסְט שׁוֹין אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעצוֹיגְן פוּן אוּמַאן און עֶר זִיצְט אִין הַר צִיוֹן... און לֵיידֶער לֵיידֶער הָאט דֶער מְשׁוּגָע'נֶער, פְּרָאסְט און פָּשׁוּט עֶר אִיז דָאךְ אַ מְשׁוּגָע'נֶער, אוֹיסְטְרֶעפְן אַזֶעלְכֶע דִמְיוֹנוֹת וָואס עֶר זֶעהְט עַל פִּי קַבָּלָה אַז דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא אִין אוּמַאן, נָאר עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ אִין הַר צִיוֹן, און עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען דָאס אַסַאךְ בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, דַארְף מֶען דָאס גֶעדֶענְקְן ווִי מֶען קֶען מְשׁוּגָע מַאכְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה, און מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן.

אַ אִינְגֶערְמַאן אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס אַ שְׁאֵלָה זָאל עֶר פְּרֶעגְן אַ עֶרְלִיכְן רָב, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, בִּפְרַט בַּיי עִנְיָנֵי טַהֲרַת הַמִשְׁפָּחָה מוּז מֶען פְּרֶעגְן שְׁאֵלוֹת בַּיי רַבָּנִים מוּבְהָקִים, און עֶס אִיז דָא עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים הַיינְט וָואס מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זֵיי און פְּרֶעגְן יֶעדֶע שְׁאֵלָה וָואס מֶען הָאט.

**אָבֶער** נִישְׁט גֵיין צוּ אַזֶעלְכֶע צוּדְרֵייטֶע כְּלוֹמֶר'שְׁטֶע בַּעֲלֵי מְקוּבָּלִים וָואס זֵיי קֶענֶען גוּט מְשׁוּגָע מַאכְן מֶענְטְשְׁן, אוּן גֶעבְּן תִּקוּנִים וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דוּ זָאלְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְחַיֶה זַיין אַגַאנְץ יָאר. אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## תשסב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר לֶךְ לְךָ ג' חֶשְׁוָן ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ.

**אִיךְ** קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דַיין וַוייבּ, וָואס אִיז זִי אַזוֹי פַארְבִּיסְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאךְ יוֹם הַקָּדוֹשׁ וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מוֹחֵל אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דֶער לֶעכְטִיגֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וָואס אַלֶע פְרֵייעֶן זִיךְ צוּזַאמֶען וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ אַלְץ הַאלְט זִי אַ

רוּגְזָא אוֹיף דִיר וַוייל דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן דֶעם גְרֶעסְטְן פַארְבְּרֶעכְן וָואס דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ', ווי לַאנְג קֶען מֶען זַיין אַזוֹי פַארְבִּיסְן? בַּיי אַלֶע חֲסִידוּתֶ'ר פָארְט מֶען אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַקָדוֹשׁ, אוּן דִי וַוייבֶּער זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן גְלִיקְלִיךְ, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַזַא גְרוֹיסֶע הַבְטָחָה אַז מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ אִים, דָארְטְן שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן עֶר בְּלָאזְט וְכוּ' אוּן וויל אַיינְשְׁלִינְגֶען דֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז הַיינְט פָארְן שׁוֹין פוּן אַלֶע חֲסִידוּתְ'ן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, כָאטְשֶׁע זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים, אוּן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער זֶענֶען שְׁטָאלְץ מִיט דֶעם, נָאר דַיין וַוייבּ מוּז זַיין אַזוֹי פַארְבִּיסְן אוּן דִיר דֶערְגֵיין דִי יָארְן וְכוּ', עֶס אִיז אַ חֶרְפָּה אוּן אַ בּוּשָׁה ווי פְרוֹיעֶן קֶענֶען זַיין אוֹיפְגֶעהֶעצְט פוּן שְׁלֶעכְטֶע פַארְדָארְבֶּענֶע חַבֶרְטָארֶעגְס וְכוּ' וְכוּ', סוֹף כָּל סוֹף בִּיסְטוּ דָאךְ אַ גוּטֶער מַאן, דוּ גֶעבּסְט אִיר אַלֶעם וָואס זִי דַארְף הָאבְּן, וָואס אִיז אַרַיין אִין אִיר אַ רוּחַ וְכוּ', אַ שֵׁד וְכוּ', אַז זִי רוֹדֶפְ'ט דִיר אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן? דָאס מוּז נָאר זַיין דָאס שְׁלֶעכְטֶע פַארְדָארְבֶּענֶע חַבֶרְטָארֶעגְס הָאבְּן אִיר אוֹיפְגֶעהֶעצְט אַקֶעגְן דִיר וְכוּ' וְכוּ'.

אִיבֶּערְדֶעם אִיז דִי עֵצָה דוּ זָאלְסְט אָפְּשְׁוַוייגְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א'

סִימָן ו') דָאס דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז 'יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק'. מֶען דַארְף אָפְּשְׁוַויינְן אוֹיף יֶעדְן בִּזָיוֹן וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין, כָאטְשֶׁע סְ'אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָוארוּם עֶס טוּט וֵויי וָואס רוֹדְפְסְטוּ מִיר אַזוֹי? וָואס בִּלָאזְטוּ אַזוֹי אוֹיף מִיר? וָואס הָאבּ אִיךְ דִיר שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן? אִיךְ הָאבּ דִיר דָאךְ גֶעהָאלְפְן אַגַאנְץ יָאר, אוּן אִיךְ בִּין דִיר אַזוֹי גֶעטְרַיי, אוּן דָאס צָאלְסְטוּ מִיר צוּרִיק? פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאךְ מוּז מֶען זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן שְׁוַוייגְן אוּן שְׁוַוייגְן אוּן שְׁוַוייגְן, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר תִּיקוּן.

**אִיךְ** הַאלְט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט שְׁוַוייגְן אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין מִיט אִיר אִין קַיין וִויכּוּחִים וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, אוּן דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## תשסג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיֵּרָא י"ג חֶשְׁוָן ה'תשע"ה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זְוִיפִּיל** אִיךְ זָאל דִיר נִישְׁט שְׁרַייבְּן אוּן וִויפִיל אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר אַז דוּ דַארְפְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט צוּפַאלְן בַּיי זִיךְ, אִיז נִישְׁט גֶענוּג. וָוארוּם בְּזֶה

הָעוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע שָׁעָה וְכוּ׳, אַנְדֶערֶע חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ׳, אוּן אַנְדֶערֶע סְפֵיקוֹת וְכוּ׳, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דָאס דֶער עִיקָּר אִיז שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטִין זִיךְ׳ אַ אִיד דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, אֲפִילוּ עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין לֶעבְּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן קֶען עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דָאס אִיז זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (הַקְדָּמָה ד.) מַאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מִתְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא, עַד לָא יֵיתוּן הָכָא. מַאן מִנְכוֹן דְּמִתְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר וְכוּ׳ מַאן דְּלָא מְצַפֶּה דָא בְּכָל יוֹמָא בְּהַהוּא עַלְמָא, לֵית לֵיהּ חוּלָקָא הָכָא; [וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם פוּנְסְטֶער פַאר לֶעבְּט, דָאס בִּיטֶערְנִישְׁט פַאר זִיסְקֵייט אוֹיף דֶעם וֶועלְט וְכוּ׳, וֶוער פוּן אַייךְ וַוארְט יֶעדְן טָאג צוּם בַּאהַאלְטֶענֶעם לֶעבְּט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶס וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט בִּשְׁעַת דִי גְאוּלָה וְכוּ׳, וֶוער עֶס קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא] זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ דָאס אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ פוּנְסְטֶערְנִישׁ אוּן בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דְרֵייט עֶר דָאס אִיבֶּער צוּ לֶעבְּטִיגְקֵייט אוּן צוּ זִיסְקֵייט, דֶער אִיז זוֹכֶה אַז ס׳לַייכְט אוֹיף אִים דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער לֶעבְּט. דֶער אוֹר הַגָּנוּז וָואס עֶס וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הוֹנָאָה הֲלָכָה ג') אוֹיף דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם "אֵין רֶגַע בְּלֹא פֶּגַע" דָאס יֶעדֶע רֶגַע גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַנְדֶערֶע צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, פוּן זִיךְ, פוּן זַיין ווייבּ, פוּן דִי קִינְדֶער, פוּן סְתַם מֶענְטְשְׁן, וְכוּ', וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, נָאר מְקַיֵים זַיין דִי עֵצָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט 'רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ' וָואס דָאס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת', אוּן תְּפִלָּה וֶוערְט אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן 'פֶּגַע' וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ז:) אֵין פְּגִיעָה אֶלָּא תְּפִלָּה, שֶׁנֶּאֱמַר (יִרְמִיָּה ז' ט"ז) "וְאַתָּה אַל תִּתְפַּלֵּל בְּעַד הָעָם הַזֶּה וְאַל תִּשָּׂא בַעֲדָם רִנָּה וּתְפִלָּה וְאַל תִּפְגַּע בִּי כִּי אֵינֶנִּי שׁוֹמֵעַ אוֹתָךְ"; אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֲפִילוּ אַפָּאר מִינוּט, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע פְּגָעִים רָעִים, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת, וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט כַּבְיָכוֹל מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּמְט אַרַיין אִין דֶער מֶענְטְשׁ אַ גְרוֹיס שֵׂכֶל אוּן יִשּׁוּב הַדַעַת, וָוארוּם וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מֶען זוֹכֶה דָאס דֶער דַעַת וֶוערְט מְיוּשָּׁב, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אוּן זַיי נִישְׁט צוּפַאלְן בַּיי זִיךְ, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן נָאר אַפָּאר דִיבּוּרִים אִיז דָאס אוֹיבֶּעט זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טַייעֶר אִין הִימְל, וָוארוּם אַ אִיד דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס אִיז פִיל מִיט הַעֲלָמוֹת אוּן הַסְתָּרוֹת, שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן רַייסְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס

און עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, און דוּרְכְדֶעם וֶוערְט נִמְתַּק אַלֶע דִינִים.

זֶעה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה און נְקוּדָה טוֹבָה וָואס דוּ הָאסְט אוֹיף זִיךְ, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד אִיז פִיל מִיט מִצְווֹת, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט' הֲלָכָה ה') תָּנֵי בְּשֵׁם רַבִּי מֵאִיר אֵין לְךָ אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה מֵאָה מִצְוֹת בְּכָל יוֹם. קוֹרֵא אֶת שְׁמַע וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וְאוֹכֵל אֶת פִּתּוֹ וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ, וּמִתְפַּלֵּל שְׁשָׁה פְעָמִים שֶׁל שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וְחוֹזֵר וְעוֹשֶׂה שְׁאָר מִצְוֹת וּמְבָרֵךְ עֲלֵיהֶן. וְכֵן הָיָה רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר אֵין לְךָ אָדָם בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין הַמִּצְוֹת מַקִּיפוֹת אוֹתוֹ. תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ, וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ, מִילָה בִּבְשָׂרוֹ, אַרְבַּע צִיצִיּוֹת בְּטַלִּיתוֹ מַקִּיפִין אוֹתוֹ. הוּא שֶׁדָּוִד אָמַר (תְּהִלִּים קי"ט) "שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ". וְכֵן הוּא אוֹמֵר (תְּהִלִּים ל"ד) "חוֹנֶה מַלְאַךְ הֲוָיָ"ה סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם"; דִי צָרָה אִיז דָאס מֶען כַאפְּט נִישְׁט דָאס יֶעדְן טָאג הָאט אַ יֶעדֶער אִיד דִי הוּנְדֶערְט מִצְווֹת, אִיבֶּערְדֶעם אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג צוּבְּרָאכְן, וַוייל עֶס אִיז בַּיי אִים פַארְעֶלְטֶערְט גֶעוָוארְן, אָבֶּער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ בַּאנֵייט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַזוֹי ווי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען 'וּבְטוּבוֹ מְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית' אִיז דָאס פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, יֶעדְן טָאג וֶוערְט דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה בַּאשַאפְן פוּן נֵיי, אָבֶּער מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זָאגְן דִי אַלֶע בְּרָכוֹת און מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְווֹת מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט, מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט,

מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, וָואס מִיט דֶעם אַלֵיין צוּבְּרֶעכְט מֶען דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס עֶר וִויל זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ און אִים צוּבְּרֶעכְן און אַרָאפְּוַוארְפְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה דָאס בִּיז פְרַייטָאג זָאלְסְטוּ הָאבְּן גִיעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיּוֹת, לֶערְנֶען כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת, און אַ בְּלַאט גְמָרָא, און אַפָּאר הֲלָכוֹתֶ'ר פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ פִילְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, וָוארוּם דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אִיז מְזוֹנָא דְנִשְׁמָתָא, דָאס הֵייסְט אַזוֹי וִוי דֶער גוּף דַארְף עֶסְן, אַזוֹי דַארְף דִי נְשָׁמָה אוֹיךְ עֶסְן, און תּוֹרָה און תְּפִלָּה און מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים, דָאס אִיז דִי עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה.

פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר מִיט דַיין נְקוּדָה וָואס דוּ הָאסְט אִין זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה און מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים מִיט אַזַא מִין זְכוּת וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט מַסְבִּיר זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג מִיט אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תשסד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ג חֶשְׁוָן ה'תשע"ה

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... שֶׁיִּחְיוּ**

**לְנָכוֹן קִבַּלְתִּי אֶת מִכְתַּבְכֶם.**

**הָאט** נִישְׁט קַיין מוֹרָא, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן, עֶס וֶועט אַלֶעס דוּרְךְ גֵּיין גְּרִינְגֶערְהֵייט, אוּן דִי וֶועסְט גֶעבָּארְן זֵייעֶר שְׁנֶעל, נָאר זַיי גֶעווָאוֵינְט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים וָואס דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן גְּרִינְג אַ קִינְד, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב' סִימָן כ') עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִין לְהָבִיא שִׁינּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַלֶע נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס דִי קֶענְסְט אוֹיסֶעוֵוייניג, צוּם בַּיישְׁפִּיל אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָּוִד, שְׁלֹמֹה, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רַבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיִיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ אַלֶע נֶעמֶען פוּן אַלֶע צַדִּיקִים וָואס דִי גֶעדֶענְקְסְט אוֹיסֶעוֵוייניג, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם שֶׁבִּזְכוּת הַזְכָּרַת שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים שֶׁהִזְכַּרְתִּי לְפָנֶיךָ בִּזְכוּת צִדְקָתָם וְתוֹרָתָם וּמְסִירוּת נַפְשָׁם שֶׁהָיָה לָהֶם בִּשְׁבִילְךָ, שֶׁתַּעֲזוֹר לִי לְהוֹלִיד בְּקַלּוּת וָלָד בָּרִיא בְּחוּשָׁיו וּבְאֵיבָרָיו, וְאֶזְכֶּה לַעֲבוֹר אֶת הַהֵרָיוֹן בְּקַלּוּת, וְתָסִיר מִמֶּנִּי כָּל מִינֵי עַיִן הָרָע שֶׁלֹּא יִפְגַּע בִּי מִשּׁוּם

אָדָם בָּזֶה הָעוֹלָם, וְאֶזְכֶּה לְהוֹלִיד בָּנִים וּבָנוֹת חַיִּים וְקַיָּמִים שֶׁיַּעֲשׂוּ אֶת רְצוֹנֶךָ, וְאֶזְכֶּה לִהְיוֹת בְּרִיאָה כָּל יְמֵי חַיַּי, וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְפָנֶיךָ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

אוּן וֶוען דִי גֵייסְט אַרַיין צוּ דֶעם נֵייעְנְטֶע חוֹדֶשׁ, זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי תְּפִלָּה אוֹיךְ:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם חוּס וַחֲמוֹל עָלַי וְתָקֵל מֵעָלַי אֶת צַעַר הָעִיבּוּר וְהַלֵּידָה, וְתִהְיֶה עִמִּי בְּעֵת הַלֵּידָה, וְיֵצֵא הַוָּלָד לַאֲוִיר הָעוֹלָם בְּרֶגַע קָטָן בְּקַלּוּת בְּלִי שׁוּם נֶזֶק לֹא לִי וְלֹא לְוָולָד, וְיִהְיֶה נוֹלַד בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, וּבְמַזָּל טוֹב לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם וְלִבְרִיאוּת לְחֵן וּלְחֶסֶד, וַאֲנִי וּבַעֲלִי נְגַדְּלֵהוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ וּלְתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, וַנַּאֲמִין בְּךָ תָּמִיד אֲשֶׁר אַתָּה נִמְצָא וְאֵין בִּלְעָדֶיךָ נִמְצָא, וְאַתָּה מַשְׁגִּיחַ עָלֵינוּ בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטֵי פְּרָטִיּוּת, וְתִשְׁמְרֵנִי וְהָעוּבָּר שֶׁלֹּא אֶהְיֶה אֲנִי וְהָעוּבָּר נִיזּוֹקִים לֹא בְּגוּף, וְלֹא בָּאֵבָרִים, וְלֹא בְּעוֹרְקִים, וְלֹא בְּגִידִים, וְלֹא בְּעוֹר וּבָשָׂר, וּשְׁאָר בִּנְיַן הָאָדָם, לֹא בְּתוֹךְ חָלָל הַגּוּף, וְלֹא חוּץ לְחָלָל הַגּוּף, וּתְחַזֵּק אֶת כּוֹחִי וְרוּחִי וְעַצְמוֹתַי, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ, כִּי לְךָ יְיָ הוֹחָלְתִּי אַתָּה תַעֲנֶה יְיָ אֱלֹהָי, וַאֲנִי בַּייָ אֶעֱלוֹזָה אָגִילָה בֵּאלֹהֵי יִשְׁעִי, רְצֵה יְיָ לְהַצִּילֵנִי יְיָ אֱלֹהַי לְעֶזְרָתִי חוּשָׁה, וְאֶזְכֶּה לֵילֵד בְּקַלּוּת מְאֹד בְּלִי שׁוּם פַּחַד וּכְאֵב וְצַעַר כְּלַל, וְאֶזְכֶּה לְהַכָּלֵל בְּךָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה.

שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט עֶס וֶועט דוּרְךְ גֵיין זֵייעֶר שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג.

אוּן דוּ ... נֵרוֹ יָאִיר זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם, אוּן אֵיינְס אָדֶער צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת

וְכוּ' וְכוּ', און אַ דַף גְמָרָא זָאל זַיין בַּיי דִיר שְׁטַארְק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹי ווי דִי דַארְפְסְט לֵייגְן יֶעדְן טָאג תְּפִילִין, וָוארוּם אַז מֶען לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, וֶוערְט מֶען בַּאהִיט פוּן אַלֶדֶעם שְׁלֶעכְטְס, און נַאטִירְלִיךְ דַארְף מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ט) אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ אָן אַן אוֹיסְנַאם, און אַוַודַאי און אַוַודַאי דַארְפְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת וָואס אַ אִיד רֶעדְט יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דִי זָאלְסְט אוֹיךְ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג פַאר דַיין וַוייבּ, אַז אַלֶעס זָאל דוּרְכְגֵיין כְּשׁוּרָה.

**אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג, און אַ פְרֵיילִיכְן טָאג תָּמִיד**

## תשסה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ה חֶשְׁוָן ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן און פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בְּזֶה הָעוֹלָם הָאבְּן אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרִיקְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט, אוֹיף יֶעדְן לֶעפְּל הִתְעוֹרְרוּת, מוּז מֶען הָאבְּן אַ שִׁיסְל הִתְחַזְּקוּת, דָאס הֵייסְט שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען הָאבְּן הוּנְדֶערְט מָאל אַזוֹיפִיל הִתְחַזְּקוּת וְוִי אַבִּיסֶעלֶע הִתְעוֹרְרוּת.

**הִתְעוֹרְרוּת** הֵייסְט אַז מֶען זָאגְט אַ מֶענְטְשׁ מוּסָר עֶר זָאל דָאס נִישְׁט טוּהְן, עֶר זָאל יֶענְץ נִישְׁט טוּהְן וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז 'סוּר מֵרַע' וְכוּ' וְכוּ', אוּן צַדִּיקִים זָאגְן אַז מֶען פַּאטְשְׁקֶעט זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטְס וֶוערְט אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִים שְׁלֶעכְטְס וְכוּ', אָבֶּער הִתְחַזְּקוּת אִיז דֶער טַייטְשׁ אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן, וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין זָאל עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת, אוּן דָאס אִיז עֲשֵׂה טוֹב, וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט, "דוּ טוּה גוּטְס וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס אַלֵיין אַרָאפְּפַאלְן".

**נִסְיוֹנוֹת** הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער, דֶער אוֹיף אַזַא וֶועג, יֶענֶער אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, מְ'הָאט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁעֶנֶען זִיךְ אִין פַּרְנָסָה, מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁעֶנֶען זִיךְ מִיט קִינְדֶער, מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁעֶנֶען זִיךְ אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶּער ווַאוִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְט גֵייט אִים דָאס גַאנְץ לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ, וָוארוּם דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַז

אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט עֶר אַן אַנְדֶערֶע סָארְט יִשׁוּב הַדַעַת, וֵוייסְט עֶר וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף זַיין אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּבּ, דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען אָן, ווידֶערְאוּם חִינוּךְ פוּן קִינְדֶער וֵוייסְט מֶען וויאַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער, אַז דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֶענֶען גֶעדוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן גֵייט זֵיי דִי לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ, מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, אוּן מֶען דַארְף זֵיי אַסַאךְ שְׁטַארְקְן, וָוארוּם אוֹיף קִינְדֶער גֵייט אוֹיבֶעט דוּרְךְ.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, כְּדֵי אַז סְ'וֶועט אָנְקוּמֶען פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וָוארוּם דָאס אִיז אַזַא מִצְוָה וָואס מֶענְטְשְׁן פַארְנַאכְלֶעסִיגְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ט) **אַז** דָאס אִיז תִּיקוּן הַבְּרִית, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם אִיז תִּיקוּן הַבְּרִית, וָואס דַארְף מֶען זוּכְן אַנְדֶערֶע תִּיקוּנִים, בְּשָׁעַת מִיר הָאבְּן דֶעם תִּיקוּן פוּן דִי חֲזַ"ל וָואס זֵיי זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; עֶס קֶען דוּרְכְגֵיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואכְן חֳדָשִׁים אוּן אֲפִילוּ יָארְן אוּן עֶר מַאכְט נִישְׁט אוֹיף קַיין חוּמָשׁ, אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן וְויסְן דַארְפְסְטוּ וְויסְן אַז מֶען פַארְפֶעלְט אֵיין וָואךְ נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי וָואךְ וֶועט מֶען הָאבְּן אַ שָׁאדְן, אָדֶער אַ גֶעלְט

שָׁאדְן, אָדֶער גֶעזוּנְט שָׁאדְן וְכוּ', שָׁאדְן הָאט מֶען, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

## תשסו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ה חֶשְׁוָן ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט קֶענֶען אָרָאפְּוַוארְפְן, וָוארוּם בְּזֶה הָעוֹלָם דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט מוּז עֶר הָאבְּן גֶעדוּלְד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) אַז גֶעדוּלְד אִיז תָּלוּי אִין אֱמוּנָה, וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי אֱמוּנָה, דֶער הָאט מֶער גֶעדוּלְד, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן נָאר אִין אֱמוּנָה, וִויסְן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוּהְן אָן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגְן צוּ דִי טַייעֶרֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, גֶעדוּלְד צוּ הָאבְּן, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין נֶערְוֶועז, נֶערְוֶועזְקֵייט בְּרֶענְגְט צוּ גָארְנִישְׁט, נָאר צוּ צָרוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

**זֶעה** צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה וָואס דוּ הָאסְט,
דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" בָּרוּךְ הַשֵּׁם בִּסְט גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, אוּן מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') דָאס וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מְחַזֵּק, אִיךְ בִּין וִוי אִיךְ בִּין, אָבֶּער קַיין גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט וְכוּ', דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אוּן דֶעי שִׂמְחָה קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן אַ אִיד, וָוארוּם יֶעדֶע זַאךְ קֶען עֶר קוּמֶען זָאגְן 'אֵיי דִי מִצְוָה הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעטוּהְן וִוי ס'דַארְף צוּ זַיין' וְכוּ', 'אֵיי דֶעם דַאוֶוענֶען הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט וִוי ס'דַארְף צוּ זַיין' וְכוּ', 'אֵיי דֶער לֶערְנֶען וָואס דוּ לֶערְנְסְט אִיז נִישְׁט וִוי ס'דַארְף צוּ זַיין' וְכוּ', דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זַיינֶע עֵצוֹת וִויאַזוֹי צוּ צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ, וָואס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אָבֶּער קַיין גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן פוּן זֶרַע יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם אִיז מֶען זִיךְ מְדַבֵּק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט** וִויסְן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז וִוי עֶר אִיז, אָבֶּער עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית אָדֶער מִנְחָה אָדֶער מַעֲרִיב, אֲפִילוּ ס'אִיז פִיל מִיט מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ נֵייטְן מְקַשֵּׁר צוּ זַיין דִי מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, אוּן אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס עֶר רֶעדְט, דָאס אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֲפִילוּ ס'אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, דַארְף עֶר זִיךְ נֵייטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אִינְזִינֶען הָאבְּן פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת.

אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זַייעֶר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גֶעדוּלְד, וָוארוּם מִיט גֶעדוּלְד אִיז מֶען מַצְלִיחַ דוּרְכְצוּגֵיין דֶעם עוֹלָם וְכוּ' וְכוּ'.

אַ מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדְן טָאג שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן זִיךְ אוּן פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן וֶוער אִיז דֶער מְנַצֵחַ, וֶוער גֶעוִוינְט? נָאר דֶער וָואס עֶר הָאט גֶעדוּלְד, אָבֶּער צוּ גֶעדוּלְד דַארְף מֶען הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוְון, וָוארוּם ס'אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי דֶערְנֶערְוִוירְן זַייעֶר שְׁטַארְק אַ צְוֵוייטְן, עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי הָאבְּן אַזֶעלְכֶע צָרוֹת וָואס דִי צָרוֹת דֶערְנֶערְוִוירְט זַיי זַייעֶר וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלְסְדִינְג אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, קֶען אִים קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשסז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ה חֶשְׁוָן ה'תשע"ה**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

זֶעה צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן.

מִיר בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר שַׁיינְט אִין אוּנְז אַרַיין אַזֶעלְכֶע זִיסֶע עֵצוֹת ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס אִיז פִיל מִיט נִסְיוֹנוֹת שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן אִין דִי אֱמוּנָה אוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם זְכוּת פוּן דֶעם.

עֶס אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי שְׁכֵנִים אָרִימֶעלַייט וָואס זֵיי פְלֶעגְן גֵיין נָאךְ צְדָקָה, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע, אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּם סַאוְורַאנֶער רַב זַ"ל, ווִי גֶעוֶועגְלִיךְ פְלֶעגְט דִי סַאוְורַאנֶער רַב טֵיילְן גְלַייךְ נָאךְ סוּכּוֹת פַאר אַלֶע אָרִימֶעלַייט אַ שֵׁיינֶע סְכוּם גֶעלְט עֶר זָאל הָאבְּן אוֹיף ווִינְטֶער, אוּן נַאטִירְלִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָוארוּם עֶר אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען אַ בִּיטֶערֶער אָרִימַאן, אוּן הָאט גֶעלֶעבְּט נָאר פוּן בִּטָחוֹן. וַיְהִי הַיּוֹם זֶענֶען דִי צְוֵויי שְׁכֵנִים גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צְדָקָה ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ אָרִימֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט, אִינְמִיטְן הָאט דֶער סַאוְורַאנֶער חָסִיד זַייעֶר גֶעקְרֶעכְצְט, פְרֶעגְט אִים דֶער בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד וָואס קְרֶעכְצְסְטוּ? דַיין רֶבִּי הָאט דִיר דָאךְ גֶעגֶעבְּן אַפָּאר הוּנְדֶערְט רוּבְּל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אוֹיף אַ גַאנְצְן ווִינְטֶער, אוּן מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן, וָואס קְרֶעכְצְסְטוּ? עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער סַאוְורַאנֶער חָסִיד, יָא יָא מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַפָּאר הוּנְדֶערְט רוּבְּל סְ'אִיז גֶענוּג אוֹיף צְוֵויי דְרֵיי

חֲדָשִׁים, וָואס טוּה אִיךְ וַוייטֶער? בִּין אִיךְ בַּאזָארְגְט. אָבֶּער דַיין רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא מִין שִׂמְחָה מִיט אַזַא מִין הָאפְפֶענוּנְג מִיט אַזַא אֱמוּנָה אַז דוּ דַארְפְסְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, אוּן דוּ בִּיסְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ אוּן פִיל מִיט הָאפְפֶענוּנְג, וָואס אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי'ן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מִיר זֶענֶען זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אוּנְז דוּרְךְ, אוּן מִיט דֶעם הָאבְּן מִיר זִיךְ מִיט וָואס צוּ פְרֵייעֶן.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועסְטוּ הָאבְּן חִיּוּת, וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט וֶועט דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשסח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י"ג כִּסְלֵיו ה'תשע"ה**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

אִיךְ וָואלְט דִיךְ גֶעוָואלְט זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אַרָאפְּצוּפַאלְן אִיז נִישְׁט

קַיין עֵצָה, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פִּירְט יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַן אַנְדֶער וֶועג אַרָאפְּצוּפַאלְן אִין חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן אוֹיסְלֶעשְׁן בַּיי אִים דִי אֱמוּנָה, דָאס הֵייסְט אַרַיינְבְּרֶענְגְן אִין אִים סְפֵּיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, וָואס דָאס אִיז קְלִיפַּת עֲמָלֵק, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת י"ז) "הֲיֵשׁ הֲוַיָ"ה בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן", עֲמָלֵ"ק בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי דִי וֶוערְטֶער סָפֵ"ק, דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק וויל אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ מֶענְטְשׁ סְפֵּיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, דָאס אִיז דִי אֲבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט בַּיי אֱמוּנָה, וֶועט אִים קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, ווִיפֶער עֶר הֵייבְּט אָן צוּ הָאבְּן סְפֵּיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה דֶעמָאלְט הֵייבְּט אִים אָן אִיבֶּערְצוּגֵיין בִּיטֶערְנִישׁ, עֶס קוּקְט אִים אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ אִיז טֶבַע וְכוּ', יֶעדֶע זַאךְ אִיז כָּל דְאַלִים גְבַר וְכוּ', אוּן עֶר הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פַארְוָואס יֶענֶער הָאט מֶער אוּן עֶר הָאט ווִינְצִיגֶער וְכוּ', פַארְוָואס הָאט יֶענֶער גֶעלְט אוּן אִיךְ נִישְׁט וְכוּ', פַארְוָואס הָאט יֶענֶער כָּבוֹד אוּן פִּרְסוּם אוּן אִיךְ נִישְׁט וְכוּ', דִי אַלֶע קְלֵיינֶעקֵייטְן צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, בִּיז מֶענְטְשְׁן גֵייעְן אַרוּם מָרָה שְׁחוֹרָה צוּבְּרָאכְן, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אַז אַלְסְדִינְג אִיז פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ל"ח) אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמוּכָן לַחֲבֵירוֹ וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן דִיר וָואס אִיז דַיינְ'ס, אוּן קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט גֶעבְּן וָואס אִיז נִישְׁט דַיינְ'ס וְכוּ' וְכוּ', וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ אוּן הַארְץ דֶעמָאלְט

לֶעבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אַ רוּאִיג לֶעבְּן, עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וָוארוּם עֶר גִיבְּט זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי דֶעם, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דֶער עִיקָר רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַ גוּטְן פְרַיינְד, דָאס וִויל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגֶן, דָאס מִיר זָאלְן מַאכְן אִין אוּנְזֶער הַארְץ אַ מִשְׁכָּן פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר אָדֶער אִינְגֶערְמַאן וְכוּ', אַז עֶר נֶעמְט אַרַיין דִי דִיבּוּרִים בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ אוּן עֶר אִיז דָאס מְקַיֵּים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דֶעמָאלְט וֶוען זַיין לֶעבְּן אִים גַיין אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ.

**מִיר** דַארְפְן זִיךְ מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזאַ רֶבִּי'ן וָואס עֶר דֶערְמַאנְט אוּנְז פוּן תַּכְלִית הַנִּצְחִי אַז סוֹף כָּל סוֹף מוּז מֶען אַרוֹיסְגֵיין מִזֶה הָעוֹלָם, אוּן וָואס בְּלַייבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ? נָאר דִי שִׁיעוּרֵי תוֹרָה וָואס עֶר הָאט זִיךְ קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, אַ דַף גְמָרָא, אוּן אַז מֶען קֶען לֶערְנְט מֶען מִדְרָשׁ רַבָּה מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן דֶער עִיקָר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעזָאגְט לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ט) אַז קַיין שׁוּם אִיד טָאר נִישְׁט פַארְפֶעלְן קַיין אֵיין טָאג פוּן לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וָוארוּם הֲלָכָה דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט, אַ אִיד דַארְף זִיךְ

וויסְן וויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, און אָן שֻׁלְחָן עָרוּךְ קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט וויסְן וויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן און צַדִיק דֶער 'חֲזוֹן אִישׁ' זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז הַיינְט הָאבְּן מִיר אוֹיבֶעט אַ 'אוּרִים וְתוּמִים', הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט וואוּ? וָואס? הָאט עֶר גֶעזָאגְט דֶער שׁוּלְחָן עָרוּךְ דָאס אִיז דֶער אוּרִים וְתוּמִים פוּן יֶעדְן אִיד. אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס אַ סָפֵק זָאל עֶר גְלַייךְ אַרַיינְקוּקְן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אָדֶער עֶר זָאל פְרֶעגְן אַ גָאר גְרוֹיסְן עֶרְלִיכְן אִיד וויאַזוֹי דִי הֲלָכָה אִיז.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַלֵיין, וואוּ דוּ וֶועסְט גֵיין וֶועסְטוּ קֶענֶען מִיט אִים רֶעדְן, און דֶעמָאלְט וֶועט דַיין לֶעבְּן זַיין אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן אִינְגַאנְצְן.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן און לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## תשסט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י"ג כִּסְלֵיו ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל אֲהוּבִי הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, און אִיךְ מוּז דִיר דָאס זָאגְן

ווייל דו שְׁרַייבְּסְט צו מִיר אַזַא לַאנְגֶען בְּרִיוו פִיל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט זַיין בְּחַלִישׁוּת הַדַעַת.

**אַ** אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּקְלֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים

דָאס הֵייסְט עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְמָאלְן ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן עֶר אִיז אִין דֶעם לֶעבְּט. ווִיאַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? דוּרְךְ תְּפִלָּה אוּן בַּקָשָׁה שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וָואס דָאס הֵייסְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן 'הִתְבּוֹדְדוּת'. אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגְעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְט עֶר נִכְלָל אִינְגַאנְצְן אִין 'אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ה) **אַ** אִיד

וֶוען עֶר דַאוֶוענְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף עֶר אַזוֹי נִכְלָל וֶוערְן אִין 'אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא' בִּיז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן, עֶר זָאל נָאר שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אוּן דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן אַלֶע תַּכְלִיתִים.

**הָאבּ** נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן דִי אַלֶע וָואס זֵיי סְטְרַאשֶׁעגֶען

דִיךְ אַז זֵיי וֶועלְן דִיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּהְן וְכוּ', קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּהְן אָן דֶעם רָצוֹן הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ז') אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ רִירְט נִישְׁט דֶעם קְלֵיין פִינְגֶערְ'ל נָאר אַז מֶען הָאט גוֹזֵר גֶעוֶועְן פוּן הִימְל קוֹדֶם. אִיבֶּערְדֶעם שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט, אַנְטְלוֹיף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דִּי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זָאגְט אוּנְז (וַיִּקְרָא א׳ ב׳) ״אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן״ וְגוֹ׳, מִ׳כֶּ׳ם׳ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ׳דָּה כְּ׳נֶגֶד מִ׳דָּה, דָאס הֵייסְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּהט פַאר יֶענֶעם וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען צוּרִיק, אִיז מְמֵילָא שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט, דִי אַלֶע וָואס זֵיי ווילְן דִיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּהְן וֶועלְן בַּאצָאלְן אַ טֵייעֶרְן פְּרַייז, פְּרִיעֶרְט אָדֶער שְׁפֶּעטֶער, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נָאר בַּאהֶעפְטְן אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

דָּוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים ז׳ ט״ז) ״בּוֹר כָּרָה וַיַּחְפְּרֵהוּ וַיִּפֹּל בְּשַׁחַת יִפְעָל: יָשׁוּב עֲמָלוֹ בְרֹאשׁוֹ וְעַל קָדְקֳדוֹ חֲמָסוֹ יֵרֵד״ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְרָאבְּט אַ גְרוּבּ פַאר יֶענֶעם, וֶועט עֶר אַלֵיין אַרַיינְפַאלְן אִין דֶעם, דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר, דִי אַלֶע רְשָׁעִים וָואס זֵיי מֵיינֶען זֵיי קֶענֶען טְשֶׁעפֶּענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִיז דָאס נָאר לְפִי שָׁעָה, אָבֶער נָאכְדֶעם פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין דֶעם גְרוּבּ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט גְרָאבְּן יֶענֶעם, מְמֵילָא הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִים אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט זַיין אַ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּהְן.

אִיךְ הָאבּ צוּ דִיר אַז דִי דִיבּוּרִים וֶועלְן דָאךְ אַרַיינְגֵיין אִין דַיין הַארְץ אוּן דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי צוּבְּרָאכְן וָואס יֶעדֶע רָשָׁע מְרוּשָׁע רֶעדְט אוֹיף דִיר אוּן זָאגְט אוֹיף דִיר אוּן וויל דִיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּהְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, קֵיינֶער וֶועט דִיר

נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּהְן. אֵיינֶער ווִיל דִיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּהְן וֶועט עֶר זִיךְ אַלֵיין שְׁלֶעכְטְס טוּהְן.

**שְׁטַארְק** זִיךְ וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## תשע

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י"ג כִּסְלֵיו ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בִּיטֶערְן בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דֶער עִיקָר בְּזֶה הָעוֹלָם אִיז נָאר שִׂמְחָה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף נְקוּדַת הַשִּׂמְחָה, זֶעהְן צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן זִיךְ, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדֶער אִיד הָאט זִיךְ מִיט וָואס צוּ פְרֵייעֶן, מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, וָוארוּם יֶעדֶע שִׂמְחָה קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּשְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ, צוּם בַּיישְׁפִּיל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל פְרֵייעֶן זִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַ מִצְוָה אָדֶער עֶר הָאט גֶעדַאוֶונְט אַ תְּפִלָּה וְכַדוֹמֶה, קֶען עֶר קוּמֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן זָאגְן דָאס הֵייסְט גֶעדַאוֶונְט? דָאס הֵייסְט מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַ מִצְוָה? אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דֶער

מֶענְטְשׁ אַ קְרִירוּת אָפְּקִילְן פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס אַ איד פְרֵייְדְט זִיךְ דָאס "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" דָאס קֶען עֶר אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, ווייל עֶר אִיז גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן אַ איד, מִיט דֶעם דַארְף עֶר זִיךְ מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, און מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זַיין אַ עֶרְלִיכֶער איד, און קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוינֶען צוּ הֶערְן כְּלֵי זֶמֶר, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, און דַיְיקָא פַּאר דִי גְאוּלָה אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַלֶע עֶרְלַיי טֶעִיפְּ'ס פוּן אַלֶע עֶרְלַיי נִיגוּנִים, וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיצְן אִין זַיין שְׁטוּבּ און הֶערְן אַ פּוֹיק און אַ טְרָאמְפֵּייטֶער און אַ פִידְל וְכוּ' וְכוּ', אַלֶע כְּלֵי זֶמֶר צוּזַאמֶען, וָוארוּם דֶער סוֹף פוּן גָלוּת וֶועט זַיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע סְפֵּיקוֹת און דָאס וֶועט זַיי אַרָאפְּוַוארְפְן, ווִי דִי צַדִּיקִים הָאבְּן מֵעִיד גֶעוֶוען אַז אֵיידֶער מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען זִיךְ דַארְפְן דְרַאפֶּענֶען אוֹיף גְלַייכֶע וֶוענְט צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמוּנָה, און אַזוֹי הָאט גֶעזָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) אַז פַּאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין פִיל מִיט כְּפִירוֹת און אֶפִּיקוֹרְסוּת, מֶען וֶועט גִיסְן פוּן אוֹיבְן אֶפִּיקוֹרְסוּת, כְּדֵי אוּנְז מְנַסֶּה זַיין צוּ וֶועמֶען מִיר וֶועלְן לוֹיפְן, דֶערְפַאר אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה אַרַיינְצוּבְּרֶענְגְן אִין אַנְדֶערֶע אִידְן שִׂמְחָה,

און רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, און אַזוֹי וֶועט דִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט. אַז מֶען אִיז מְחַזֵק יֶענֶעם הָאט מֶען אַלֵיין חִיזוּק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א' סִימָן קפ"ד) אַז מֶען אִיז מְחַזֵק אַן אַנְדֶערְן גֵייט צוּרִיק דִי דִיבּוּרִים צוּ זִיךְ, וָוארוּם אַזוֹי לִיגְט בַּיי אַ מֶענְטְשׁ דִיבּוּרִים צוּ מְחַזֵק זַיין אָבֶער סְ'לִיגְט בַּיי אִים בַּאהַאלְטְן, אָבֶער ווִיפֶער עֶר גֶעבְּט עֶס אַרוֹיס פַאר יֶענֶעם וֶוערְט אַ אוֹר יָשָׁר און אַ אוֹר חוֹזֵר, דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר רֶעדְט צוּ יֶענֶעם קְלַאפְּט צוּרִיק צוּ זִיךְ, דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק זַיין און מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע, אַזוֹי וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ וָואס דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת בָּזֶה הָעוֹלָם נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אַז וואויל אִיז דֶער וָואס לֵייגְט אַרַיין דֶעם גַאנְצְן מוֹחַ אִין דֶעם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן און פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

# תשעא

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִשְׁלַח י"ג כִּסְלֵו ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאב דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן דָאס בַּייסְן דִי נֶעגְל דָאס וַוייזְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּגוּם בִּפְגַם הַבְּרִית, און מֶען דַארְף

זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וָוארוּם וֶוער סְ'בַּייסְט דִי נֶעגְל אִינְדֶערְוָואכְן, דֶער בַּייסְט דִי נֶעגְל אִין שַׁבָּת, אוּן בַּייסְן דִי נֶעגְל אִין שַׁבָּת דָאס אִיז חִילוּל שַׁבָּת, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער חַזוֹן אִישׁ זצ"ל הָאט גֶעזֶעהְן אֵיינֶער בַּייסְט דִי נֶעגְל הָאט עֶר אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי וַויין פוּן טִישׁ, וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער אִיז אַ מְחַלֵל שַׁבָּת אוּן עֶר קֶען מְנַסֵךְ זַיין דִי וַויין, אַזוֹי הַארְבּ אִיז צוּ בַּייסְן דִי נֶעגְל אִינְדֶערְוָואכְן אוּן כָּל שֶׁכֵּן שַׁבָּת, אוּן דָאס וַוייזְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּגוּם בִּבְרִית, וָוארוּם וֶוער סְ'בַּייסְט דִי נֶעגְל אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז גֶעפֶערְלִיךְ נֶערְוֶועז, אוּן נֶערְוֶועזְ'קֵייט קוּמְט נָאר פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ אָפּ נִישְׁט צוּ בַּייסְן דִי נֶעגְל, וָוארוּם דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין יִשׁוּב הַדַעַת, עֶר מֵיינְט עֶר אִיז אַ אוֹיבֶּער חָכָם אוּן עֶר הָאט חָכְמָה פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶּער אַז עֶר בַּייסְט דִי נֶעגְל, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָׁה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל דִיךְ גֶעבְּן אַ לוֹיטֶערְן שֵׂכֶל, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

# תשעב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ז כִּסְלֵיו ג' דַּחֲנוּכָּה ה'תשע"ה

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן אַז דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִין לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָאס גֵיין לֵיידִיג, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נ"ט) הַבְּטֵילָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם וְלִידֵי זִמָּה; אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פִּיסְט אוּן פַּאר, טוּט גָארְנִישְׁט, דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַז עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע פוּן לֵיידִיג-גֵיין, אוֹיבֶעט קוּמְט עֶר רַחְמָנָא לִיצְלָן צוּ קוּקְן אַלֶע שְׁמוּץ, וָוארוּם וֶוען אֵיינֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט קַיין צַייט צוּ דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייט, וֶוען דֶער קָאפּ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט אַרְבֶּעט, אֲפִילוּ עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, אָבֶּער עֶר טוּט עֶפֶּעס, עֶר אַרְבֶּעט עֶר פַארְדִינְט גֶעלְט וְכוּ', הָאט עֶר נִישְׁט קַיין צַייט צוּ טְרַאכְטְן שְׁמוּץ אוּן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ וְכוּ' וְכוּ', אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זָאגְן אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת נָאךְ אַ צְוֵייטְן, וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, אֵיינֶער זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט עֶר דִי נְשָׁמָה זַיינֶע, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָּאר אַז אִיךְ וִויל מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס אוּן עֶר הֵייבְּט אָן בְּרָכוֹת, אוּן עֶר זָאגְט אַ דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט מַסֶכֶת בְּרָכוֹת הֵייבְּט עֶר אָן מַסֶכֶת שַׁבָּת אוּן עֶר זָאגְט אַ דַף נָאךְ אַ דַף, בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט מַסֶכֶת

שַׁבָּת הֵייבְּט עֶר אָן עֵירוּבִין וְכוּ׳ וְכוּ׳, בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ״ס, יָא יָא דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל דַארְף מֶען דוּרְכְזָאגְן דִי גְמָרָא אָן רַשִׁ״י אָן תּוֹסְפוֹת, מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן אוּן צַדִיק רֶבִּי יוֹסֵף עֶנְגִיל זי״ע וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועֶן מְחַבֵּר זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ סְפָרִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דָאס אִין דֶער יוּגְנְט הָאט עֶר דוּרְכְגֶעזָאגְט פֶערְצִיג מָאל שַׁ״ס בִּיז סְ׳הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶפֶּענֶען דֶעם מֹחַ, אוּן עֶר אִיז אַרַיין אוּן גֶעשְׁפִּירְט דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה וְכוּ׳, דָאס רֶעדְט מֶען פוּן אַ גָאוֹן עוֹלָם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וִוי הַיינְט בָּחוּרִים מִיט יוּנְגֶעלַייט הָאבְּן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר דוּרְכְגֶעזָאגְט פֶערְצִיג מָאל שַׁ״ס אָן רַשִׁ״י אוּן אָן תּוֹסְפוֹת, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַלֵיין זָאגְן פְּשָׁטִים בִּיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים גִיעֶפֶענְט דֶעם מוֹיל מִיטְן דַעַת מִיטְן שֵׂכֶל אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענְט מְחַדֵשׁ זַיין טִיפֶע חִידוּשִׁים אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אִין זַיינֶע סְפָרִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, מִיט דֶעם וָואס גֵייסְט אַרוּם לֵיידִיג, דָאס בְּרֶענְגְט דִיךְ צוּ נִיאוּף צוּ שְׁמוּץ אַז דוּ מוּזְט גֵיין קוּקְן שְׁמוּץ, אוּן אַז מֶען קוּקְט שְׁמוּץ, וֶוערְט מֶען שְׁמוּץ.

דִי חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת דְרַבִּי נָתָן פֶּרֶק י״א) אֵין אָדָם מֵת אֶלָא מִתּוֹךְ בַּטָלָה; מֶען זֶעהְט דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן נֶעבֶּעךְ וָואס זַיי נֶעמֶען זִיךְ דֶעם לֶעבְּן, אָדֶער סְ׳אִיז זֵיי בִּיטֶער דִי לֶעבְּן, דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן לֵיידִיג-גֵיין, לֵיידִיג-גֵיין אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט

עֶפֶּעס, אָדֶער לֶערְנֶען, אָדֶער אַרְבֶּעטְן, אָדֶער טוּהְן מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים, הֶעלְפְּן אַ אַנְדֶערְן, און הַיינְט בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ אָרְגֶעניִזַאצְיֶעס צוּ הֶעלְפְּן מֶענְטְשְׁן, צוּם בַּיישְׁפִּיל 'הַצָּלָה' דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְּן קְרַאנְקֶע, אָדֶער 'בִּיקוּר חוֹלִים' גֵיין מְחַזֵק זַיין קְרַאנְקֶע, בְּרֶענְגְן עֶסְן פַאר קְרַאנְקֶע, אָדֶער 'שׁוֹמְרִים' אַ טוֹבָה טוּהן פַאר אִידְן, וְכוּ', וְכוּ', עֶס אִיז דָא הַיינְט זֵייעֶר אַסַאךְ אָרְגֶעניִזַאצְיֶעס וָואס זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְּן מֶענְטְשְׁן, זָאלְסְט זֶעהְן צוּ זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ אֵיינֶע פוּן דִי חֲבוּרָה וָואס זֵיי הֶעלְפְּן מֶענְטְשְׁן, לֵיידִיג-גֵיין אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ.

**פָּאלְג** מִיר זִיךְ אָן אַרְבֶּעט, וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין נֶעם עֶס, און אוּיסֶער דֶעם אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט זָאלְסְטוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּסִדְרָן, קוּק נִישְׁט אוּיף קֵיינֶעם וָואס מֶען לַאכְט פוּן דֶעם, וָוארוּם לַאכְן וֶועט לַאכְן דֶער לֶעצְטֶער, אַז דוּ וֶועסְט מְסַיֵים זַיין שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אֵיינְמָאל נָאכְן אַנְדֶערְן דָאס אִיז דַיין פַארְמֶעגְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דֶעם שַׁ"ס און אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן, 'זָאגְן' דַיְיקָא, אַ בְּלַאט גְמָרָא נָאךְ אַ בְּלַאט אֵיינְס נָאכְן אַנְדֶערְן אָן רַשִׁ"י אָן תּוֹסְפוֹת, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל גַאנְץ שַׁ"ס, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ הֵיילִיגְן, דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן, דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ זֶעטִיגְן, שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט' י"ב) "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא"; אוּיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג אִיז עֶר קְלוּג פַאר זִיךְ, אוּיבּ עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן

דֶעם מַאכְט עֶר לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיין, נִישְׁט פוּן יֶענֶעם, אִיבֶּערְדֶעם קוּק נִישְׁט וָואס מֶענְטְשְׁן לַאכְן פוּן דֶעם, אַ נַייעֶ הַנְהָגָה? פוּן וַואנֶעט נֶעמְסְטוּ דָאס? נָאר זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן ע"ו), עֶס אִיז דִיר כְּדַאי דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי שִׂיחָה אַסַאךְ מָאל וֶועסְטוּ זֶעהְן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ עֵצָה מְ'זָאל זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, מְ'זָאל זָאגְן גְמָרָא, מְ'זָאל זָאגְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, מְ'זָאל זָאגְן זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים, זָאגְן דַיְיקָא, דָאס רֵיינִיגְט אוֹיס דֶעם מֹחַ, דָאס רֵיינִיגְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ.

**זָאלְסְט** זֶעהְן צוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ב) **אַז אֵיינֶער אִיז** אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי טוּמְאָה אִין דִי זוּהֲמָא פוּן שְׁמוּץ, אוּן עֶר טוּט שְׁמוּץ וְכוּ' וְכוּ', זָאל עֶר גֵיין נָאךְ צְדָקָה, דָאס קִילְט אָפּ, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זי"ע דָאס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אוֹיבּ אֵיינֶער גֵייט נָאךְ צְדָקָה אִין דִי פִיר עֶקְן פוּן שְׁטָאט, וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן דִי ד' מִיתוֹת בֵּית דִין, סְקִילָה, שְׂרֵיפָה, הֶרֶג, וְחֶנֶק, פְרֶעג אִיךְ דִיר, אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרוּמְצוּגֵיין נָאךְ צְדָקָה? אֵיי דוּ וֶועסְט כַאפְּן בִּזְיוֹנוֹת? דָאס אִיז דַיין תִּיקוּן אוֹיף דַיין שְׁמוּץ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן וְכוּ', אוֹיף דִי שְׁמוּץ וָואס דוּ הָאסְט צֻאמְגֶעקוּקְט וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו) **עִיקַר הַתְּשׁוּבָה יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדוֹם וְיִשְׁתּוֹק;** דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז אַז מֶען אִיז אִים מְבַזֶה אוּן עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֵייט

נָאךְ צְדָקָה און עֶר כַאפְּט נָאךְ אַרַיין בִזְיוֹנוֹת אוּיכֶעט און עֶר שְׁוַויינְט אָפּ דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרוּם לֵיידִיג, וָוארוּם דָאס וֶועט דִיךְ אַוֶועק הַארְגֶענֶען

אִינְגַאנְצְן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס סְ'דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פִּיסְט און לֵיידִיג וְכוּ', דֶער וֶוערְט מְשׁוּגָע פַאר לֵיידִיג-גֵיין.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, און דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין דַיין קָאפּ און מוֹחַ, וֶועסְטוּ זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט זַיין אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן גָאר אַנְדֶערְשׁ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן און פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## תשעג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ז כִּסְלֵיו ג' דַחֲנוּכָּה ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, און קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן, יֶעדֶער אִיד הָאט יֶעדְן טָאג נַייעֶ נִסְיוֹנוֹת, און נַייעֶ אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וְכוּ', אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז אַלְסְדִינְג אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת

אויסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְש, אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אָדֶער אַ קְלֵיינֶע זַאךְ, אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיוּת, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ז) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְּמַעְלָה; אַ מֶענְטְש כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן פוּן הִימְל אַז דֶער מֶענְטְש דַארְף כַאפְּן יֶעצְט דֶעם קְלַאפּ, מִכָּל שֶׁכֵּן אַ גְרֶעסֶערֶע זַאךְ אִיז אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי הַשְׁגָּחָה, לוֹיפְט עֶר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַ טִיפֵּש הָאט מוֹרָא פוּן שְׁטֶעקְן, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן דֶעם פַּאסִיק, אַ חָכָם הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן שְׁטֶעקְן, הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן דֶעם פַּאסִיק, עֶר הָאט מוֹרָא וֶוער סְ'הַאלְט דָאס, אוּן וֶוען עֶר וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ קְלַאפּ, דָאס הֵייסְט אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כ"ח י"ד) "אַשְׁרֵי אָדָם מְפַחֵד תָּמִיד", מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט קוֹדֶם דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן פוּן יִרְאַת הָעוֹנֶשׁ, אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ יִרְאַת הָרוֹמְמוּת, וָואס אִיז דִי חִילוּק צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי יִרְאוֹת, יִרְאַת הָעוֹנֶשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן יִרְאָה תַּתָּאָה אַ נִידְרִיגֶע יִרְאָה, עֶר הָאט מוֹרָא אוֹיבּ עֶר וֶועט עוֹבֵר זַיין אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה אָדֶער אוֹיבּ עֶר וֶועט עוֹבֵר זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער מַעֲלָה, נִישְׁט טוּהְן קַיין שְׁלֶעכְטְס פַאר'ן

מוֹרָא הָאבְּן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶּער דֶער שְׁלֵימוּת אִיז יִרְאָה עִילָאָה, עֶר זָאל זִיךְ אַזוֹי אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא גָארְנִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא.

מֶען גֶעפִינְט (בְּרָכוֹת כ"ח) וֶוען רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט רֶבִּי וואוּנְטְשְׁט אוּנְז אָן עֶפֶּעס אֵייְדֶער אִיר גֵייט אַוֶועק, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט הַלְוַואי זָאלְט אִיר אַזוֹי מוֹרָא הָאבְּן פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִי אִיר הָאט מוֹרָא פַאר אַ בָּשָׂר וָדָם, הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, רֶבִּי דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה? הָאט זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי גֶעזָאגְט אַזוֹי? אַזוֹי? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל טוּהְן אַן עֲבֵירָה קוּקְט עֶר זִיךְ אוּם אִין אַלֶע זַייטְן אוֹיבּ קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, וָוארוּם עֶר וָואלְט אַיינְגֶעזִינְקֶען פַאר בּוּשָׁה וֶוען מֶען וָואלְט גֶעזֶעהְן וָואס עֶר טוּט, אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּקְט אוֹיף אִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַזוֹי זִיךְ שֶׁעמֶען פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פַאר אַ בָּשָׂר וָדָם, אִיז דָאס שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַזוֹי פָארְכְטְן אוּן מוֹרָא הָאבְּן פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי עֶר פָארְכְט זִיךְ אוּן עֶר הָאט מוֹרָא פַאר אַ בָּשָׂר וָדָם וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַ אִיד דַארְף אִין זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף אִים, אוּן

אַזוֹי דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְן אוֹיף אִים, אוּן דַוְקָא דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגְן צוּם אֱמֶת'ן יִרְאַת שָׁמַיִם, אַז מֶען הָאט יִרְאָה זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') הָאט מֶען שׁוֹין מִמֵילָא אַהֲבָה, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ב:) דַּרְכּוֹ שֶׁל אִישׁ לַחֲזֹר אַחַר אִשָּׁה; אַ אִשָּׁה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'יִרְאָה' אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ל"א) "אִשָּׁה יִרְאַת הַשֵּׁם" אוֹיב עֶס אִיז דָא יִרְאָה וֶועט שׁוֹין מִמֵילָא נָאכְקוּמֶען אַהֲבָה, וָוארוּם 'דַּרְכּוֹ שֶׁל אִישׁ לַחֲזוֹר אַחַר אִשָּׁה' וואוּ סְ'אִיז דָא יִרְאָה קוּמְט נָאכְדֶעם מִיט אַהֲבָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ אָב הָרַחֲמָן, וֶוען אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה גֵייט אִים דֶער לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, אוּן וָואס אִיז תְּשׁוּבָה מֵיינְסְטוּ? דֶער נָבִיא זָאגְט (הוֹשֵׁעַ י"ד ב') "שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד הֲוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ" טוּה תְּשׁוּבָה וַוייל דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט עֲבֵירוֹת. ווִיאַזוֹי טוּט מֶען תְּשׁוּבָה? זָאגְט עֶר וַוייטֶער דֶער נָבִיא (שָׁם) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל הֲוַיָ"ה" זָאגְן דִי חֲזַ"ל (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה ל"ח סִימָן ד') אֵינִי מְבַקֵּשׁ מִכֶּם אֶלָּא דְּבָרִים; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויל הֶערְן נָאר דִיבּוּרִים דָאס מִיר זָאלְן קוּמֶען אוּן רֶעדְן מִיט אִים אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אוּנְזֶער גַאנְצֶע הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אוּנְז דוּרְךְ, דָאס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג וֶוען אַ אִיד קוּמְט אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ יְסוֹד גָּדוֹל אִין אוּנְזֶער לֶעבְּן דָאס אַ אִיד דַארְף לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג

מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס אוֹיף אִים גֵייט דוּרְךְ זָאל עֶר זִיךְ קוֹדֶם אִיבֶּערְרֶעדְן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיבּ עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן זָאל עֶר עֶס אוֹיסְדֶערְצֵיילְן פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיבּ עֶר דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר גֵייט עֶרְגֶעץ זָאל עֶר זִיךְ קוֹדֶם אוֹיסְבֶּעטְן זִיךְ בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס הֵייסְט מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אָן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** וָואס דַארְפְסְטוּ זַיין צוּבְּרָאכְן? דוּ וֵוייסְט וָואס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן, פַארְשְׁמִירְט מִיט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִיבֶּער קַאלְטְס אוּן וַוארֶעמְ'ס עֲלִיוֹת מִיט יְרִידוֹת, חֲלִישׁוּת הַדַעַת, בִּזְיוֹנוֹת שְׁפִיכוּת דָמִים וְכוּ', וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פַארְלִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט, נָאר עֶר הַאלְט זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב אוֹיבְן, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן ווִי אַלֶעם וֶועט רֶעכְט וֶוערְן, אוּן ס'וֶועט אָנְהוֹיבְּן גֵיין גְלַייךְ.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן, בִּפְרַט אִין שִׂמְחָה, דוּ זָאלְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לֶעבְּט, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם לֶעבְּט נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, תְּפִלָּה אִיז אַ כֵּלִי, וָואס מֶער מֶען בֶּעהְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בּוֹיעֶט מֶען אוֹיף אַ כֵּלִי מְקַבֵּל זַיין אִין דֶעם אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אִיבֶּערְדֶעם

וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּפְרַט שִׂמְחָה אִיז אַזוֹי הוֹיעֶךְ אוּן אַזוֹי גְרוֹיס, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דִּבְרֵי הַיָּמִים א׳ ט״ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נָאר דָא 'שִׂמְחָה', וָוארוּם שִׂמְחָה דָאס אִיז דְּבֵיקוּת, אוּן סְ'אִיז אַזַא מִין לֶעבְּט וָואס סְ'לַייכְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, דֶערְפַאר הָאט דֶער סמ״ךְ מֶ״ם מוֹרָא פוּן שִׂמְחָה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז בְּשִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת זַיינֶע, אָבֶּער שִׂמְחָה אִיז אַזוֹי הוֹיךְ אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, מֶען דַארְף בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בִּפְרַט וֶוען אִיךְ בִּין מְקַיֵּים אַ מִצְוָה זָאל אִיךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיךְ דֶער נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶער בַּאשֶׁעפֶענִישׁ פוּן דֶער וֶועלְט בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ טוּהְן דַיין רָצוֹן, אוּן אִיךְ בִּין זוֹכֶה אָנְצוּטוּהְן צִיצִית, אָנְצוּטוּהְן תְּפִלִּין, קוּשְׁן דִי מְזוּזָה, עֶסְן כָּשֵׁר, הִיטְן שַׁבָּת, וְכוּ', וְכוּ', הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת טַאטֶע פוּן הִימְל אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דָאס פְרֵיילִיכְקַייט פוּן יֶעדֶע מִצְוָה, וָוארוּם דוּ הָאסְט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דוּרְכְן גְרוֹיסְן צַדִּיק דָאס וֶוען אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה אוּן עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם ווייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם הַארְץ, אוּן עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין דִיר, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אִין מַיין לֶעבְּן אַז דֶער קָאפּ מַיינֶער אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט וְכוּ', מַיין הַארְץ אִיז אִינְגַאנְצְן

פַאַרְקְרִימְט וְכוּ׳, אוּן אִיךְ בִּין פִיל מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן דָאס אַלְץ קוּמְט וַוייל אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט טֶעג אוּן נֶעכְט וָואכְן חֳדָשִׁים אוּן יָארְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, בֶּעהְט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה מְקַיֵים צוּ זַיין, אוּן זֶעה דִי שִׂמְחָה זָאל מִיר אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה וָואס אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם, אִיךְ בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר בּוֹרֵא כָל עוֹלָמִים דוּ זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן בִּיז יֶעצְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט דָאס טוּהְן נָאר סְ׳הָאט זִיךְ מִתְגַבֵּר גֶעוֶוען אוֹיף מִיר דֶער יֵצֶר הָרַע, דוּ וֵוייסְט גַאנְץ גוּט וִוי סְ׳בְּרֶענְט אִין מִיר דֶער יֵצֶר הָרַע אַזוֹי וִוי אַ פְלַאם פַייעֶר, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אוֹיסְלֶעשְׁן, אִיךְ בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר טַאטֶע פוּן הִימְל הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת אִיךְ זָאל אָפְּקִילְן פוּן מִיר דֶעם פַייעֶרְדִיגְן בְּרֶען פוּן דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין מִיר, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִיר שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג אַז דוּ בִּיסְט דָא, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דִיר, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּאהָאפְטְן צוּ דִיר, אִיךְ בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר טַאטֶע פוּן הִימְל, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, נֶעם אָן מַיין גֶעבֶּעהְט, אוּן הֶעלְף מִיר וָואס שְׁנֶעלֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע צָרוֹת, פוּן אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה.

גְלֵייבּ מִיר אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן לְטוֹבָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## תשעד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ז כִּסְלֵיו ג' דַחֲנוּכָּה ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, וָוארוּם דוּ הָאסְט אוֹיכֶעט אִין זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, צִיצִית, תְּפִילִין, פֵּיאוֹת, עֶסְט כָּשֵׁר, הִיט שַׁבָּת, וְכוּ', וְכוּ', חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד') "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ" מַאי רַקָּתֵךְ, אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מִצְווֹת, נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי ווִי עֶר אִיז דֶער אַרְגְסְטֶער אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם תַּקָּנָה, אָבֶּער דָאס אִיז אַלֶעס אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וויל צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל זִיךְ אָפְּלָאזְן אוּן אַרָאפְּפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו.

**אַוַודַאי** אִיז דַיין צָרָה אַ גְרוֹיסֶע צָרָה וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה אַנְטְלוֹיפְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַדְרַבָּה וָואס מֶער עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ דַארְפְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַ גוּטְן חָבֵר.

**וֶוען** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ, אִיז עֶר אַרוֹיס מִיט אִים שְׁפַּאצִירְן אִין פָארְנְט פוּן זַיין הוֹיז, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען אִיבֶּערְן אַקְסְל, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט מִיט דִי וֶוערְטֶער "אוּן ווַייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ אֶמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע גֶעזָאגְט מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָפְּגֶעקוֹיפְט, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעצְט וֶועט עֶר קֶענֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָוארוּם דָא הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם סוֹד פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִמֵּילָא וָואס עֶס וֶועט אוֹיף אִים אִיבֶּערְגֵיין וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיסְדֶערְצֵיילְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג, פַאלְט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק, וָוארוּם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ רֶעדְט מֶען נָאר מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוּת, אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרָאפּ דֶערְצֵיילְט מֶען דָאס דֶעם בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים, אֲפִילוּ מֶען הָאט אַ יְשׁוּעָה דֶערְצֵיילְט מֶען דָאס דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעווָאוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז אוּנְזֶער חַיוּת, דָאס אִיז אוּנְזֶער פַּארְמֶעגְן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעיַרְשֶׁנְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אִיבֶּערְדֶעם** טָארְסְטוּ נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, אַוַדַאי וֶועסְטוּ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זוֹכֶה זַיין טְרֶעפְן אַ גוּטְן זִיווּג

אוּן דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אוּן סְ'וֶועט דִיךְ לֶעבְּטִיג זַיין, נָאר הָאבּ גֶעדוּלְד, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, דֶערְוַוייל זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דִי הַארְץ פַּאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן טָאג אַיין טָאג אוֹיס דוּ זָאלְסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גוּטְן שִׁידוּךְ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְטִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## תשעה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת ו' דַחֲנוּכָּה ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן דָאס אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן גְרוֹיס גֶעדוּלְד, וָוארוּם אָן גֶעדוּלְד קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, יֶעדֶער קִינְד אִיז אַ וֶועלְט פַּאר זִיךְ, אוּן

מֶען מוז זיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ גֶעשִׁיקְטֶער מְלַמֵד, קֶען עֶר זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט אַ גַאנְצֶע קְלַאס, וָואס מֵיינְט גֶעשִׁיקְט? עֶר ווִיל נָאר דָאס גוּטְס פוּן דִי קִינְדֶער, עֶר ווִיל זֵיי אַרוֹיפְבְּרֶענְגְן צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן עֶר הָאט לִיבּ צוּ זַיין אַ מְלַמֵד, דָאס הֵייסְט אַ גֶעשִׁיקְטֶער מְלַמֵד, אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל הָאבְּן פַּרְנָסָה פוּן מְלוּמְדוּת אוּן זַיין גַאנְצֶער קָאפּ אִיז נָאר צוּ מַאכְן גֶעלְט, אִיז רַאטְזַאם עֶר זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן אַלֶע סָארְטְן פַאכְן אָבֶער נִישְׁט מְלוּמְדוּת, מְלוּמְדוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אַ אוֹיסְנַאם גֶעפִיל צוּ קִינְדֶער, יֶעדְן אוֹיפְהֵייבְּן בַּאזוּנְדֶער, אַזוֹי ווִי סְ'וָואלְט גֶעוֶוען זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

**זִיסְן** דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס מֶען דַארְף דַן זַיין יֶעדְן קִינְד לְכַף זְכוּת, עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס זֵיי קוּמֶען פוּן צוּבְּרָאכֶענֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ', וָואס אַ גַאנְצְן טָאג קְרִיגְן זִיךְ אוּן שְׁלָאגְן זִיךְ אוּן שֶׁעלְטְן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן, וָואס קֶען שׁוֹין אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן אַזַא קִינְד? עֶס אִיז דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען זֵייעֶר אָרֶעם, אוּן זֵיי זִינְקְן אִין חוֹבוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער, וָואס קֶען שׁוֹין אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן אַזַא קִינְד? אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן וָואס קֶען מֶען פַארְלַאנְגֶען פוּן אַזַא קִינְד? אוּן דָא קוּמְט אַרַיין דֶער מְלַמֵד וָואס עֶר דַארְף זַיין אַ טַאטֶע מִיט אַ מַאמֶע אוּן גֶעבְּן דֶעם קִינְד וַוארֶעמְקֵייט, אוּן אִים אַרוֹיפְבְּרֶענְגְן צוּ אַזַא מִין מַדְרֵיגָה אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶר

הָאט מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן וְכוּ', עֶר הָאט אֵיינֶעם וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט אִים וְכוּ', אַ מְלַמֵד דַארְף אַרוּיסְוַוייזְן פַארְן קִינְד לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט, נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט שְׁלָאגְן, דָאס הֵייסְט אַ גוּטֶער מְלַמֵד, אוּן אַזַא מְלַמֵד צָאלְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים צוּרִיק שֶׁפַע גַשְׁמִי וְשֶׁפַע רוּחָנִי, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיאֵל י"ב) "וּמַצְדִיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד" אֵלוּ מְלַמְדֵי תִינוֹקוֹת; וָואס דֶער פָּשׁוּטֶער פֵּירוּשׁ אִיז, אַזוֹי ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְן אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דֶעם זְכוּת פוּן דִי מְלַמְדֵי תִינוֹקוֹת וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אֱמוּנָה, וָואס דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִים קי"ט) "כָּל מִצְווֹתֶיךָ אֱמוּנָה" אַלֶע מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אֱמוּנָה, וּבִפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס דֶער עֵרֶב רַב זֶענֶען זֵייעֶר צֶעשְׁפְּרֵייט, אוּן הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַלֶע עֶרְלֵיי כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אִיז אַ מִצְוָה צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, כְּדֵי זֵיי זָאלְן בַּאהִיט וֶוערְן פוּן אַלֶע דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת וָואס אִיז יֶעצְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס לֵיידֶער דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן דִי בֶּעסְטֶע זֶענֶען אִין דֶעם אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן. אוּן מֶען דַארְף גְרוֹיס רַחֲמִים אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין דֶעם נֶיץ פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, וָוארוּם פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִיז הַיינְט זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דֶערְגְרֵייכְן. אוּן דָאס דַארְף זַיין דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מְלַמֵד, עֶר זָאל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן קִינְדֶער וָואס זֵיי זָאלְן זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, אוּן קַיין

שׁוּם זַאךְ וֶועט זֵיי נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, אוּן עֶס אִיז זִיכֶער דָא אַזֶעלְכֶע מְלַמְּדִים, אָבֶּער מֶען דַארְף זֵיי זוּכְן, וַוייל רוֹב מְלַמְּדִים הָאבְּן אִינְזִינֶען צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה פוּן דִי מְלוּמְדוּת, אוּן מְמֵילָא הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן אַזַא מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד. וָוארוּם מְלוּמְדוּת אִיז נִישְׁט קַיין פַאךְ פַאר פַּרְנָסָה, מְלוּמְדוּת דַארְף זַיין מִיט הַארְץ, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַצְלִיחַ מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר פוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועסְטוּ זֶעהְן וִויאַזוֹי דוּ וֶועסְט הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט וֶועלְן דִיךְ אָפְּלָאזְן, אוּן זֵיי וֶועלְן גֶעדֶענְקְן אַגַאנְץ לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן פַאר זֵיי.

בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס אִיז אַזוֹי הֶפְקֵר וָואס קֵיינֶער גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי יוּגְנְט, אִיז אַ מִצְוָה צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן אִינְטֶערְגֵיין, אוּן דָאס קֶען מֶען בַּאוַוייזְן נָאר מִיט גוּטְקֵייט, אוּן זֵיי מְקַרֵב זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵייליכְן חוֹדֶשׁ אוּן אַ לֶעכְטִיגְן חֲנוּכָּה**

## תשעו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ד' טֵבֵת ה'תשע"ה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דוּ דַארְפְסְט זֶעהְן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, סְ'אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ יֶעצְט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע

צַייטְן, דוּ הָאסְט אוֹיף זִיךְ מַחְלוֹקֶת פוּן שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער וָואס זֵיי הֶעצְן דַיין וַוייבּ אַקֶעגְן דִיר, אוּן מִמֵּילָא אִיז דַיין וַוייבּ אַ אוֹיפְגֶעהֶעצְטֶע אוּן זִי אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אוּן זִי הָאט שׁוֹין צַאמְגֶענוּמֶען אִירֶע בְּרוּדֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער אוֹיף דִיר, הָאסְטוּ שׁוֹין צָרוֹת פוּן דַיין שְׁוָואגֶער אוּן שְׁוֶועגֶערִין אוּן עֶס טוּט זִיךְ אַ גַאנְצֶע מְהוּמָה אוֹיף דִיר, אוּן מֶען הָאט שׁוֹין אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט דַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, אוּן עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אַ גַאנְצֶע אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיז** דָא אֵיין עֵצָה, אָפְּשְׁוַוייגְן. עֶס שְׁטֵייט פוּן חִידָ"א זי"ע אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כ"ה י"ד) "וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּׂא", מֶען דַארְף הֶערְן, מֶען דַארְף שְׁוַוייגְן, אוּן מֶען דַארְף קֶענֶען אַלֶעס פַארְטְרָאגְן. דָאס אִיז דֶער טַייטְשׁ פוּן דִי וֶוערְטֶער 'וּמִשְׁמָע' מֶען דַארְף הֶערְן, אוּן 'וְדוּמָה' מֶען דַארְף שְׁוַוייגְן, 'וּמַשָּׂא' מֶען דַארְף קֶענֶען אַלֶעס פַארְטְרָאגְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט 'מִיט אֵיין שְׁוַוייג פַארֶענְטְפֶערְט מֶען אַלֶע קַשְׁיוֹת', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') דָאס עִיקָר הַתְּשׁוּבָה אִיז 'יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק'.

**קֵיינֶער** אִין דֶער וֶועלְט קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארִימֶען אַז עֶר אִיז רֵיין פוּן חֲטָאִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן עֶר וֶוערְט אַלְט אַ טָאג אַ וָואךְ אַ חוֹדֶשׁ אַ יָאר, וָואס עֶלְטֶער עֶר וֶוערְט דַארְף עֶר קוּמֶען צוּ אַ גְרֶעסֶערְן שֵׂכֶל צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיבּ הָאט עֶר אַ גוּטְן חִינוּךְ, אִיז מֶען אִים מְחַנֵּךְ פוּן קְלֵיינְוַוייז אוֹיס אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים וָואס עֶר הִיט דִי וָועלְט אוּן פִּירְט דִי וָועלְט אוּן אִיז מְחַיֶה דִי וָועלְט, אוּן עֶר וַואקְסְט אוֹיף מִיט דֶעם, דֶעמָאלְט וַואקְסְט עֶר אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע יְרֵא שָׁמַיִם, אָבֶער אוֹיבּ עֶר וַואקְסְט אוֹיף בַּיי אַ יָאר בַּיי צְוֵויי בַּיי דְרֵיי וָוען עֶר הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן, אוּן עֶר הֶערְט שׁוֹין רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט רֶעדְן, דָאס הֵייסְט מֶען רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן, מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן, אוּן נַאטִירְלִיךְ דִי קְלֵיינֶע מַאכְן נָאךְ דִי גְרוֹיסֶע, אוּן זֵיי רֶעדְן אוֹיכֶעט שְׁטוּתִים, דָאס צוּבִּיסְלִיךְ פַארְגֶעסְן זֵיי פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּיז מֶען וֶוערְט אַ אִינְגְל פוּן זִיבְּן אַכְט נַיין יָאר, אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיכֶעט כָּל דָבָר אָסוּר, מֶען שֶׁעלְט וְכוּ׳, מֶען קְרִיגְט זִיךְ וְכוּ׳, מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן וְכוּ׳, אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֹחַ אוּן דֶער מַחְשָׁבָה אוּן דָאס הַארְץ פַארְדְרֵייט, בִּיז עֶס קוּמְט אַרַיין אִין מֶענְטְשׁ כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן עֶר טְרַאכְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וָואס עֶר וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט עֶר מֶער פַארְקְרִימְט, נָאכְדֶעם וָוען עֶר קוּמְט שׁוֹין אִין דִי יָארְן פוּן פֶערְצְן פוּפְצְן זֶעכְצְן יָאר, אוּן עֶס הֵייבְּט אָן אִים בְּרֶענֶען דִי בְּלוּטְ׳ן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן עֶר קוּמְט צוּ חַטְאוֹת נְעוּרִים וְכוּ׳, וְכוּ׳, דֶעמָאלְט וֶוערְט זַיין הַארְץ אִינְגַאנְצְן פַארְקְרִימְט, אוּן זַיין דַעַת אוּן שֵׂכֶל וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט, בִּיז עֶר וֶוערְט אָפְּגֶעְרִיסְן אִינְגַאנְצְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פוּן יֶעדֶע זַאךְ וֶועט עֶר רֶעדְן נָאר נִישְׁט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְט אִיז שַׁיָיךְ מַחְלוֹקֶת קְרִיגֶעְרַייעֶן, אַ מִישׁ-מַאשׁ פוּן

דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה און עֶר אִיז אָפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַלֶעס אִיז בַּיי אִים טֶבַע מִקְרֶה און מַזָל, דֶעמָאלְט אִיז שַׁיָיךְ מַחְלוֹקֶת קְרִיגֶערַייעֶן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

**אָבֶּער** וֶוען עֶר בַּאקוּמְט אַ חִינוּךְ פוּן קִינְדְוַוייז אוֹיס אַז מֶען דַארְף הִיטְן דִי מוֹיל וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן מֶענְטְשׁ, וָוארוּם דֶער מוֹיל דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעבִּינְדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער מוֹיל דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, ווִי דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט "אַ מוֹיל אִיז אַזוֹי ווִי אַ מִיל, וֶוען עֶס מָאלְט גֶעבְּט עֶס אַרוֹיס מֶעל, וֶוען עֶס הֶערְט אוֹיף צוּ מָאלְן הֶערְט עֶס אוֹיף צוּ גֶעבְּן מֶעהְל" אִיז אַ שָׁאד אַז דִי מִיל זָאל נִישְׁט מָאלְן, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר דַארְף שְׁטֶענְדִיג זָאגְן תְּהִלִים, און בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אִים, עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אָפְּגֶערִיסְן פוּן אִים, וָוארוּם תְּפִלָּה בִּינְדְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און וָואס מֶער עֶר אִיז מִתְפַּלֵל עֶר זָאגְט תְּהִלִים און עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוערְט עֶר מֶער צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אִים, און אַז עֶר וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אִים הָאט עֶר אַ אַנְדֶערֶע סָארְט יִשּׁוּב הַדַעַת, אַנְשְׁטָאט צוּ עֶנְטְפֶערְן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אִים מְבַזֶה, נֶעמְט עֶר אַ מִשְׁנַיוֹת, און עֶר לֶערְנְט אֵיין פֶּרֶק און נָאךְ אַ פֶּרֶק און נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶר נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, און עֶר לֶערְנְט אֵיין

פֶּרֶק און נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט אַ צְוֵוייטֶע מְסֶכְתָּא, אַזוֹי לֶערְנְט עֶר כְּסִדְרָן בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הֵייבְּט עֶר אָן נָאכְאַמָאל, און דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַ גְּמָרָא בְּרָכוֹת און הֵייבְּט צוּ לֶערְנֶען אֵיין דַף און נָאךְ אַ דַף און נָאךְ אַ דַף בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט דֶעם גַאנְצְן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת הֵייבְּט עֶר אָן און עֶר לֶערְנְט מַסֶכֶת שַׁבָּת, אֵיין דַף און נָאךְ אַ דַף און נָאךְ אַ דַף, בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט מַסֶכֶת שַׁבָּת, הֵייבְּט עֶר אָן אַ נַייעֶ מְסֶכְתָּא, מַסֶכֶת עֵירוּבִין, און נָאךְ אַ דַף און נָאךְ אַ דַף לֶערְנְט עֶר, בִּיז עֶר אִיז דָאס מְסַיֵים, אַזוֹי עֶנְדִיגְט עֶר אֵיין מְסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערְן, בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס הֵייבְּט עֶר אָן נָאכְאַמָאל, און אַזוֹי אִיז אוֹיכֶעט מִיט טוּר בֵּית יוֹסֵף און שׁוּלְחָן עָרוּךְ, עֶר הֵייבְּט אָן פוּן אָנְפַאנְג אוֹרַח חַיִים וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט הֵייבְּט עֶר אָן יוֹרֶה דֵעָה וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט הֵייבְּט עֶר אָן אֶבֶן הָעֶזֶר וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט הֵייבְּט עֶר אָן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט, אֲפִילוּ סְ'גֵייט דוּרְךְ אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אָבֶער עֶר הָאט אַ וֶועג יֶעדְן טָאג וָואס צוּ טוּהְן, און מִמֵילָא אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין צַייט אַרַיינְגֵיין אִין קַיין וִויכּוּחִים, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ צוּ זַיין, און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, און אַלֶעס גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְן בֶּעסְטְן אוֹפָן.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ אִיךְ דִיר דִי עֵצָה דוּ זָאלְסְט שְׁוַוייגְן און שְׁוַוייגְן און שְׁוַוייגְן, הֶערְן וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער זִידְלְט און שְׁוַוייגְן און שְׁוַוייגְן און פַארְנֶעמֶען און פַארְנֶעמֶען, וָואס דָאס אִיז דֶער אֱמֶת'ן פְּשַׁט פוּן 'וּמִשְׁמָע' מֶען דַארְף

הֶערְן, 'וְדוּמָה' מֶען דַארְף שְׁוַוייגְן, 'וּמַשָּׂא' מֶען דַארְף קֶענֶען אַלֶעס פַארְטְרָאגְן.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר אַנְטְלוֹיפְט צוּ זַיין מִשְׁנַיוֹת צוּ זַיין גְמָרָא צוּ זַיין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְעַל כּוּלָם עֶר אַנְטְלוֹיפְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר רֶעדְט מִיט אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, אוּן עֶר רֶעדְט וָואס ווינְצִיגֶער מִיט מֶענְטְשְׁן, דָאס ווַייזְט אַז עֶר הָאט גְרוֹיס יִרְאַת שָׁמַיִם, ווָארוּם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִינֶעווֵיינִיג גֶעבְּט עֶר עֶס אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, אוּן ווִיאַזוֹי עֶר זֶעהְט אוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, אַזוֹי זֶעהְט מֶען אוֹיס אִינֶעווֵיינִיג, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ב' ו') "מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה", פוּן אַ מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען ווִיסְן זַיין פַארְשְׁטַאנְד, זַיין שֵׂכֶל, זַיין פְּנִימִיוּת.

**אִיבֶּערְדֶעם** אַז עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַזֶעלְכֶע צָרוֹת וָואס אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיף דִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, דַיין וַוייבּ, דַיינֶע שְׁוָואגֶערְ'ס אוּן שְׁוֶועגֶערִינְ'ס, אוּן זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין מַחְלוֹקֶת דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט דַיינֶע בְּרוּדֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער, אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ שְׁוַוייגְן, נָאר צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָארְטְן אִיז נִצְחִיּוּת, נִצְחִיּוּת קֶען מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט מְנַצֵּחַ זַיין, מְנַצֵּחַ זַיין קֶען מֶען נָאר פִּיסְטֶע לוּפְט, אָבֶער ווֶען אֵיינֶער הַאלְט זִיךְ בַּיי נִצְחִיּוּת אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְטְס 'נִצַּחְתִּי וָאֲנַצֵּחַ' אִיז עֶר דֶער מְנַצֵּחַ.

אִיךְ הָאף דו וֶועסְט וֶועסְט אַרייַנְגֶעמֶען אִין דִיר דִי וֶוערְטֶער וֶועסְטוּ זַיין אַ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## תשעז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ד' טֵבֵת ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר לִימוּד 'שׁוּלְחָן עָרוּךְ', עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעלֵייגְט דֶעם דָגוּשׁ אוֹיף לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אִיבֶּערְדֶעם אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף לֶערְנֶען אַסַאךְ "טוּר - בֵּית יוֹסֵף" אוּן "שׁוּלְחָן עָרוּךְ".

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי"ע אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעשֶׁעפְּט הוֹיפֶענְס מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן "טוּר - בֵּית יוֹסֵף" זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ פַארְטִיפְן אִין לִימוּד "טוּר - בֵּית יוֹסֵף" אוּן "שׁוּלְחָן עָרוּךְ" וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ אִיד טָאר נִישְׁט פַארְפֶעלְן אֵיין טָאג פוּן לֶערְנֶען הֲלָכָה, עֶס אִיז אַ חוֹב קָדוֹשׁ אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה, ווִידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט סְפֵיקוֹת

אִין אֱמוּנָה, זָאל עֶר לֶערְנֶען אַסַאךְ פּוֹסְקִים "שׁוּלְחָן עָרוּךְ", אוּן עֶר טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דִי פָּסוּק (תְּהִילִּים קי"ט ז) "אוֹדְךָ בְּיוֹשֶׁר לֵבָב בְּלָמְדִי מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ" אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן יַשְׁרוּת הַלֵּב, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען 'מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ' ווָאס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף 'שׁוּלְחָן עָרוּךְ', 'מִשְׁפְּטֵי הַתּוֹרָה'.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶעם אִינְגֶערְמַאן ווָאס נָאךְ דִי חֲתוּנָה נֶעמְט עֶר זִיךְ לֶערְנֶען כְּסִדְרָן "טוּר - בֵּית יוֹסֵף" אוּן "שׁוּלְחָן עָרוּךְ" מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"א) אַז דִי גְדוֹלֵי הַפּוֹסְקִים הָאבְּן בַּאווִיזְן מוֹפְתִים מִיט דֶעם כֹּחַ ווָאס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ, ווָארוּם ווִיפֶער זֵיי זֶענֶען גֶעווָארְן בַּעֲלֵי פּוֹסְקִים זֵיי הָאבְּן גֶעפַּסְקֶ'נְט אַז דִי הֲלָכָה אִיז אַזוֹי אוּן אַזוֹי, הָאט מֶען זֵיי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַ כֹּחַ פוּן הִימְל אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען פַּסְקֶ'נֶען בְּרוּחָנִיּוּת אוֹיבֶעט אַזוֹי, אַז אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען אַז עֶר דַארְף פַּרְנָסָה, הָאט מֶען גֶעפַּסְקֶ'נְט דֶער אִיד דַארְף פַּרְנָסָה, אוּן מֶען הָאט עֶס צוּגֶעהֶערְט אִין הִימְל. אֵיינֶער דַארְף הָאבְּן אַ רְפוּאָה, הָאט מֶען גֶעפַּסְקֶ'נְט אַז דֶער אִיד זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה, אוּן מֶען הָאט מַסְכִּים גֶעווֶען אִין הִימְל, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד פּוֹסְקִים, יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ פּוֹסְקִים, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין פַאר מֶענְטְשׁ גְרוֹיסֶע יִרְאַת שָׁמַיִם.

**הַלְוָואי** הַלְוַואי וָואלְט מֶען אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין בָּחוּרִים דִי תְּשׁוּקָה פוּן לֶערְנֶען "טוּר - בֵּית יוֹסֵף" און "שׁוּלְחָן עָרוּךְ" כְּסִדְרָן דַיְיקָא, אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען עֶנְדִיגְן בְּמֶשֶׁךְ זַיין לֶעבְּן אַפָּאר מָאל ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און סְ'וֶועט אִים אַרוֹיסְקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם אַז מֶען לֶערְנְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וָואס דָאס אִיז וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נִדָּה עג.) תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ כָּל הַשּׁוֹנֶה הֲלָכוֹת בְּכָל יוֹם מוּבְטָח לוֹ שֶׁהוּא בֶּן הָעוֹלָם הַבָּא; וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') אַז מֶען לֶערְנְט שׁוּלְחָן עָרוּךְ און מֶען אִיז זוֹכֶה מְחַדֵּשׁ זַיין אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ עוֹלָם הַבָּא אוֹיף דִי וֶועלְט, און עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא עוֹלָם הַבָּא ווִי אַ אִיד אִיז זוֹכֶה מְחַדֵּשׁ זַיין אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און וָואס מֵיינְסְטוּ אִיז מְחַדֵּשׁ זַיין אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ? צַאמְנֶעמֶען פוּן תְּשׁוּבוֹת סְפָרִים בֵּירוּר הֲלָכוֹת וָואס הָאט אַ שַׁיְיכוּת צוּ דֶעם סִימָן און צוּ דֶעם סְעִיף, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

**נָאר** פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, דוּ זָאלְסְט זַיין אַ מַתְמִיד אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און דוּ זָאלְסְט וָואס ווִינְצִיגֶער רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

# תשעה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ד' טֵבֵת ה'תשע"ה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, וָוארוּם אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת, שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן אֲרֶעמְקֵייט, וָואס דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בַּאצָאלְן דִירָה גֶעלְט, עֶר דַארְף בַּאצָאלְן פַאר עֶסְן, מֶען דַארְף בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד, אוּן אַנְדֶערֶע אוֹיסְגַאבְּן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן מִיט בִּטָּחוֹן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אִים הֶעלְפְן, אוּן נַאטִירְלִיךְ צוּם בִּטָּחוֹן דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ תְּפִילּוֹת, בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת הָאבְּן, עֶר זָאל אִים מַרְחִיב זַיין, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל אוֹיף פַּרְנָסָה הָאט מֶען פַּרְנָסָה.

מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה, דָאס הֵייסְט אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרִינְג פַּרְנָסָה, דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים זַיין אוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ, מִשְׁנָ"ה אִיז אוֹיךְ דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָה אִיז מֶען מְשַׁנֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ מֵהַהֵיפֶךְ אֶל

הַהֵיפֶךְ, מִשְׁנָה קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַחְתִּיוֹת וּמִתַּחְתָּיו, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל׳) הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵיבוֹת מִשְׁנָ"ה, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסאַךְ מִשְׁנָה גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַחְתִּית ווִי עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפאַלְן, דֶערְפַאר וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן קפ"ה) אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אֵיינֶע פוּן דֶיע אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי הַנְהָגָה אַז עֶר זָאל זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן גוּרֵי הָאֲרִ"י אוֹיבּ אֵיינֶער זָאגְט אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג הַארְגֶעט עֶר אַוֶועק דֶעם יֵצֶר הָרַע, אִיבֶּערְדֶעם ווארִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אָבֶער עַל כָּל פָּנִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט אִיז אֲפִילוּ אֵיין פֶּרֶק אָדֶער צְוֵויי פְּרָקִים אוֹיבֶעט אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וָוארוּם מִשְׁנַיוֹת אִיז מְטַהֵר דֶעם נְשָׁמָה פוּן אַלֶע פְלֶעקְן וָואס אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיף אִים דוּרְךְ דִי חֲטָאִים, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, לֶערְן אַסאַךְ מִשְׁנַיוֹת, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שִׁיקְן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

**אוֹיךְ** אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה אִיז צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר וָוארְט בַּיי וָוארְט אוּן אִינְזִינֶען הָאבְּן יֶעדְן שֵׁם, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן י"ז) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט, נָאכְן עֶסְן וֶוערְט עֶר מְבוֹהָל אוּן מְבוּלְבָּל וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר וָוארְט

בַּיי וָוארְט, און אִינְזִינֶען הָאבְּן יֶעדְן שֵׁם וָואס עֶר זָאגְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל, און דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה, בִּפְרַט אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט בְּשִׂמְחָה.

שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַּארְלָאזְן, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין נָאךְ צוּ אַ גְרוֹיסֶע שֶׁפַע, דוּ וֶועסְט נָאךְ קֶענֶען טֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## תשעט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ד' טֵבֵת ה'תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס אוֹיף דִיר גֵייט אִיבֶּער.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן בְּזֶה הָעוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען אִיז מְנַסֶּה, מֶען פְּרוּבִּירְט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף אַן אַנְדֶערְן וֶועג, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, און קַיין שׁוּם זַאךְ צוּבְּרֶעכְט אִים נִישְׁט, דֶער לֶעבְּן גֵייט פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט גְרִינְג, נָאר וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וֵוייסְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אַנְטְלוֹיפְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר

אַ אֱמֶתְ׳ן גוּטְן חַבֵר, אוּן וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה בַּיי אִים, אוּן וָואס מֶער עֶר בַּאפְלַייסִיגְט זִיךְ רֶעדְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער אַזוֹי וֶוערְט אִים אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט דִי אֱמוּנָה נָאךְ מֶער אוּן נָאךְ מֶער, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, כָּל זְמַן מֶען קֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן, וָוארוּם יֶעדְן דִיבּוּר וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אִין תְּפִלָּה דָאס הֵייסְט הַמְשָׁכַת הַשְׁכִינָה בְּזֶה הָעוֹלָם, עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַלֶעס אִיז אֱלֹקוּת, אוּן אֱלֹקוּת אִיז אַלֶעס, וָוארוּם דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אוּן דָאס דַארְף מֶען גוּט אִין זִיךְ אַרַיינְנֶעמֶען, אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֲפִילוּ אֵיין רֶגַע.

דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִילִים ל״ב) ״אַשְׁרֵי אָדָם לֹא יַחְשֹׁב הֲוָיָ״ה לוֹ עָוֹן״ טַייטְשְׁט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי״ע, ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט צוּ דֶעם מַדְרֵיגָה אַז עֶר טְרַאכְט נִישְׁט אֵיין מִינוּט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אִיז שׁוֹין זַיין גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה; הֶער אוּן פַארְשְׁטֵיי וָואס דָא טוּט זִיךְ, אַ אִיד טָאר נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֵיין מִינוּט, דֶער גְרֶעסְטֶער חֵטְא זַיינֶער, דֶער גְרֶעסְטֶער זִינְד זַיינֶער אִיז אַז עֶר פַארְגֶעסְט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר

שְׁטַארְקְן, און נִישְׁט מֵסִיחַ דַּעַת זַיין פון בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פון יֶעדֶע זַאךְ זָאל מֶען זֶעהְן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן א׳) אַז אַ אִיד דַארְף קוּקְן אוֹיפְן שֵׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, דָאס הֵייסְט אוֹיפְן חִיּוּת אֱלֹקוּת וָואס אִיז מְחַיֶּה דִי זַאךְ, און אוֹיבּ אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין דֶעם לַייכְט אִים דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט אִין אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן, און עֶר וֶוערְט נִישְׁט פַארְלָארְן פון קַיין שׁוּם זַאךְ.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, און כָּל זְמַן דו וֶועסְט זַיין צוּגֶעוואוֹינְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט דַיין גַאנְצֶער לֶעבְן גֵיין אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע אוֹיפְן אִינְגַאנְצְן, בֶּעהְט אִיךְ דִיר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועסְטוּ זֶעהְן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ אַלֶעם אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

## תשפ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר וַיְחִי ט׳ טֵבֵת ה׳תשע"ה**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דַארְפְסְט** נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, בְּקָרוֹב וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין בַּת זוּג, חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב.) אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי; קוּמְט אוֹיס מֶען הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל פַאר דִיר

אַ שִׁידוּךְ, אוּן מִמֵּילָא דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אוּן שְׁרֶעקְן זִיךְ וָואס דִי שַׁדְכָנ'טֶע זָאגְט וְכוּ', אוּן וָואס יֶענֶע שַׁדְכָן זָאגְט וְכוּ', דֶער זִיווּג אִיז תָּלוּי נָאר אִין דִי הֶענְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ט) דָאס דֶער שַׁדְכָן אִיז דֶער צַדִיק, עֶר אִיז מְשַׁדֵךְ כָּל הַשִׁדוּכִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען קוּמֶען צוּ אַ צַדִיק הֶערְן פוּן אִים תּוֹרָה, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דְרֵייעֶן צְווִישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן הֶערְן תּוֹרָה פוּן זֵיי, אוּן אוֹיבֶּעט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' בִּיז דוּ וֶועסְט זַיין קְלָאר אוֹיסֶעוֶענֶוויינִיג, וֶועסְטוּ זֶעהְן ווִי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ הֵיילִיג שְׁטוּבּ וָואס דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי דִיר, נָאר וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן אוּן זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת, אוּן דוּ וֶועסְט אַוַודַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תשפא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וַיְחִי ט' טֵבֵת ה'תשע"ה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אוּן אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הֲנָאָה גֶעהַאט אַז דוּ בִּיסְט מַתְמִיד בְּלִמּוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, דוּ פַּארְפְלַייסְט זִיךְ אִין לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, דוּ קֶענְסְט זִיצְן אַפָּאר שָׁעָה מִיט אַ גְמָרָא אוּן לֶערְנֶען כְּסִדְרָן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, ווָאוִיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט, ווָאוִיל אִיז דִיר אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר חַזֶּרְט דַּפִּין גְּמָרָא, אֲפִילוּ בְּדֶרֶךְ גִּירְסָא, דָאס הֵייסְט זָאגְן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, וָוארוּם כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאהָאפְטְן צוּ דִי גְמָרָא וֶועט עֶר נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, אוּן דָאס אִיז בָּרוּר כַּשֶּׁמֶשׁ, לֵיידֶער זֶעהְט מֶען מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דוּרְכְגֵיין וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים אוּן אֲפִילוּ יָארְן אוּן מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן קַיין גְמָרָא, אוּן וֶועגְן דֶעם לַיידְן זֵיי וָואס זֵיי לַיידְן, כָּל מִינֵי צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, בִּיטֶערְנִישׁ, פוּנְסְטֶערְנִישׁ וְכוּ' וְכוּ', פִּיסְטְקֵייט, לֵיידִיגְקַייט, וְכוּ', וְכוּ', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, אוּן הֵייבְּט אָן זָאגְן שַׁ"ס פוּן בְּרָכוֹת, וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט הֵייבְּט עֶר אָן מַסֶּכֶת שַׁבָּת, וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט הֵייבְּט עֶר אָן מַסֶּכֶת עֵירוּבִין, וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט הֵייבְּט עֶר אָן מַסֶּכֶת פְּסָחִים וְכוּ' וְכוּ', בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט גַאנְץ שַׁ"ס הֵייבְּט עֶר אָן נָאכְאַמָאל, דָאס אִיז נִישְׁט

אַזאַ פְרֶעמְדֶע זַאךְ, עֶס וֶוערט גֶעבְרֶענְגְט אִין דִי תּוֹלְדוֹת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן אוּן צַדִיק רֶבִּי יוֹסֵף עֶנְגִיל זי"ע וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְחַבֵּר זַיין אַזוֹיפִיל לוֹמְדִישֶׁע סְפָרִים, אַז גָאר אִין דֶער יוּגְנְט הָאט עֶר גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, הָאט עֶר דוּרְכְגֶעזָאגְט פֶערְצִיג מָאל גַאנְץ שַׁ"ס אָן רַשִׁ"י אָן תּוֹסְפוֹת, אוּן עֶר הָאט אַלֵיין גֶעזָאגְט פְּשָׁטִים אִין דֶער גְמָרָא, אוּן דֶער סוֹף הָאט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַזאַ גָאוֹן.

**עֶס** זֶעהְט אוֹיס זַייעֶר קָאמִישׁ פַארְוואוּנְדֶערְט, אִיךְ וֶועל נֶעמֶען אַ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן אִיךְ וֶועל דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן נָאכְדֶעם וֶועל אִיךְ דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ מַסֶכֶת שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז אִיךְ וֶועל דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ שַׁ"ס אָן רַשִׁ"י אָן תּוֹסְפוֹת, וָואס וֶועט מִיר עֶס בְּרֶענְגְן? נֵיין נֵיין, פְּרוּבִיר עֶס אוֹיס וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואסֶערֶע זִיסְקֵייט דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אִין דַיין לֶעבְן, דוּ וֶועסְט זַיין פַארְנוּמֶען אַגַאנְצְן טָאג, סְ'וֶועט נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר גֵיין לֵיידִיג, סְ'וֶועט נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר פִּיסְטְקֵייט אוּן פִינְסְטֶערְנִישׁ וְכוּ' וְכוּ'.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זַיי מַמְשִׁיךְ אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְן חַזֶרְן אוּן זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אֵיינְמָאל נָאכְן אַנֶדערְן, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט אִין שַׁ"ס, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט אִין ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, וָואס בַּיים רֶבִּי'ן וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ הַקָטָן, וָוארוּם אַמָאל אִיז גֶעוֶוען גֶעדְרִיקְט נָאר מְחַבֵּר רְמָ"א אָן פֵּירוּשִׁים, אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַדוּרְךְ זָאגְן גַאנְץ ד' חֶלְקֵי

שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וֶועט עֶר ווִיסְן יֶעדֶע הֲלָכָה וואו ס'גֶעפוּנְט זִיךְ, אַז עֶר וֶועט דַארְפְן פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וֶועט עֶר ווִיסְן וואו צוּ פְרֶעגְן און וואו צוּ קוּקְן, און וָואס צוּ פְרֶעגְן וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר פְרֶעמְד דִי זַאךְ.

וֶועגְן דֶעם עִנְיָן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט וְכוּ', זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער גַאנְצֶער מֹחַ מַחֲשָׁבָה דַארְף זַיין נָאר טְרַאכְטְן פוּן שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וָואס אִיז פַאר זַיינֶע אוֹיגְן, וָואס דָאס אִיז (תְּהִלִּים ט"ז) "שִׁוִּיתִי הֲוָיָ"ה לְנֶגְדִּי תָמִיד" אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג אִינְזִינֶען הָאבְּן שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד, וָואס דָאס בַּאהֶעפְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים י' כ"א) "הוּא תְהִלָּתְךָ וְהוּא אֱלֹקֶיךָ", מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶוערְט עֶר בַּאהָאפְטְן צוּ אִים.

דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט עֶר נִישְׁט וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אַדְּרַבָּה עֶס פַאלְט אַ פַּחַד אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי ווִילְן אִים טְשֶׁעפֶּען, אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, דוּ אַנְטְלוֹיף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, רֶעד וָואס ווִינְצִיגֶער צוּ מֶענְטְשְׁן וָוארוּם מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן זֵיי אַזוֹי ווִי מֶען הִיט זִיךְ פוּן מַלְאַךְ הַמָּוֶות וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') אִיז אַ חַיָה בִּדְמוּת אָדָם, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַ חַיָה אִין אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וָוארוּם אַ חַיָה טַאנְצְט אוּן שְׁפְּרִינְגְט אַרוּיף אוֹיף אַ אוּמְשׁוּלְדִיגְן מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט אַ צְוֵויטְן, אָדָם אִיז מִלָּשׁוֹן 'אֲדַמֶּה לְעֶלְיוֹן' עֶר אִיז צוּגֶעגְלִיכֶנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט נָאר גוּטְס, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תנ"ב) 'גָאט אִיז תָּמִיד גוּט'; אוּן עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשֶ'ער פָּסוּק וָואס מִיר זָאגְן דְרַיי מָאל אַ טָאג (תְּהִלִּים קמ"ה) "טוֹב הֲוָיָ"ה לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו" גָאטֶענְיוּ אִיז נָאר גוּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין בְּדַרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, שְׁטֶענְדִיג נָאר טוּהְן טוֹבוֹת פַאר יֶענֶעם, אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גוּט ווִיסְן, אוֹיבּ עֶר טוּט רִשְׁעוּת פַאר יֶענֶעם טוּט עֶר רִשְׁעוּת פַאר זִיךְ, וָואס מֶען טוּט פַאר יֶענֶעם אַזוֹי וֶוערְט צוּרִיקְגֶעטוּהְן פַאר אִים, אוֹיבּ עֶר טוּט חֶסֶד מִיט אַן אַנְדֶערְן אִיד וֶוערְט גֶעטוּהְן מִיט אִים חֶסֶד, אוֹיבּ עֶר טוּט רִשְׁעוּת מִיט אַן אַנְדֶערְן וְכוּ', טוּט מֶען אִים רִשְׁעוּת וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נָאר בַּאהֶעפְטְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן ווִיאַזוֹי? הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ, אוּן דַוְקָא דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין לֶעבְּן, וָואס דָאס אִיז פָּשׁוּט טְרַאכְטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ב) אַז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְּשִׁיטוּת, זַיין אַ פָּשׁוּטֶער אִיד אָן חָכְמוֹת, גֵיין דְרֵיי מָאל אִין טָאג דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער שִׂמְחָה, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב קִישְׁט מֶען דִי מְזוּזָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן אַ מְזוּזָה אוֹיף אוּנְזֶער טִיר, מֶען טוּט זִיךְ אָן מִיט צִיצִית אוּן מִיט תְּפִילִין, אוּן מֶען עֶסְט נָאר כָּשֵׁר, אוּן מֶען טוּט חֶסֶד אוּן צְדָקָה מִיט אִידְן, וְעַל כּוּלָם מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דָאס "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" אוּן מֶער פוּן דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט הָאבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין מִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נִישְׁט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג אִינְזִינֶען הָאבְּן זִיךְ, וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן וְכוּ', וָואס וֶועט מִיט מִיר זַיין וְכוּ', לוֹיף נִישְׁט נָאךְ, נָאךְ יֶענֶעם, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם פוּן דֶעם וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט הָאבְּן, דוּ קוּק נָאר וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר, אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אִיז דָא נִסְיוֹנוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין דַיין הַארְץ, וֶועסְטוּ זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, נָאר שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תשפב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וַיְחִי ט' טֵבֵת ה'תשע"ה

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, דוּ הָאסְט אוֹיבֶּעט אַ זִיווּג, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב.) אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי; קוּמְט אוֹיס מֶען הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶערוּפְן פַאר דִיר וֶוער אִיז דַיין שִׁידוּךְ, דוּ דַארְפְסְט נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל אָנְקוּמֶען גְרִינְגֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם מְנִיעָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ז) אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית, קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן דֶעם בַּת זוּג, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן אוֹיף חַטְּאוֹת נְעוּרִים, דֶעמָאלְטְס טְרֶעפְט מֶען גְרִינְג דֶעם שִׁידוּךְ.

**גֶעווֹאוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן אִים, אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט מִיט דִיר טוּהְן, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, דֶער עִיקָר אִיז הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט "שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטִין זִיךְ", אַ אִיד דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וָואס ס'גֵייט נָאר אוֹיף אִים נִישְׁט אִיבֶּער, אוּן דֶער עִיקָר נָאר זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מ"ח) אַז דִי

וֶועלְט אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁמָאל בְּרִיקְל, מֶען דַארְף דוּרְךְ גֵיין אוֹיף דֶעם, וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, יֶעצְט אַז דוּ וֶועסְט דָאס אִין דִיר אַרַיינְנֶעמֶען וֶועסְטוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תשפג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וַיְחִי ט' טֵבֵת ה'תשע"ה

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג זַיין פְּרֵיילִיךְ, אוּן מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זֶעהְן אַ שְׁמֵייכְל אוֹיף דַיין פָּנִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ג) וֶוען אַ אִיד גֵייט שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ שְׁמֵייכְל סְ'וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַנְפִּין נְהוֹרִין, אַ לֶעכְטִיג פָּנִים, קֶען מֶען זֶעהְן אִין זַיין פָּנִים דֶעם דְמוּת פוּן צַדִיק צוּ וֶועמֶען עֶר אִיז מְקוֹרָב, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ דָגוּשׁ אוֹיף שִׂמְחָה, שִׂמְחָה דָאס אִיז דֶער מְקוֹר הַקְדוּשָׁה, וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם הַארְץ, אוּן זַיין כַּוָונָה אִיז נָאר לְטוֹבָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם

עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו; אוֹיב אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה מִיט אַ גֶעוואַלְדִיגֶע שִׂמְחָה, מִיט דֶעם ווייזְט עֶר זַיין רֵיינֶע הַארְץ אַז עֶר מֵיינְט עֶרְנְסְט, עֶר ווִיל טוּהְן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם שְׂכַר, נָאר טוּהְן וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעהֵייסְן, אִיבֶּערְדֶעם אִיז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אֲפִילוּ דָאס הַארְץ אִיז אִים צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזֶענְט שְׁטִיקְלֶעךְ, מֵרוֹב צָרוֹת וָואס עֶר מַאכְט מִיט, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן עֶר אִיז מְקַבֵּל פְּנֵי חֲבֵירוֹ מִיט אַ שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ.

**וְוִידֶערְאוּם** מֶען קֶען מְחַיֶּה זַיין מֶענְטְשְׁן זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט דֶעם וָואס מֶען ווייזְט יֶענֶעם אַ פְרֵיילִיכְן פָּנִים, ווָארוּם מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט בְּזֶה הָעוֹלָם אַזוֹיפִיל צָרוֹת אַזוֹיפִיל יִסוּרִים, אַזוֹיפִיל בִּיטֶערְנִישׁ, אַז זֵיי מֵיינֶען סְ'אִיז עֶק וֶועלְט, אוּן זֵיי הָאבְן נִישְׁט צוּ וֶועמֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, ווִיפֶער זֵיי זֶעהְן אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים, גֵייעֶן זֵיי צוּ צוּ אִים אוּן זֵיי רֶעדְן זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ וְכוּ' וְכוּ', אוּן ווִיסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דָאס אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר אַ צְווֵייטְן אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר טְרָאגְט אִין זִיךְ אַרוּם זַיין צַעַר אוּן זַיין וֵוייטָאג, אוּן עֶר לָאזְט עֶס אַזוֹי אִיבֶּער, קֶען עֶר רַחֲמָנָא לִיצְלָן זִיךְ נֶעמֶען דֶעם לֶעבְּן פוּן רוֹב עֶנְגֶענִישׁ וָואס סְ'קוּקְט אִים אוֹיס אַז עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין צָרָה וְכוּ' וְכוּ', וָואס דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, פוּן אַלֶע צָרוֹת פוּן דִי

וֶועלְט קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, נָאר מֶען דַארְף טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן מֶענְטְש וָואס עֶר קֶען אִים וַוייזְן דֶעם וֶועג וואו אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי צָרוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֵיי אַרוּם שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּטִיג פָּנִים, מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶועט

מֶען קֶענֶען זֶעהְן דֶעם רֶבִּינְ'ס צוּרָה אִין דַיין פָּנִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַזוֹי ווִי דִי לְבָנָה נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן דִי זוּן, אוּן אוֹיבּ סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין אָפְּהַאלְט בַּיי דִי לְבָנָה נֶעמְט עֶס אַרַיין אִין זִיךְ מֶער דִי לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן דִי זוּן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַ פָּנִים פוּן אַ מֶענְטְש וָואס מֶער עֶר אִיז זִיךְ מְזַכֵּךְ דֶעם פָּנִים אוּן דֶעם פְּנִימִיוּת זַיינֶע, אוּן עֶר אִיז מְקַבֵּל דֶעם לֶעבְּט פוּן צַדִיק, לַייכְט אִין שַׁיינְט אִין אִים דִי לֶעבְּט פוּן צַדִיק, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט דָאס אַרַיין בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, דֶעמָאלְט וֶועט אִים אַלֶעם גֵיין גְרִינְגֶער.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**